STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00810

# REB YISROEL BAL-SHEM-TOV

Samuel H. Setzer

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Eugene & Mona Malkis*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# רֶבּ יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב

זײַן לעבען, לעהרע און װירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919*
*by*
*Sdmuel H. Setzer*

פארלאג אמעריקא

# צווייטער באַנד –

## דריי ביכער:

ד) די וועגן וואָס פיהרען צו גאָט

ה) טרוימער און קעמפפער

ו) וועגן אונטערגאַנג

# אינהאלט־פֿארצייכניס

# אינהאַלט־פערצייכנים

## פיערטעס בוך

א. — דער חסידיזם אַלס פּאָזיטיווע אידישע בעוועגונג.
ב. — פאָרטזעצונג.
ג. — דעם בעל שם׳ס שיטה אין עבודת השם.
ד. — אַלעס אין לעבען איז אין אַ מיסטעריעזען מאַנטעל איינגעהילט.
ה. — אמונה און בטחון.
ו. — ריין און היילינ בעדאַרף שטענדיג דער געדאַנק פון מענשען זיין.
ז. — אויסערליכע און אינערליכע ענוה.
ח. — די וויכטיגקייט פון תפלה.
ט. — דער טראַגיזם פון אַ אידישען מיסטיקער.
י. — דער ענין פון דבקות.
י״א. — דער כח פון צדיק און זיין מיסיאָן אין אידישען לעבען.
י״ב. — דער סוד פון גלגול.
י״ג. — משלים און אַפאָריזמען.
י״ד. — דער בעל שם פערטהיילט די אַרבייט צווישען זיינע תלמידים.

## פינפטעס בוך.

א. — דער מאָרד־בלבול אויף אידען פון תק״ז. און זיין ווירקונג אויף דעם בעל שם.

ב. — דעם בעל שם׳ס חבריא ווערט מיט איין וויכטיגען מיטגליעד ווענינער.

ג. — דער בעל שם פאַלט אין אַלץ אַ מעהר שטאַרקערען מיסטיציזם אַריין.

ד. — די געגנערשאַפט אין אויסלאַנד געגען דעם בעל שם.

ה. — די געגנערשאַפט צו איהם אין זיין אייגענעם געגענד.

ו. — זיינע געגנער צווישען זיינע אייגענע קרייזען.

## זעקסטעס בוך

א. — דער „אור החיים״.

ב. — דער בעל שם פאָהרט קיין ארץ ישראל זיך זעהן מיט דעם „אור החיים״.

ג. — די פראַנק־בעוועגונג.

ד. — יעקב פראַנק און שבתי צבי.

ה. — די גרויסע ליכט ווערט אויסגעלאָשען.

ז. — דאָס לעבען פון בעל שם נאָך זיין טויט.

# פיערטעס בוך

## די וועגען וואָס פיהרען צו גאָט

## א.

# דער חסידיזם אלס א פאזיטיווע אידישע בעוועגונג.

נים נאר אין דער מעטאפיזישער שיטה זיינער אליין איז דער בעל־שם זיך זיין אייגענעם וועג געגאנגען, נאר אויך אין בעצוג צום פראקטישען אידענטום האט ער זיין אייגענעם וועג געהאט. — דער אונטערשיעד צווישען די רבנישע אידישקייט און צווישען דער אידישקייט, וואס די קבלה פרעדיגט. — די פאלשע מיינונג פון מאנכע, וועלכע שטעלען ארויס די קבלה, אלס א בעוועגונג, וועלכע האט געשטרעבט דאס רב׳נישע אידענטום צו בעקעמפפען.

און פונקט, ווי ער האט זיך געהאט זיין אייגענעם דרך אין דער לעהרע וועגען דער געטהייט, פונקט ווי ער האט אויף דעם געביעט פון דער אידישער מעטאפיזיק זיין איינענע שיטה אויפגעבויעט, אזוי האט ער אויך אין בעצוג צום פראקטישען אידענטום, אין זיינע לעהרען וועגען דעם, ווי אזוי מען בעדארף גאט דיענען, זיין אייגענעם דרך געהאט.

און אויך דא איז זיין שיטה געקומען אין קאנפליקט ניט נאר מיט דעם רב׳נישען אידענטום, ניט נאר מיט די אלגעמיינע לעהרען פון דער קבלה, נאר אויך מיט דעם מקור פון וועלכען דער בעש״ט׳ער חסידיזם האט הויפטזעכליך געטרונקען — מיט דער קבלת האר״י.

די אידישקייט, וואס די קבלה לערנט און פרעדיגט איז אין אלגעמיינעם פיעל ווייכער, מעהר געפיהלפולער און פון

מעהר אינערליכען אינהאלט, ווי די אידישקייט, וואס דאס רב׳נישע אידענטום פרעדיגט.

נאטירליך, איז דאס א שען ביסעל איבערטריבען, ווען מאנכע פון די, וואס שרייבען וועגען חסידיזם אדער וועגען דער קבלה אין אלגעמיין, ציהען אזוינע שארפע גרענעץ־ליניען צווישען דער קבלה און צווישען דעם ראביניזם אין בעצוג צו זייערע לעהרען וועגען דעם, ווי אזוי דער איד בעדארף דעם „בורא עולם" דיענען. נאטירליך, איז דאס א שען ביסעל איבערטריבען, ווען מאנכע פון זיי בעטראכטען דאס רב׳נישע אידענטום און די קבלה, ווי צוויי בעזונדערע תורות במעט.

עס קען קיין מעהר אויבערפלעכליכע מיינונג ניט גע־בען ווי צו בעטראכטען די קבלה, ווי א בעוועגונג, די שטרעבונגען און טענדענצען פון וועלכער זיינען גרויסע אפעראציאנען אין אידישען „שלחן ערוך" צו מאכען. עס קען קיין מעהר אויבערפלעכליכע בעהויפטונג ניט זיין, ווי צו בעטראכטען די פארשטעהער פון דער אלטער אדער נייער קבלה, אין אלע זייערע פערשיעדענסטע שאטירונגען און פארמען, אלס די פארשטעהער פון א ריכטונג, די ציעלען און צוועקען פון וועלכער זיינען געווען, דאס רב׳נישע אידענטום צו בעקעמפפען.

עס איז מעהר ניט, ווי א רעזולטאט פון ווערען מיט־געריסען פון דער ליעבע צום געגענשטאנד, וועגען וועלכען מען שרייבט; עס איז אויך מעהר ניט, ווי א רעזולטאט פון ניט קענען אריענטירען זיך, ווי געהעריג, אין דעם פסיכאלא־גישען און פאקטישען אינהאלט פון די אידעען, צווישען וועלכע מען קומט די פאראלעלען ציהען, צו בעהויפטען, אז נאר די פארשטעהער פון דער קבלה האבען געשטרעבט צו זיין די אמת׳ע לעהרער און וועג־ווייזער פון פאלק, אז נאר

זיי האבען אלס אזעלכע הארץ און נשמה פערמאגט, אז נאר זיי האבען גענוכט אינטים און נאהענט צום פאלק צו גהען — ווערהענד *) „די רבנים האבען קיין אינטערעס ניט גענומען אין די גייסטיגע בעדערפעניש ען פון פאלק: זיי האבען איהם קיינמאל קיין מוסר־השכל געפרעדיגט. זיי האבען נאר ניט געטהון זיין גייסט און הארץ צו שטארקען און האבען ניט גענוכט מדות טובות און מנהגים ישרים אין איהם איינצו־פלאנצען.״

אפשר איז דאס אלעס דא אדער דארטען אין א געוויסען פעריאד יאהרען יא געווען דער כאראקטעריסטישער שטריך פון די פארשטעהער פון רבנ׳ישען אידענטום. עס איז אבער דער גרעסטער טעות צו בעהויפטען, אז זיי זענען שטענדיג אין אלע צייטען און אומעטום אזוי געווען.

ניט נאר מיט טרוקענע דינים אליין האבען די רבנים שטענדיג דאס פאלק געשפייזט. זיי האבען אויך פאר זיין הארץ און געפיהל געזארגט. ניט ווייט פון פאלק זענען זיי געשטאנען. זיי האבען מיט איהם זיין גאנצען לעבען מיט־געלעבט. ניט נאר א דין אדער א שאלה האבען זיי פאר איהם געפסק׳ענט. זיי האבען איהם אויך גוטע זיטען און פיינע אויפפיהרונג געלעהרענט. און ניט נאר פרנסה און כבוד פון פאלק צו נעהמען זענען זיי שטענדיג גרייט געווען. זיי זענען שטענדיג גרייט געווען אויך צו געבען דעם פאלק. דער גרע־סטער, גרעסטער פראצענט זייערער איז אין יעדען מאמענט גרייט געווען, מוסר נפש צו זיין זיך פאר א אידען. זיין מי־סיאן אין לעבען האבען זיי בכלל ניט געזעהן נאר אין שאלות צו פסק׳ענען, אין דעם, זיי זאלען דעם עול פון פערשיעדענע דינים אויף די אידישע מאסען מכביד צו זיין. זיי האבען זיך

*) ש. א. הארארעצקי און זיין ארבייט וועגען בעל־שם.

אלס די טאטעס פון אידישען פאלק בעטראכט, און זיי זענען שטענדיג אוי ‌ דער וואך איבער די אלע פערשיעדענע וועגען פון זיין לעבען געשטאנען.

און פאקטיש זענען נאר זיי טאקי שטענדיג די פיהרער פון אידישען פאלק געווען, ניט די מקובלים. דאס אידישע לעבען איז שטענדיג נאר אונטער זייער איינפלוס געשטאנען, ניט אונטער דעם איינפלוס פון די מקובלים. אין געוויסע צייטען האבען אמת די מקובלים יא געשטעלט געוויסע רע־גיאנען פון אידישען לעבען אונטער דער ממשלה זייערער. די ממשלה האט זיך אבער ביי זיי ניט לאנג געהאלטען. אפילו אבער אין די צייטען, ווען זיי האבען דאס אידישע לעבען יא אונטער זייער איינפלוס געהאלטען, אפילו דאן אבער האבען זיי קיינמאל ניט געשטרעבט דעם אויטאריטעט פון די רבנים אונטערצוברענגען, האבען זיי קיינמאל ניט געשטרעבט, דעם „שולחן־ערוך" אביסעל „שיטערער" צו מאכען. א פשיטא שוין, אז זיי האבען ניט געקענט שטרעבען, דאס רבנ'ישע אידענטום אינגאנצען צו אנולירען. אמת, דא אדער דארטען האט דער אדער יענער מקובל „שפילקעס געלאזט" אין רבנ'י־שען אידענטום. די שפילקעס אבער זיינען מעהר געווען גע־ריכטעט געגען די טרעגער פון דער אידעע, ווי געגען דער אידעע אליין.

נאך די אלע רדיפות, וואס די מקובלים האבען געהאט אין פערשיעדענע תקופות פון די רבנים אויסצושטעהן, נאך דעם, וואס זיי — די רבנים — האבען זיך מיט אזוי פיעל גרינגשעצענדער בעציהונג צו דער קבלה בעצויגען, און פיעלע פון זיי האבען זי אויך אלס פסול און טרייף ערקלעהרט, איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס עס האבען זיך אמאל דברים קשים פון מויל פון אייניגע מקובלים געגען די רבנים ארויס־געריסען. דער וואונדער איז, וואס דיעזע פעלע זענען אזוי

ווייניג אין צאָהל געווען, וואָס ערקלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס אויך זיי — די מקובלים — האָבען די רבנים אלס די איינציגע פאָרשטעהער פון אידענטום בעטראַכט, נאָר דער־מיט, וואָס אויך זיי, ווי דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָבען זיך צו זיי — צו די רבנים — מיט געוואַלדיגען רעספעקט און מורא בעצויגען.

און ווירקליך א סך מעהר, ווי נאָר דערפאַר, וואָס זיי — די מקובלים — זענען פיעל שוואַכער פאַר זייערע געגנער געווען, האָבען זיי ניט אָבגעשטעפּערט די לעצטע דערפאַר, וואָס אויך זיי האָבען צופיעל דעם הויכען אויטאָריטעט פון זייערע געגנער אנערקענט, דערפאַר וואָס זיי — די רבנים — האָבען פערטראָטען אן אידעע, — דאָס רבנ׳ישע אידענטום, וועלכע איז אויך פון זיי — פון די בעלי־הקבלה — ניט ווע־ניגער, ווי פון זייערע געגנער, אלס הייליג און אונבעריהרבאַר בעטראַכט געוואָרען. נאָר דערפאַר האָבען זיי די אלע בעליי־דיגונגען און רדיפות שטיל אראָבגעשלונגען. נאָר דערפאַר האָבען זיי מיט קיינע געגען־בעליידיגונגען ניט רעאַגירט, אויסהערענדיג די אלע חרמות, וואָס מאנכע פון די רבנים האָבען אויסגעגאָסען אויף דער קבלה, וועלכע איז פון זיי — פון די מקובלים — אזוי פערגעטערט געווען.

# ב.

## פאַרטזעצונג

די קבלה איז שטענדיג נאָר אַ פּאָזיטיווע אידישע בעוועגונג געווען, ניט קיין נעגאַטיווע. — זי האָט קיינמאָל קיינע להרוג־ולהשמיד־טענדענצען בנוגע צום רבנ'ישען אידענטום ניט פּערמאַנט. — אַלעס, וואָס די „ראשונים" און „אחרונים" האָבען מחדש געווען, האָט זי אַלס „תורת־אמת" בעטראַכט. — אין איינצעלנע פעלע נאָר זיינען די בעלי הקבלה מיט די פּוסקים מחולק. — די קבלה האָט נאָך מעהר ערנסטען, מעהר אינערליכען ווערטה דעם עניין פון מקיים זיין די מצוות צוגעגעבען. — זי האָט עס מיט די עולמות העליונים פערקייטעלט. — טהוט מען אַן עבירה — ווערט מען פון מקור החיים אַבגעשניטען. — טהוט מען קיין מצות ניט, בלייבט מען אָהן די נויטיגע „צנורות", דורך וועלכע די געטהייט זאָל קענען צו אונז איהר שפע־ברכה ממשיך זיין. — נאָר די לינקע מיסטישע בעוועגונגען ביי אידען האָבען געשטרעבט די מצוות המעשיות צו בעקעמפען. — זיי האָבען אָבער געציעלט זייערע פייַלען ניט נאָר געגען דער תורה פון די רבנים, נאָר אויך געגען תורת־משה. — אין זייער מיסטישען וואָהנזינן האָבען די פאַרשטעהער פון דיזע בעוועגונגען ניט נאָר אַלס משיחים און גאונים זיך בעטראַכט, נאָר אויך אַלס געטער און האַלבע געטער. — ניט נאָר אַ ניי פּריי לעבען האָבען זיי געוואָלט דעם אידישען פאָלק ברענגען, נאָר אויך אַ נייע תורה און אַ נייע רעליגיאָן. און דעריבער האָט זיי די אידישע געשיכטע מיט „כרת" געשטראָפט.

יאַ, די אידישע קבלה אַלס כלל האָט קיינע „להרוג ולהשמיד''־טענדענצען ניט געהאַט בנוגע צום רבנישען אידענטום. מיט איהר גאַנצער אונטערשטרייכונג, אַז דער עיקר איז די כונה, דער תוך, די נשמה, האָבען איהרע פאַרשטעהער, ניט ווייניגער, ווי די פאַרשטעהער פון רבנישען אידענטום, געפאָדערט דאָס פּאַלשטענדיגע מקיים זיין פון די אַלע דינים

און מצוות. אין אַלע הונדערט פּראָצענט איהרע איז די קבלה אַ פּאָזיטיווע אידישע בעוועגונג געווען, ניט קיין נעגאַטיווע. איהר אויפגאַבע איז געווען ניט אַלטע ווערטען צו שטירצען, נאָר נייע צו שאַפען.

אַלעס, אַלעס, וואָס די „תנאים״, „אמוראים״ און „פּוסקים״ האָבען מחדש געווען, איז אויך זיי טייער און הייליג געווען, האָבען אויך זיי אַלס „תורת משה״ בעטראַכט.

אויף די פינגער קען מען איבערצעהלען די אַלע פעלע, אַ וואו די מקובלים זענען אין מחלוקת מיט די פּוסקים וועגען דעם אָדער יענעם דין, אַ וואו זיי האָבען אַ געגענגעזעצטע מיינונג צו דער מיינונג פון די פּוסקים, ניט נאָר, וואָס אַנבעלאַנגט „איסור־והיתר־דינים״, — אויף דעם געביעט, אויב איך קען זיך פערלאָזען אויף דעם זכרון מיינעם, געפינט זיך אפילו ניט קיין איין פאַל אַזוינער — נאָר אויך אפילו בנוגע צו די „אורח־חיים״ דינים. און אויך אין דיזע פעלע אפילו, זאָגען די בעלי הקבלה אַליין, אַז מען בעדאַרף זיך אויפפיהרען ניט ווי די קבלה הייסט, נאָר ווי די פּוסקים הייסען.

מען בעדאַרף ניט צופיעל אידעאַליזירען. מען בעדאַרף ניט די מקובלים אין אַ צו רייכען רעפאָרמער־מאַנטעל איינהילען.

די אַלע תרפ״ט אלפים דינים וועגען „נקיות״ האָט אויך דער האר״י הקדוש ניט אָבגעשאַפט. דאָס איינציגע, וואָס ער האָט געטהון, איז געווען, וואָס ער האָט אויף יעדען דין „תלי־תלים״ פון טיעפע „כונות״ אָנגעהאַנגען. די „מקובלים״ האָבען קיין מיסאַכטונג אַרויסגעוויזען ניט צו די רבנים און ניט צו דעם היסטאָריש־טראַדיציאָנעלען אידענטום, וואָס זיי האָבען פערטראָטען. זיי זענען אַלע עהרליכע און פרומע אידען געווען. זיי האָבען אַליין די אַלע פאַרשריפטען פון די אַלע „ראשונים״ און „אחרונים״ מקיים געווען און דאָסזעלבע

אויך געהייסען טהון זייערע אנהענגער. אין זייערע ספרים פעררופען זיי זיך ניט וועניגער אויף די חז"ל, ווי אויף תורת־משה. אזעלכע מאמרים, וועלכע מען געפינט ביי מאנכע פון די מקובלים, אז „לעתיד לבוא וועט די אויסערליכקייט פון דער מצוה און די עשיה איהרע בטל ווערען", זענען ניט נאר פאר דער קבלה אליין הארקטעריסטיש. עהנליכע מאמרים קענט איהר אויך אין תלמוד געפינען, ווי דער מאמר „עתידות מצוות להיות בטלות לעתיד לבוא".

עס איז דאריבער ניט נאר אונבעגרינדעט, נאר אויך זעהר לעכערליך צו בעהויפטען, ווי מאנכע פון דער קבלה־און־חסידיזם־פארשער טהוען עס, אויף דעם סמך פון אזוינע מאמרים, אז די מקובלים האבען אן אינערליכען בעהאלטענעם האס צום פראקטישען אידענטום געפיהלט, אז די קבלה האט זיך צו אט יענער גרויסער פילאזאפישער הויך דערהויבען, נאר אן „אמונה שבלב" צו פרעדיגען.

פערקעהרט נאך, זיי האבען דעם מקיים זיין פון די מצוות נאך מעהר טיעפערען ערענסט, נאך מעהר אינערליכען ווערטה צוגעגעבען.

דאס מקיים זיין פון דער קלענסטער מצוה האבען זיי מיט די „עולמות העליונים" פערקעטעלט. איז מען אויף דער קלענסטער עבירה עובר קען מען דורכדעם ניט נאר די אייגענע וועלט חרוב מאכען: מען קען דורכדעם א גוואלדיגען חורבן אויך אין פיעלע, פיעלע פון די עולמות העליונים ארייננברענגען. דורך די מצוות וואס מיר זענען מקיים, מאכען מיר דעם „דבק־טוב" צווישען די „עולמות העליונים" און „עולם התחתון". זיי זענען די בריק דורך וועלכען עס ווערט די אידעע מיט דער מאטעריע פעראייניגט. דורך זייער פערמיטלונג קומען מיר מיט דער געטהייט אין בעריהרונג.

זיי זענען די „צנורות", דורך וועלכע די געטליכע השפעה ציהט זיך צו אונז. טהוען מיר אבער, חלילה, אירגענד וועלכע עבירה — בלייבען מיר דאן פון מקור אבגעשניטען. זענען מיר ניט די מצוות מקיים — בלייבען מיר דאן אהן די נויטיגע מיטלען, דורך וועלכע עס זאל זיך קענען צו אונז די געטליכע השפעה ציהען. עס ווערט דאמאלס א „פירוד בין הדביקים". עס פעהלען אונז די נויטיגע צנורות, וועלכע זאלען צו אונז דאס לעבען פון מקור־החיים פיהרען.

און ניט נאר דער עולם התחתון אליין ווערט „לקוי" דאמאלס. אויך די עולמות העליונים ווערען מלא „פגימות" דאמאלס.

ווארום עס הערשט פאלקאמענע הארמאניע צווישען דעם גאנצען זעהבארען און אונזעהבארען אוניווערזום. זיי קענען איינער אהן דעם צווייטען זייער גאנצען און פולען לעבען ניט לעבען. ניט נאר דער מושפע בעדארף שטענדיג צום משפיע אנקומען. דער משפיע בעדארף אויך דעם מושפע האבען. די השפעה קען ניט בלייבען אין זיך איינגעשלאסען. זי מוז א „כלי־ברכה" האבען, אין וועלכער זי זאל קענען „משפיע" זיין.

די גרעסטע אפיקורסות, וואס איהר קענט געפינען אין דער קבלה, בעשטעהט נאר אין דעם, וואס מאנכע פון די מקובלים האבען די „חכמת־הקבלה" געשטעלט העכער פון חכמת־התלמוד. נאר אזא מיסאכטונג צום רבנ'ישען אידענטום קענט איהר ביי די מקובלים געפינען.

קביעות התורה מעילא לתתא: — זאגט איינער פון די גרויסע מקובלים: — תורה, נביאים, כתובים, קבלה, משנה,

תלמוד. די אָרדנונג — הייסט עס אין דער אידישער איבער־זעצונג — וואָס אנבעלאנגט דער חשיבות פון דער אידישער תורה, איז פריהער די חמשה חומשי תורה, נאָכהער—נביאים, כתובים, קבלה, משנה און תלמוד.

עהנליכע מיינונגען אָבער געפינט איהר אויך וועגען דער פילאָזאָפיע ביי מאַנכע פון די אידישע גדולים, וועלכע זענען איהרע אָנהענגער געווען.

הפלוסופיא ביחס אל התלמוד — זאָגט דער ר״י אבן כספי — איז כיחס הנשמה אל הגוף — די ווערטה פון דער פילאָזאָפיע אין פערגלייך מיט דעם תלמוד איז ווי דער פער־גלייך צווישען דער נשמה און צווישען גוף.

אין זייערע הויכע מיינונגען וועגען דער קבלה, אין זייער אונטערשטרייכען די גרויסע חשיבות איהרע, אין דעם, וואָס זיי האָבען דאָס עוסק זיין אין חכמת הקבלה מיט אַ מדרגה העכער געשטעלט פון דעם עוסק זיין אין תלמוד, איז נאָך גאָר ניטאָ אזוינס, דורך וועלכען מיר זאָלען די בעלי הקבלה אלס בעקעמפפער פון רבנ׳ישען אידענטום קענען ארויסשטע־לען. צו טהון דאָס, וואָלט הייסען נאָך אַ סך מעהר, ווי אַ קליינעם און שוואַכען פייער־פונק אלס אַ העליש פייער צו שילדערען.

דורך דיעזע און עהנליכע מיינונגען קען מען זיי אלס געגנער פון ראַביניזם און זיינע פּאַרשטעהער ארויסשטעלען, פונקט ווי מען קען עס טהון מיט דעם רמב״ם, וועלכער זאָגט כמעט דאָס זעלבע אין זיין „מורה נבוכים,“ אין בעצוג צו דער פילאָזאָפיע פון אריסטו.

עס זענען פערהאַן אזוינע, — זאָגט ער דאָרטען, רעדענ־דיג וועגען די פערשיעדענע מדרגות, וואָס זענען אין עבודת ה׳ פערהאַן, — וואָס ווילען אריינקומען אין הויז פון מלך. זיי האָבען אָבער גאָר אינגאַנצען קיינמאָל דאָס הויז פון מלך ניט

געזעהן *). דיעזע מענשען זענען עס דער גרויסער המון פון די אנשי התורה. איך מיין צו זאגען, די עמי הארצים, וואס זענען עוסק אין מצוות. דאן זענען פערהאן אזוינע, וואס געהען צו ביז צום הויז. זיי געהען אָבער אינעווענינ ניט אריין. זיי געהען עס נאר ארום. דיעזע זענען די תלמודיסטען, — די תלמודיים, — וואס האלטען זיך אין ריכטיגע בעגריפען און אין ריכטיגען גלויבען, לויט ווי זיי זענען צו זיי על פי טראדיציע געקומען. זיי לערנען נאר די פראקטישע זייט פון עבודת השם צו וויסען. זיי זענען אָבער ניט צוגעוואָהנט אין דעם שורש פון דער תורה זיך איינצוטיעפען. זיי בעשעפטיגען זיך ניט, דעם אמת פון דער תורה צו פארשען. **דער אָבער, וואס טראכט שטענדיג נאר וועגען דער געטהייט, דער**, וואס ווענדעט זיך שטענדיג צו השם יתעלה, צו וויסען **די הנהגות** זיינע, אויף ווי ווייט עס איז פאר איהם חאָטש אירגענד־וועלכע מעגליכקייט פערהאן, די אלע, וואס טהוען עס, זענען עס פון די יעניגע, וואס זענען אין הויז פון מלך אריינגעקומען. און דאס איז די מדרגה פון די נביאים. דער מענש בעדארף זיין געדאנק דעם „מושכל ראשון" אוועקגעבען און זוכען צו פערשטעהען איהם, אויף וויפיעל עס איז איהם מעגליך נאר.

און אויך דאס, וואס איינינע פון די מקובלים — צווישען די, וואס האבען זיך אויף דיעזען געביעט אממעהרסטען אויס־געצייכענט, בעדארף מען אויך דעם בעל שם טוב צורעכענען— האבען פון צופיעל דקדוקי־מצוות ניט געהאלטען, וואס איי־

---

*) הרוצים לבוא אל בית המלך, אלא שלא ראו כלל את בית המלך— הם המון אנשי התורה, ר"ל, ע"ה העוסקים במצוות. והמגיעים אל הבית, ההולכים סביבו, הם התלמידיים, אשר הם מאמינים דעות אמיתיות מדרך הקבלה לומדים מעשי העבודות ולא הרגלו בעניז שרשי התורה ולא חקרו כלל לאמת האמונה. אבל מי ששים כל מחשבתו והוא נוטה כלו אל השם יתעלה, לדעת הנהגתו אותם, על איזה צד אפשר שיהיה, הם אשר באו אל בית המלך. וזאת היא מדרגת הנביאים. שישים האדם כל מחשבתו במושכל ראשון ולהתבונז בו כפי היכולת.

ניגע פון זיי זענען גרויסע מקילים געווען, אויך דאָס האָט קיין גרויסען ווערט ניט, אויך דאָס איז נאָך ניט גענוג, מען זאָל קענען צושרייבען דער קבלה טענדענצען און שטרעבונ־גען, דאָס רבנ׳ישע אידענטום צו בעקעמפפען. אויך צווישען די רבנים האָבען זיך געפונען און געפינען זיך מקילים גרויסע. אויך צווישען זיי האָבען זיך שטענדיג געפונען פיעלע, וואָס האָבען תמיד דעם דין נאָר לקולא גע׳פסק׳ענט און ניט נאָר אויף דעם סמך פון „הפסד מרובה“ און „חסה התורה על ממונם של ישראל“ אויסשליעסליך. דאָס אלעס האָט געהאט מעהר צו טהון מיט דער אינדיווידואליטעט און פערזענליכ־קייט פון די מקילים, ווי מיט דעם, וואָס זיי זענען מקובלים אָדער רבנים געווען.

---

נאָר אין די „לינקע“ מיסטישע בעוועגונגען ביי אידען קען מען געפינען דאָס, וואָס מאַנכע פון די קבלה־און־חסידיזם־פאָרשער ווילען אין קבלה בכלל זעהן. נאָר די סטרא־אחרא־משיח־בעוועגונגען, ווי דאָס קריסטענטום נאָכדעם, וואָס עס איז אויף דעם אידישען באָדען איבערגעטראָגען געוואָרען *), ווי די שבתי־צבי־בעוועגונג אָדער די יעקב־פראַנק־בעוועגונג, האָבען אין זיך בעזע כוונות געטראָגען אין בעצוג צום פראַקטישען אידענטום.

דיעזע בעוועגונגען אָבער האָבען זייערע פיילען ניט נאָר אין רבנ׳ישען אידענטום אליין געציעלט, נאָר געגען דעם גאַנ־צען אידענטום בכלל. זיי האָבען די אַלע גרעניצען צווישען מצוות און עבירות געוואָלט פונאַנדערנעהמען. ניט נאָר די

*) עס איז מיין מיינונג, אז דאס קריסטענטהום איז געווען א בע־וועגונג, וואס איז פון די גויים צו די אידען, ניט פון די אידען צו די גויים, איבערגעגאנגען. אין מיין בוך „צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטהום“ פרוב איך דיעזע מיינונג מיינע צו בעווייזען.

תורה פון די ראשונים און אחרונים, נאָר אויך תורת משה האָבען זיי געוואָלט מבטל זיין. זיי האָבען דאָס אידישע פאָלק ניט נאָר פון עול גלות, נאָר אויך פון עול תורה ומצוות גע־וואָלט בעפרייען. אין זייער מיסטישען וואהנזין האָבען זיך די פאָרשטעהער פון דיזע בעוועגונגען ניט נאָר אלס „גואלים" און „משיחים" בעטראכט, נאָר אויך אלס געטער און האלבע געטער. זיי האָבען געוואָלט דעם אידישען פאָלק ניט נאָר אַ ניי, פריי לעבען ברענגען, נאָר אויך אַ נייע תורה, אַ נייע רעליגיאָן געבען.

דיזע בעוועגונגען זענען פון אָנהויב אָן מעהר נעגאַטיוו געווען, ווי פּאָזיטיוו. שוין גאָר אין אָנהויב האָבען זיי אין זיך בעהאַלטען געטראָגען זייערע ציעלען און צוועקען, דאָס אידי־שע פאָלק צו פערנאַרען און פערפיהרען און פון דעם אל אלהי ישראל עס צו פערשטויסען. דיזע בעוועגונגען האָבען פון אָנהויב אָן זייער יניקה פון כח הטומאה געצויגען. די טומאה איז געווען דער כח, וואָס האָט זייער אינהאַלט געשאָפען.

דעריבער איז מעגליך געווען, זיי זאָלען אַזוי פיעל מיס־אַכטונג צו די מצוות המעשיות ארויסווייזען.

און אין דעם איז אויך געלעגען דער סוד פון זייער אונ־טערגאַנג.

נאָר דערפאַר האָט זיי די אידישע געשיכטע מיט „כרת" געשטראָפט. נאָר דערפאַר האָבען זיי אַזאַ „נפילה" געהאַט. דאָס אַלעס איז געווען די אורזאַכע, וואָס דער אידישער באָ־דען האָט זיי ניט געוואָלט קולט זיין אין זיך, די אורזאַכע, וואָס נאָך אַ לענגערען אָדער קורצערען פעריאָד יאָהרען זענען זיי מיט אַ „מיתה מנוולת" געשטאָרבען. דאָס אידענטום האָט זיי גאָר אינגאַנצען אויסגעשפּיעגען פון זיך, ווי זי האָט עס געטהון און טהוט עס שטענדיג מיט די אַלע בעוועגונגען, וואָס ציעלען זייערע פיילען אין סאַמע לעבענס־נערוו פון דער

עקזיסטענץ פון אידישען פאלק אלס נאציאן אדער אלס רעליגיאן.

---

און דאך איז די אידישקייט פון דער קבלה, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, ווירקליך, פיעל וועיכער, מעהר געפיהלפולער און פון מעהר אינערליכען אינהאלט, ווי די אידישקייט, וואס דער ראביניזם פרעדיגט —

טאקע דערפאר, וואס די קבלה לעגט מעהר ערנסטען און אינערליכען אינהאלט אריין אין דעם ענין פון מקיים זיין די מצוות. טאקי דערפאר, וואס זי פערבינדעט עס מיט די „עולמות העליונים." זי — די אידישקייט, וואס די קבלה פרעדיגט — ווערט צוליעב דעם וועניגער „מצות אנשים מלומדה." זי ווערט צוליעב דעם וועניגער מאשינמעסיג. זי בעקומט צוליעב דעם א מעהר טיעפער און שענער לעבען. די קבלה טראגט אין אידישקייט מעהר הארץ און נשמה אריין. מעהר ווי אויך אינערליכען אינהאלט האט דאס רבנ'ישע אידענטום נאר אויסערליכען אינהאלט אין אבהיטען אידישקייט. דאגעגען טראגט אין דעם די קבלה אויך א טיעפען אינערליכען אינהאלט אריין.

ג.

# דעם בעל שם'ס שיטה אין עבודת ה"

פאראלעלען צווישען דער שיטה פון האר"י וועגען עבודת השם און צווי־שען דער שיטה פון בעל שם. — די שיטה פון האר"י פרעדיגט, דער מענש זאל זיך אין גאט פ ע ר ל י ר ע ן. די שיטה אבער פון בעל שם פרעדיגט, אז דער מענש זאל זיך ג ע פ י נ ע ן אין גאט.— דער האר"י הייסט דעם אידען שטענדיג מיט טרעהרען זיך בעגיסען. — וויינען איז ביי איהם די העכסטע מדרגה אין עבודת השם. — דאגעגען האט דער בעל שם גאר גענוג ווערטער ניט, די מדה פון וויינען צו פעראורטיילען. — דער בעליעבסטער טערמין זיינער איז „צו דיענען גאט מתוך שמחה.

און דאריבער פערנעהמט אזא גרויסען און וויכטיגען פלאץ אין דער טעאריע פון די מקובלים די כונה. דער ענין פון „רחמנא ליבא בעי": ניט נאר דער טהאט אליין איז דער עיקר, נאר די כונה וואס מען איז מכון בשעת מעשה. דערי־בער פערנעהמט אזא גרויסען פלאץ אין זייער טעאריע דער געדאנק, די מחשבה, דאס הייסט: דאס אינערליכסטע פון אינערליכסטען, דאס אינטימסטע וועזען פון דער זאך, וואס ריהרט זיך שוין אונמיטעלבאר מיט דער געטהייט אן, דאס אונשטערבליכע פון מענשען, וואס איז שוין אויך א טייל פון „טמיר ונעלם".

און אט דיזער ענין פון „רחמנא ליבא בעי", אז דער עיקר איז דאס הארץ, די כונה, איז אויך דער וויכטיגסטער

גרונד־שטיין אין דער תורה, וואָס דער בעל שם טוב האָט וועגען עבודת השם געפּרעדיגט.

איהם איז אָבער די דאָזיגע שיטה געווען וויכטיג ניט אַזוי צוליעב איהר מיסטיש־פילאָזאָפישער זייט, נאָר צוליעב די דעמאָקראַטישע מסקנות, וואָס ער האָט פון איהר אַרויס־געבראַכט. מעהר ווי די דאָזיגע שיטה איז איהם געווען וויכ־טיג אַלס „תורת אמת", איז זי איהם וויכטיג געווען נאָר אַלס „תורת חיים". נאָכדעם וואָס זי איז דורכגעשטראַהלט געוואָרען מיט דעם אונענדליכען רחמנות־און־ליעבע־געפיהל, וואָס האָט אין זיין טיעף־ליעבענדען האַרצען געלעבט, נאָכדעם, וואָס ער האָט אויף איהר דעם שטעמפּעל פון זיין גרויסען גייסט אַרויפגעלעגט, איז ביי איהם די דאָזיגע שיטה אין אַ ליעבע פליסענדער האַרץ־פרעדיג פערוואַנדעלט געוואָרען, מיט דער הילף פון וועלכער ער האָט געוואָלט אַראָבטרייבען די שוואַרצע און טרויעריגע וואָלקענס פון די געזיכטער פון די פערצווייפעל־טע אַסקעטען, פון וועלכע די אידישע וועלט איז אין זיין תקופה איבערפילט געווען. מיט דער הילף פון וועלכער ער האָט געוואָלט אַ שטראָם פון טרייסט און פרייד אַריינברענגען אין די צעבראָכענע הערצער פון אידישען פאָלק.

און דאָ קומען מיר צו דער בעהויפּטונג, וואָס מיר האָבען אין אַ פריהעריגען קאַפּיטעל געמאַכט, אַז די שיטה פון בעל שם בנוגע צו עבודת השם ענטהאַלט אין זיך אַ געוויסען פּראָטעסטאַנטישען עלעמענט אויך אין בעצוג צו דער קבלת האר"י, אַז זייערע וועגען געהען זיך פאַנאַנדער אויך אין דיזער הינזיכט.

די קבלת האר"י גיט אַלעם די עולמות העליונים אוועק. דער מענש בעדאַרף וועגען זיך גאָרניט טראַכטען. זי פּרעד־דיגט, דער מענש זאָל זיך אין גאַנ

פ ע ר ל י ר ע ן, ווערענד די ציעלען און צוועקען פון די לעהרען פון בעל שם זיינען, ד ע ר מ ע נ ש ז א ל ז י ך א י ן ג א ט ג ע פ י נ ע ן.

די קבלת האר"י פרעדיגט, דער איד זאל ווי א פרוש און נזיר לעבען, ער זאל שטענדיג אין טרויער און געוויין פארברענגען. ער זאל וואס מעהר זיין חומר אין זיך אונ־טערדריקען, ער זאל וואס מעהר זיין גוף פייניגען. וויינען איז ביים האר"י איינער פון די הויפט־פרינציפען, אויף וועל־כע עס האלט זיך זיין שיטה וועגען דעם, ווי אזוי מען בעדארף דעם בורא עולם דיענען.

וויינענדיג זאלסט דו — לערנט אונז דיזע שיטה — שלאפען געהן — וועסט דו דורכדעם אויף דעם עולם העליון קומען. איין שטונדע דורך דער נאכט זאלסטו שטענדיג אויף דער ערד שלאפען מיט א שטיין אונטער דעם קאפ.

„יעדער איינער וואס וויל צו א הויכער מדרגה דערגריי־כען, זאל ער ווי ווייט מעגליך, מרבה בתשובה זיין. מענשען וואס האבען בעשלאסען צואיילען זיך מיט זייער תשובה, אוים מורא, עס זאל אומגעריכט זייער צייט ניט קומען, זאלען דורכאנאנד צוויי טעג און צוויי נעכט פאסטען. די גאנצע צייט זאלען זיי גאר ניט עסען. און איידער זיי וועלען זייער סעודה המפסקת ענדיגען, זאלען זיי לעגען אש אויפ׳ן קאפ, אויף דעם ארט וואו מען טהוט דעם של ראש אן, און זאלען דאן פיעלע טרעהרען גיסען. זיין ברויט זאל דער מענש דאן מיט אש עסען ווי עס שטעהט געשריבען „כי אפר כלחם אכלתי", — איך האב אש ווי ברויט געגעסען. ער זאל אויך דעם געטראנק זיינעם מיט טרעהרען טרינקען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט „ושקויי בבכי מסכתי" — און מיין געטראנק האב איך מיט געוויין צוגעגרייט. נאכדעם זאל ער קינות

זאָגען, און בייגאַכט זאָל ער, ליגענדיג אויפ'ן בעט, מקבל זיין אויף זיך דעם דין פון „ארבע מיתות בית דין".

„ער בעדאַרף זיך צוריקהאַלטען פון פלייש און וויין א גאַנצע וואָך, זאַכען וואָס זיינען ניט קיין מצוה און ניט קיין הכרח, זאָל ער גאַר אין גאַנצען ניט טהון. בשעת דעם דאַווגען זאָל ער זיך אָבהאַלטען אפילו פון א דבר מצוה און רעדען זאָל דער מענש וואָס װעניגער. אויף ווי ווייט דאָס איז פאַר איהם מעגליך נאָר, זאָל ער שווייגען, כדי ער זאָל קיין „שיחה בטילה" פון מויל ניט אַרויסברענגען".

דאָס אַלעם פּרעדיגט די שיטה פון האר"י דאַמאַלס. ווען די שיטה פון בעל שם פּרעדיגט פונקט דעם געגענזאַץ פון דעם אַלעם. זי פּרעדיגט ניט, דער מענש זאָל אין זיך און אין דער גאַנצער גשמיות'דיגער וועלט פערגעסען און זאָל זיך שטענדיג נאָר מיט הימעל־זאַכען אָבגעבען. פאַרקעהרט. זי רופט דעם מענשען, ער זאָל א פולען לעבען לעבען, ער זאָל פון די אַלע רייכטהימער, וואָס דער בורא עולם האָט פאַר איהם צוגעגרייט, געניסען. און פונקט ווי דער האר"י האָט גאָר געגוג ווערטער ניט, ער זאָל זיך פון דער מדה פון „בכיה" ניט קענען אָבלויבען, אַזוי האָט דער בעל שם גאָר קיין געגוג ווערטער ניט, דיעזע מדה צו פעראורטהיילען. דער מענש בעדאַרף שטענדיג פרעהליך זיין, לערנט דער בעל שם. „די מדה פון וויינען", זאָגט דער בעל שם, „איז די ערגסטע מדה, ווארום דער מענש בעדאַרף דיענען גאָט מתוך שמחה". „נאָר ווען דאָס געוויין איז, מחמת פרייד גרויסער, נאָר דאַן איז עס פון א הויכער מדרגה".

„די וועלט איז א תכלית פאַר זיך, און דער מענש, וואָס לעבט אין שמחה, טהוט דערמיט דעם ווילען פון בורא זיינעם".

„דער, וואָס זאָגט, אז די וועלט האָט קיין ממשות ניט, מאַכט א גרויסען טעות. די וועלט איז זעהר וויכטיג פאַר

דעם, וואס קען פון איהר גענִיסען, ווי עס בעדארף צו זיין, און ווייסט, ווי אויפצופיהרען זיך אין איהר".*)

און דאריבער בעדארף דער מענש ניט נאר פאר דער נשמה, נאר אויך פאר דעם גוף זארגען. פייניגען דעם גוף אין עצבות און אין סגופים פערברענגען איז ניט נאר ניט א מצוה, נאר אויך אן עבירה. די פראזע, וועלכע איז אם מעהרסטען בעליעבט אויף דעם בעל שם, ווען ער רעדט וועגען עבודת השם איז „דיענען גאט מתוך שמחה". די מדה פון עצבות האט ער פאר איינער פון די ערגסטע מדות גע־האלטען. דער מענש בעדארף זיך דאריבער מיט סגופים ניט פייניגען, ווארום סגופים ברענגען צו עצבות. אויסער דעם, ווען דער גוף פון מענשען איז קראנק, איז אויך זיין נשמה קראנק און ער קען ניט דאווענען, ווי עס בעדארף צו זיין, חאטש ער איז פון עבירות ריין. דער מענש בעדארף דעריבער זעהר אבהיטען דאס געזונד זיינס. „פיעלע האבען געטהאן, ווי רבי שמעון בן יוחאי, און עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען — דאס מיינט, זיי האבען געוואלט מאכען סגופים פיעלע, דעריבער האט זיך זיי די עבודת הבורא ניט איינגעגעבען".

אם שארפסטען האט ער די סגופים און תעניתים פער־אורטהיילט אין זיין בריעף צו זיין תלמיד ר' יעקב יוסף הכהן, וועלכער איז אין אנהויב א שטארקער אנהענגער גע־ווען פון דער קבלת האר"י און האט פיעלע סגופים און תעניתים געפראוועט.

**) ... מיט איין בליק — לייענט זיך דיזער בריעף — האב איך די צוויי ערשטע שורות דורכגעזעהען. דארטען

*) מי שאומר שהעולם הזה אין בו ממש טועה הוא, אלא עולם נכבד הוא למי שיודע להסתפק ממנו כראוי ולהתנהג בו כשורה.
**) ליד אהובי א"נ הרב המאה"ו ע"ה פ"ה המפורסם בחסידות החכם

ווערט געזאָגט, אַז רום מעלתו דענקט, אַז ער מוז פאַסטען — בין איך אַ דערציטערטער געוואָרען פון דעם, וואָס איך האָב געהערט, און איך בין מוסיף אין כח פון דער גזירה פון די מלאכים און בצירוף קודשא ברוך הוא ושכינתיה, אַז מעלתו זאָל זיך ניט אריינברענגען אין אַזאַ סכנה, ווארום דאָס איז מעשי מרה שחורה, און עצבות און די שכינה קען נישט שורה זיין מתוך עצבות, נאָר מתוך שמחה של מצוה, ווי עס זענען ידוע לרום מעלתו די אַלע זאַכען, וואָס איך האָב אייך פיעלע מאָל געלערנט. און מעלתו טראָגט אודאי דאָס אַלעם ביי זיך אין הארצען, און וועגען די געדאנקען, וואָס פיהרען איהם, צו האַלטען זיך אין אַזאַ מיינונג, — וועל איך דיר אַן עצה געבען, און גאָט וועט זיין מיט דיר „גבור החיל". יעדען פריה־מאָרגען זאָלסט דו ביים לערנען זיך מתדבק זיין אין די אותיות מיט אמת'ען דביקות, צו דיענען דעם בורא ברוך הוא וברוך שמו. דו וועסט דורך דעם די דינים אין שורש זייערען ממתיק זיין, וועט זייער עול פון דיר גרינגער ווערען. און דו זאָלסט חס ושלום דיין חומר ניט פערנאַכלעסיגען. צופאַסטען מעהר וויפיעל מען בעדאַרף

---

השלם המופלא עושה פלא, הניצמד בקירות לבי, דבוק מאת לי, מ' יוסף הכהן.

הנה עי"ה קבלתי וראיתי ראיה אחת בשתי שורות העליונות ושם נאמר שרומע"ל אומר כאילו מוכרח להתענות ותרגז בטני מקול הקורא והנני מוסיף בגזורות עירין ובצירוף קב"ה ושכינתיה לבל יכנים א"ע בסכנה כזה, כי זה מעשה מרה שחורה ועצבות ואין השכינה שורה לא מתוך עצבות, רק מתוך שמחה של מצוה כאשר ידוע לרומע"ל דברים שלמדתי כמה פעמים והיה הדברים האלה על לבו. ועל דבר סעיפי מחשבותיו המביאים אותו לזה איעצך ויהי אלהים עמך גבור החיל. בכל בוקר ובוקר בעת למודו ידבק עצמו באותיות בדביקות גמור לעבודת בוראו ברוך הוא וברוך שמו ואז ימתיקו הדינים בשורשן ויקיל מעליו הדינים ומבשרך אל תתעלם חס ושלום להתענות יותר מהחיוב ומהצורך. ואם שמוע תשמע לקולי ויהי אלהים עמך. ובזה אקצר ואומר שלום. מנאי הדש"ת. נאום ישראל בעש"ט.

און מעהר וויפיעל מען מוז. און אויב דו ועסט מיר אויס־הערען, וועט גאָט זיין מיט דיר. און דערמיט וועל איך פער־ענדיגען מיין שלום זאָגען. פון מיר הדורש שלום תורתו. נאום ישראל בעל שם טוב.

און, נאַטירליך, האָט די נעגאַטיווע בעציהונג, וואָס דער בעל שם האָט געהאַט צו די תעניתים און סגופים, גרויסע פּראָטעסטען ארויסגערופען ביי פיעלע פון די חסידים פון זיין דור. זי איז צופיעל נעגענזאַץ געווען צו אַלעם דעם, וואָס עס האָט געלערנט די קבלת האר"י, וועלכע איז ביי זיי דער גרעסטער אויטאָריטעט געווען. דער דרך פון בעל שם איז צופיעל ניי און פון צופיעל פּראָטעסטאַנטישען האראַקטער געווען, ער זאָל געווען קענען באַלד אָנגענומען ווערען פון אַלעמען.

פלעגען זיי טענה'ען צום בעל שם: „וואָס דען זאָל דער עיקר עבודה זיין? מיר וויסען דאָך, און אויך אונזערע על־טערען האָבען אונז אזוי געלעהרענט, אז אין די אַלטע צייטען פלעגען די „אנשי העמעשה *) פאַסטען פון שבת צו שבת. איהר זענט עס אָבער מבטל, ווארום איהר זאָגט, אז יעדער איינער, וואָס פאַסט, איז עתיד ליתן את הדין. זאָגט זשע אונז דעריבער, וואָס דען זאָל דער עיקר עבודה זיין?"

אויף די אַלע טענות זייערע פלעגט ער זיי שטענדיג ענטפערען:

איך בין געקומען אויף דער וועלט אַן אנדער דרך וויי־זען, דער מענש זאָל זעהן משיג זיין דיעזע דריי זאכען, היינו: אהבת־השם, אהבת־התורה און אהבת־ישראל. און קיין סגופים בעדאַרף מען ניט **).

*) מענשען פון גרויסע טהאטען.

**) אני באתי לעולם הזה להראות דרך אחר, שיראה האדם להמשיך על עצמו שלשה דברים אלה, היינו: אהבת השם, אהבת ישראל ואהבת התורה. ואין צריך לעשות סגופים.

און ווידער האָט ער צו זיי געזאָגט:

צווייערליי דאָקטוירים זענען פערהאַן.

עס זענען פערהאַן אזוינע, וואָס היילען זייערע קראַנקע מיט ביטערע און שווערע גראָזען און רפואות, וואָס ניט יעדערער קען זיי פערליידען; עס זענען אָבער אויך פערהאַן אזוינע, וואָס גיעבען די קראַנקע זייערע זיסע און גרינגע רפואות, וועלכע פערשאַפען אויך פערגניגען די פּאַציענטען, אויסער דעם נאָך וואָס זיי היילען זיי פון זייערע קראַנקהייטען אוים.

און איך בעלאַנג צו דעם צווייטען מין דאָקטוירים.

---

די שיטה פון האר"י האָט די טובה פון די „עולמות העליונים" אין זינען געהאַט. זי האָט געזאָרגט דערפאַר, עס זאָל זיך אהין חס ושלום קיין פּגם ניט אריינכאַפּען. זיי זאָלען זיך שטענדיג אין פאָלשטענדיגער שלימות געפינען. דאַגעגען האָט די שיטה פון בעל שם שטענדיג נאָר די טובה פון מענשען אין זינען געהאַט. פאַר די עולמות העליונים האָט זי געלאָזט גאָט זאָרגען. דער עיקר איז ביי איהר געווען מעהר פרעהליכקייט, מעהר לעבענס־לוסט אין דער אידישער וועלט אריינצוברענגען. דער עיקר איז ביי איהר געווען ניט מעהר ליכט אין די עולמות העליונים אריינצוטראָגען, נאָר מעהר ליכטיגער, מעהר לייכטער דעם לעבענ'ס־וועג פון אידען צו מאַכען.

### ה.

# אלעם אין לעבען איז אין א מיסטעריעזען מאנטעל איינגעהילט.

ערגער פון דעם חטא אליין איז די מורא פאר דעם חטא. — אפטמאל איז דיעזע מורא גאר אין גאנצען מעשה שטן: ער וויל דעם מענשען אין עצבות ברענגען. — מען קען זיין א צדיק אפילו נאר דורך תהלים זאגען. — גאט וויל מען זאל איהם אויף אלערליי אופנים דיענען: אמאל אפילו אויך דורך דברים בטלים רעדען. — די אלע דבורים פון מענשען קען מען מיט דער שכינה מיחד זיין. — אלעם אין לעבען איז אין מיסטעריעזען מאנטעל איינגעהילט. — אלעם איז נשמה. אלעם איז קדושה. טיילען פון איין גרויסער נשמה זענען איבער דער גאנצער וועלט פערשפרייט. — א מענש נעהמט אמאל א ווייטע נסיעה אונטער, לויט ווי ער מיינט, צוליעב פער־שיעדענע אייגענע געשעפטען. אין אמת'ן אבער שיקט איהם די השגחה אהין, ער זאל דארטען, מיט זיין עסען, א בריטעל, וואס בעלאנגט צו זיין שורש נשמה, מתקן זיין

שרעקט זיך ניט — האט געפרעדיגט און געלערנט דער בעל שם — פאר דער גרויסער און שווערער תורה. שרעקט זיך ניט פאר די פיעלע מצוות און דקדוקי־מצוות. שרעקט זיך ניט. וואס אויף יעדען טריט און שריט קען מען עובר זיין אויף אן עברה. שרעקט זיך ניט, וואס דער יצר הרע טרעג גאר ניט אב פון אייך אויף א ווייל אפילו. שרעקט זיך ניט פאר די טויזענדע מלאכי חבלה און מזיקים רעים, וואס קו־ מען איהם צוהילף. זאגט ניט, אז עס שווער צו זיין א איד. די תורה און מצוות האט גאט געגעבען דעם אידען, ניט דער־ אויף, זיי זאלען איהם זיין, ווי א שטיין אויפ'ן האלז, נאר דערויף, זיי זאלען איהם זיין א לייכטענדער שטערען, וואס

זאָל איהם בעלייכטען און גרינגער מאַכען זיין לעבענס־וועג.

דער עיקר איז ניט דאָס לערנען אליין. דער עיקר איז ניט נאָר דאָס פּאַקטישע מקיים זיין פון די מצוות, דאָס אַלעס איז דאָך מעהר ניט, ווי אויסערליכע פאָרמען. דער עיקר איז דער תוך, דער געדאַנק, די כונה.

און ניט שטענדיג גאָר נעהמט זיך דאָס מרבה זיין אין דקדוקי־מצוות פון „סטרא־דימינא״. אָפטמאָל נעהמט זיך עס פון „סטרא דשמאלא״. אָפטמאָל איז דאָס גאָר מעשי־יצר הרע. דעריבער בעדאַרף מען ניט שטענדיג מרבה זיין אין אי־בעריגע דקדוקי־מצוות אין אַלעם, וואָס מען טהוט. ווארום דאָס איז די כונה פון יצר הרע. ער וויל אַנוואַרפען אויף דעם מענשען א מורא, אז ער איז נאָך אַלץ ניט יוצא געגען גאָט, כדי ער זאָל איהם ברענגען לידי עצבות, וועלכע איז די ערגסטע מדה. „ווארים דאָס הארץ פון מענשען בעדאַרף זיך שטענדיג מיט גאָט פרעהען״.

און אַפילו אז דער איד ווערט נכשל, חלילה, אין אן עבירה, זאָל ער אויך ניט מרבה זיין אין עצבות. ווארום „א סך ערגער פון דעם חטא אליין, איז די מורא פאַר דעם חטא״. אָפטמאָל איז די עצבות, וואָס קומט צוליעב דעם חטא אויך מעהר ניט, ווי מעשי יצר הרע. דער יצר הרע פער־פיהרט אומיסטען דעם מענשען און זאָגט איהם, אז ער האָט עובר געווען א גרויסע עבירה, חאָטש אין אמת׳ן איז דאָס מעהר ניט, ווי א חומרא אָדער גאָר אין גאַנצען קיין עבירה ניט. די כונה זיינע איז, אז דער מענש זאָל זיין אין עצבות.

און ניט נאָר א נאה דורש איז דער בעל שם געווען, נאָר אויך א נאה מקיים. אויך ער אַליין האָט ניט מרבה בדקדוקים געווען:

איינמאָל האָט ער געהייסען, מען זאָל פאַר איהם אָפּ־

בראַטען פלייש פון אַ געקוילעטער בהמה, וועלכע האָט גע־מוזט ערקלערט ווערן אַלס טריף לויט דער מיינונג פון איי־ניגע פוסקים. איינמאָל ווידער איז ער געקומען מיט זיין תלמיד ר׳ דוד פורקים אין אַ געוויסער שטאָדט אריין, האָט ער, ווי דער שטייגער זיינער פלעגט זיין, געוואָלט בודק זיין דעם חלף פון שטאָט־שוחט. איז געקומען צו איהם דער שוחט מיט דעם חלף זיינעם. דער בעל שם האָט אָבער גע־דאווענט דאמאלס. האָט דער שוחט ניט געוואָלט וואַרטען. ער האָט די עופות געקוילעט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. האָט ר׳ דוד פורקים ניט געוואָלט עסען פון דער שחיטה זיינער. דער בעל שם האָט אָבער דערויף ניט מקפיד געווען.
ר׳ יעקב יוסף הכהן, דעם בעל שם׳ס תלמיד, האָט איינמאָל מורא געהאַט איינצו׳כשר׳ען די ציצית וואָס ער האָט אין מארק געקויפט, אין טלית זיינעם, טאָמער זיינען זיי ניט „לשמה" געשפינט געוואָרען. האָט זיך דער בעל שם צו איהם אָנגערופען: „אויב דו האָסט מורא פאַר דיין טלית זיי צו נוצען, גיב זיי מיר, און איך וועל זיי אין מיין טלית איינ־כשר׳ען.

---

און ניט נאָר בעדאַרף מען ניט זיין ביי זיך אַראָבגע־פאַלען דערפאַר, וואָס מען קען ניט מרבה־בדקדוקי־מצוות זיין. אויך דער, וואָס קען ניט לערנען, בעדאַרף ביי זיך דערפאַר ניט זיין אַראָבגעפאַלען.
ווארום מען קען זיין אַ כשר׳ער איד, ניט קענענדיג לער־נען אפילו.
און אַ צדיק אפילו קען מען זיין.
אפילו נאָר דורך „תהלים" זאָגען קען מען אַ הויכע מדרגה דערגרייכען.
און ניט שטענדיג נאָר איז דאָס עוסק זיין אין לערנען

כסדר א יצר טוב זאך. אמאל איז דאס גאר א יצר הרע זאך. דער יצר הרע רעדט ניט אן דעם מענטשען, ער זאל גאר אין גאנצען ניט לערנען. ווארום ער ווייסט, אז דער מענש וועט איהם דאן ניט פאלגען.

ווארום, „אז ער וועט גאר אין גאנצען ניט לערנען, וועט ער דאך קיין חשוב ניט זיין ביי לייטען און וועט ניט הייסען קיין למדן. דער יצר הרע רעדט איהם נאר אן, ער זאל ניט לערנען די זאכען, פון וועלכע ער קען האבען יראת שמים, ווי „מוסר ספרים" און „שלחן ערוך", כדי ער זאל וויסען א דין, ווי עס בעדארף צו זיין. ער רעדט איהם אן, אז ער זאל זיך בעשעפטיגען כסדר נאר מיט גמרא און מפרשים".

---

יא. ניט נאר א איד, א למדן, א צדיק, האט ניט וואס מורא צו האבען, האט ניט וואס ארומצוגעהן אין איינע עצבות און פחד, טאמער איז ער חלילה ניט יוצא פאר גאט. נאר אפילו א פראסטער איד, אן עם הארץ, וואס ווייסט גאר ניט פון דער תורה און ווייסט אויך ניט, וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט, האט זיך אויך ניט וואס צו שרעקען.

ווארים גאט איז אין אלעם און אויך דיענען איהם קען מען מיט אלעם. מען קען איהם דיענען מיט יעדע זאך, לויט פערשיעדענע אופנים קען מען איהם דיענען.

ווארים אין יעדער זאך זענען פאראן עולמות. אין יעדער זאך איז נשמה פאראן. אין יעדער זאך איז געטליכקייט פאראן. „עס געהט אמאל א מענש און רעדט מיט מענשען, און דאמאלס קען ער ניט לערנען און דאווענען, ווי דער שטייגער זיינער איז — בעדארף ער דאן דיענען גאט אויף אנדערע אופנים".

און זאל ער דערפון דאן קיין צער ניט האבען.

ווארום „דער אויבערשטער וויל טאקי מען זאל איהם מיט

יעדער זאך און אויף אלערליי אופנים דיענען: אמאל אויף אזא אופן און אמאל אויף אן אנדער אופן״.

ווארים ניט קיין צופאל איז דאמאלס דאס רעדען זיינס אדער דער גאנג זיינער. גאט אליין האט עס אומיסטען אזוי מסבב געווען עס זאל איהם אויסקומען געהן אין וועג אדער רעדען מיט די מענשען, כדי ער זאל איהם אויף דיעזען אופן דיענען.

און דאס איז דער ענין — זאגט דער בעל שם — פון „גל אל השם דרכך״ — די אלע דרכים און אופנים, וועלכע טרעפען זיך מיט דעם מענשען, זאל ער מסבב זיין צו השם יתברך, וועלכער איז די סיבת כל הסיבות.

„עס זיינען אין די אלע דבורים פון מענשען יחודים פאראן: סיי אין דברי תורה ותפלה און סיי אין די רעד, וואס איינער רעדט מיט דעם צווייטען אין גאס. די אלע דבורים קען מען מחבר זיין מיט דער שכינה און צו א הויכען תקון דערהויבען — יעדען איינעם לויט זיין מדרגה נאך״.

„אויב איינער מוז רעדען מיט זיין חבר אדער הערען פון זיין חבר גלאט אזוי ווערטער, קען ער זיי צו א העכערער מדרגה דערהויבען דורך דעם, וואס ער זאל זיך אריינגעהמען נאט אין געדאנקען, זאל ער געדענקען דאן אז דער כח פון חוש השמיעה ביים מענשען נעהמט זיך פון זיין נשמה, וועלכע איז א חלק פון „נשמת שדי ממעל״, און דעריבער בעדארף מען און מען קען איהם מיט דעם מקור בעהעפטען, מיט דער שכינה מיחד זיין. און דאס אייגענע איז מיט עסען און טרינקען און קליידען זיך און מיט די אלע איבריגע דברים גשמים, וואס איינער טהוט. עס בעדארף שטענדיג זיין אין זיי איינגעוויקעלט שכל און סימנים פון עבודת השם יתברך. אלע זאכען וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, בע־

דארף דער מענש מיחד זיין מיט זיין מחשבה. אלע זיינע דבורים און מעשים — אלעס, בעדארף זיין באמת ובתמים, נאר פון גאט׳ס וועגען אליין. ווארים קיין זאך אויף דער וועלט שטעהט ניט אויסער דעם רשות און אויסער דער אחדות פון השם יתברך. און דאריבער ווען איינער טהוט עפּעס ניט מיט דער כונה, אז אלעס ווערט נאר לשם שמים געטהון, שיידעט ער דאך עס חלילה אב פון זיין יחוד יתברך. „אין קורצען: די מעשה הגשמי זאל ער שטענדיג טהון מיט דעם כח פון דער מחשבה, קודשא בריך הוא ושכינתיה מיחד צו זיין“.

„והבא לטהר מסייעין בידו“, ווער עס וויל עהרליך און פרום זיין — דעם העלפט גאט.

„ווען דער מענש איז זיך משתדל צו פיהרען זיך לויט דיעזען דרך פון עבודת השם — דאמאלס קומען אנטקעגען די רוחניות, די נשמה־טיילען און די ניצוצין, וואס געפינען זיך אין די דברים הגשמיים: עסען, טרינקען, הלבשה, און נאך אזוינע זאכען, צו מעורר זיין איהם, זיין הארץ זאל גלוסטען צו אט יענע אלע זאכען, אין וועלכע אינערליכע געטליכע חיות איז איינגעזאפּט. כדי צו מתקן זיין זיי מיט דער פולער שלימות פונ׳ם תקון, וואס זיי בעדארפען. און אין דיזען כלל זאלסט דו זיך שטענדיג האלטען. ווען דו זעהסט א איד, אן אדם כשר, האט א שטארקען חשק צו עסען עפּעס, איז דאס דערפאר וואס די נשמה זיינע, דאס מיינט — דער הייליגער ניצוץ וואס בעלאנגט צו זיין נשמה זי זאל איהם מתקון זיין, איז צוגעדעקט און איינגעוויקעלט אין יענער זאך. ווארים די אלע זאכען פון עולם הזה, וואס בעלאנגען צו איהם, צו זיין שורש נשמה, שטרעבען און בענעהרען צו מתקרב זיין זיך צו איהם. זיי שטרעננגען זיך מיט זייער גאנצע קראפט אז כדי זיי זאלען מיט איהם און דורך

איהם דערהויבען די גאנצע רוחניות, די גאנצע הייליגקייט און די אלע ניצוצין, וואס געפינען זיך אין זיי״.

---

עס איז די גאנצע וועלט — לערענט די קבלת האר״י — מיט סודות פול. עס איז אלעס אין א מיסטעריעזען מאנטעל איינגעהילט. בלינד איז דער מענש און זעהט ניט, וואס עס קומט פאר מיט איהם. זיין שיקזאל איז מיט די עולמות העליונים פערבונדען. זיין לעבען איז שטענדיג פון די פיעלע מזיקים רעים און די אלע פערשיעדענע כחות־הטומאה ארומ־גערינגעלט. איין ניט ריכטיגער קעהר, חלילה, איין שלעכטער ריהר — און דער מענש קען זיינעביידע וועלטען פערלירען. טרויעריג און פינסטער איז דער וועג אין לעבען זיינעם. ער האט ניט וואס פרעהליך צו זיין. עס זיינען די אלע תענוגי העולם הזה גאר ניט ווערטה. אין געוויין און אין עצבות בעדארף דער מענש זיינע יאהרען פערברענגען. ווארים עס איז די וועלט אן עולם התהו נאר. און עלענד און הילפלאז וואנדערט דער מענש איבער דעם עולם התהו ארום. ער קען פון ערגיץ קיין הילף ניט קריגען. גאט האט ניט קיין ליעבע פאר דער וועלט, וואס ער האט בעשאפען. ער האט זי כביכול, ווי על פי נויט, געגען זיין אייגענעם ווילען בעשאפען. ער האט זי ניט געוואלט מיט זיין אייגענער ווזענטליכקייט בעשענ־קען. „ע ר  ה א ט  א י ן  ז י ך  כ ב י כ ו ל  א  פ ל א ץ  א ו י ס ג ע ל י י ד י ג ט  א ו ן  ה א ט  ד א ר ט ע ן  ג ע ל א ז ט  ד י  א ל ע  ו ו ע ל ט ע ן  ב ע ש א פ ע ן  ו ו ע ר ע ן“.

און אויך פאר דעם מענשען האט ער קיין ליעבע ניט. דאס איינציגע וואס ער פערמאגט פאר איהם, איז רחמנות. ניט אזוי גיך אבער קריגט דער מענש אויך זיין רחמנות ארויס. ער מוז פון זיך פריהער א שברי כלי מאכען. ער

בעדארף זיך פריהער פון לעבען אבזאגען. ער בעדארף שטענ־דיג אין סגופים און תעניתים פערברענגען. ער בעדארף פרי־הער פאר איהם זיינע אויגען אויסוויינען. ער בעדארף זיך פאר איהם בוקען און קניהען שטענדיג. ער בעדארף זיך פאר איהם שטענדיג, ווי אן עבד נכנע האלטען. ווארים די בע־ציהונגען צווישען גאט און מענשען זיינען ניט די בעציהונגען פון א פאטער צו א קינד, נאר פון א שרה צו זיין קנעכט. דעם האר"י'ס שיטה וועגען עבודת השם און וועגען די בע־ציהונגען, וואס עקזיסמירען צווישען גאט, מענש און וועלט קוועלט פון זיין מעטאפיזישער שיטה ארוים, פון זיין שיטה וועגען דער גאטהייט.

ווייט און פרעמד האט זיך גאט צו דער וועלט געהאלטען שוין אין ערשטען מאמענט פון איהר געבורט. און ווייט און פרעמד צו איהר האלט ער זיך איבער דער גאנצער לענג פון איהר עקזיסטענץ.

און אויך די לעבענס־עמפפינדונג פון בעל שם, אויך זיין דרך אין עבודת הבורא שטאמט פון זיין שיטה אלהית ארוים.

אלעם פון אויבען און אונטען — לערענט די מעטאפי־זישע שיטה זיינע — איז איין אבסאלוטע איינהייט. אין אלעם איז גאט פאראן. די בעציהונג פון גאט צום מענשען איז דאריבער נאך מעהר ווי די בעציהונג פון א פאטער צו זיין קינד. די בעציהונג זיינע צום מענשען איז, ווי די בעציהונג אונזערע צו זיך אליין. ווארים ער איז דאך אלעם און אלעם איז ער. און דאריבער בעדארף מען איהם אויך אויף פערשידענע אופנים דיענען. און דאריבער קען מען אויך מיט יעדער זאך זיין ווילען טהון.

אויך דעם בעל שם עמפפינדעט די וועלט מיסטיש.

אויך ער זעהט די גאנצע וועלט מיט סודות פול. אויך ער זעהט אַלעם אין א מיסטעריעזען מאנטעל איינגעהילט.

דאמאלס אָבער, ווען די מיסטישע קאָנצעפציאָן פון האר״י פערשפרייט אַרום זיך טרויעריגע שאטענס פון פעסי־מיזם שווארצען, איז די מיסטישע קאָנצעפציאָן פון בעל שם א טיעפער קוואל, פון וועלכען עס קוועלט שענער און טיעפער אָפּטימיזם ארויס.

עס זענען גאָר קיין בעזונדערע זאכען — שטילערט אונז אין אויג דער בעש״ט׳ער מיסטיציזם — אין לעבען פאראָן. אַלעס איז איין גרויסע קייט. אַלעס, אַלעס אין לעבען איז נשמה. אַלעס איז קדושה. טיילען, טיילען פון א נשמה אַ גרויסער זיינען איבער דער גאנצער וועלט פערשפּרייט. שטרעבען זיי די בעזונדערע נשמה־טיילען און ציהען זיך איינער צום צווייטען. זיי בענ־קען איינער נאָך דעם אנדערען. זיי ווילען איינער אין צווייטען זיך מתדבק זיין, איינער מיט דעם צווייטען זיך פעראייניגען און אין זייער פעראייניגונג זייער גרויסען תקון קריגען.

דאָס לעבען דערצעהלט אונז ווייטער דער בעש״טער מיסטיציזם — איז ניט אַזוי פּשוט און איינפאך, ווי עס קען זיך אויסווייזען. אַלעס.אַלעס האָט זיך זיין אינערליך לעבען. אַלעס, אַלעס האָט זיך זיינע בעהאַלטענע ציעלען און צוועק־קען. און דעריבער איז אין עסען אמאָל עפּעס אָדער אין דברים בטלים רעדען קען אמאָל א זעהר וויכטיגער ענין פון עבודת השם ליגען. אין דעם, וואָס דעם מענשען קומט אמאָל אויס אומגעריכטערהייד אין א ווייטען וועג זיך לאָזען, אין דעם וואָס ער ווערט אמאָל דורך געוויסע מניעות פון א דבר מצוה געשטערט —אין דעם אַלעס איז השגחת הבורא פאראָן. גאָט האָט אַזוי מסבב הסבות געווען, ער — דער מענש, — זאָל דאָס אַלעס טהון אָדער ניט טהון. אין יעדער זאך

איז אַ ניצוץ דקדושה פאַראַן. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער שורש פון דיזען ניצוץ דקדושה געפינט זיך אין דעם אָדער יענעם מענשען, רייסט זיך דאַן דער ניצוץ צום מקור זיינעם. ער בעט זיך ביי איהם, ער זאָל איהם זיין געהעריגען תקון ברענגען. ער זאָל איהם מיט גאָט פעראייניגען, ער זאָל איהם ניט עלענד ארומבלאָנדזשען לאָזען, ער זאָל דעם טייל צום גאַנצען צוריק ברענגען, כדי די האַרמאָניע פון דער אבסאָלוטער אחדות זאָל ניט געשטערט ווערען. דאַריבער טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ מענש לאָזט זיך פלוצלינג אין אַ וויטער נסיעה אַוועק. דאַריבער טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ מענש פערברענגט געגען זיין אייגענעם ווילען די אָדער יענע ווייַלע אין דברים בטלים.

און דער בעל שם גיט אונז דאָס פאָלגענדע שענע בילד וועגען דעם, ווי אַזוי אַלעס איז געקייטעלט און געבונדען, ווי אַזוי אַלעס שטעהט אונטער דער השגחה פון גאָט און עס זענען גאָר קיינע צופאַלען פאַראַן.

*) די מענשען וואָס פאָהרען אין די וויטע לענדער מיט סחורות, און די אַלע אנדערע, וואָס פאָהרען איבער וויטע ערטער אַרום, זענען ניט זיינע מחשבות יתברך, ווי זייערע. זיי שטעלען זיך פאָר אַז דער צוועק פון זייער אייגען לעבען

*) אותם האנשים הנוסעים לארץ מרחקים בסחורות וכדומה הרחוקים נדוד — לא מחשבותיו יתברך מחשבותם. המה מדמים בנפשם שכל עצמם עם דרך נסיעתם לארץ מרחקים בעבורהרבות כסף וזהב חלוף סחורתם, ולזה הם מכתתים רגליהם. ובאמת הוא יתברך לא כן ידמה. כ״א הוא יודע לתקן עניננו יותר ממנו. ולפעמים יש לו לאדם ככר לחם בארץ מרחקים הנוגע אל בחינתו והוא צריך לאכול אותו ככר דוקא באותו מקום ובמעשה הגאות או לשתות מלוא לוגמו מים במקום ההוא ולכוונה הנזכר. מצעדי גבר כוננו להרחיק נדוד כמה מאות פרסאות בכדי להשלים את נפשו עם זה הככר לחם ושתות מים מעט או הרבה. ולפעמים אליו לא יגיע כי אם לאחד ממשרתיו העבריים אם יש לו פת לחם וקיתון מים אלהית שאין ידו משגת לנהוג נסיעה למקום רחוק כזה. זאת הגורמת רצון לבעליו לנהוג דרך נסיעתו דוקא למקום ההוא בעבור עבדו.

און פון דער נסיעה, וואָס זיי נעהמען אונטער אין ווייטען לאַנד, איז פיעל גאָלד און זילבער פאַר זייער סחורה צו בעקומען. נאָר דערויף דענקען זיי, לאָזען זיי זיך עס אין וויי־טען וועג. אין אמת'ען אָבער דענקט ער, יתברך, גאַנץ אַנ־דערש. וואָרים ער ווייסט זיינע — דעם מענשען'ס — אינטע־רעסען בעסער צו פיהרען. אמאָל פערמאָגט דער מענש אין ווייטען לאַנד אַ לאַבעל ברויט וואָס געהער זיך מיט זיין בחינה אָן, וועלכען ער מוז אויפעסען אין אָט יענעם פּלאַץ דוקא און מיט אַ געוויסען טהאַט דערצו אין פערבינדונג. אמאָל ווידער בעדאַרף ער דאָרטען אויף דעם אייגענעם אופן ניט מעהר ווי אַ שלונג וואַסער אויסטרונקען. ווערען די טריט פון מענשען פון גאָט געריכטעט, ער זאָל הונדער־טער מיילען וואַנלען, כדי ער זאָל זיך מיט יענער „ככר לחם" פעראייניגען, אָדער כדי ער זאָל דאָרטען אביסעל מעהר אָדער אביסעל ווייניגער וואַסער אויסטרינקען. און אמאָל מאַכט זיך, אַז דער מענש לאָזט זיך אין ווייטען וועג גאָר ניט צוליעב זיך אפילו, נאָר צוליעב איינעם פון זיינע אידישע משרתים, עס טרעפט זיך אמאָל אַז אָט יענער משרת זיינער פערמאָגט אַ שטיקעל „געטליכען" ברויט אָדער אביסעל געטליכע וואַסער אין יענעם אָרט. ער אליין פער־מאָגט אָבער ניט אונטערצונעהמען אַ נסיעה אין אַזאַ וויי־טען פּלאַץ. איז דאָס גורם, אַז עס זאָל זיך פערגלוסטען זיין בעל הבית דוקא אין יענעם פּלאַץ צו פאָהרען.

## ה.

# אמונה און בטחון

זיין גאנצע ליעבע און זיין גאנצע יראה בעדארף דער מענש נאר גאט אוועקגעבען. — אנשטאט דעם טייל זאל ער דעם גאנצען זיין נשמה אוועקגעבען. — אין זיין גלויבען אין גאט זאל קיין שום פגימה ניט זיין. — ער פרעדיגט אבער ניט קיין בלינד גלויבען. — דער מענש בעדארף וויסען דעם סוד פון זיין אחדות יתברך. — אמת, ער וועט צום מלך אליין קיינמאל ניט דערגעהן. — זאל ער אבער די אלע שענע פאלאצען, וואס בעדארפען פיהרען צו איהם, דערזעהן.

די עבודת השם אלזא קען זיין און בעדארף זיין „בכל האופנים.” מען בעדארף איהם דיענען דורך תורה, תפלה און דורך מקיים זיין די אלע פערשיעדענע מצוות, און מען בע־דארף איהם אויך דיענען דורך דעם מוח, הארץ און געדאנק.

און ראשית כל, דער עיקר כל העיקרים און עבודת־השם, איז דאס גלויבען אין גאט׳ דאס גלויבען אין גאט איז דער יסוד און שורש פון מענשען. און דאס גלויבען בעדארף זיין גאנץ און ריין, אהן יעדער פגיה. דער מענש בעדארף גלויבען, אז „מלוא כל הארץ כבודו,” אז זיין כבוד איז די גאנצע וועלט פול. אז אין יעדער זאך איז דער חיות פון איהם יתברך פערהאן. דעריבער, איז יעדער אהבה אדער יעדער יראה און די אלע אנדערע מדות — אלעס, אלעס נאר פון איהם יתברך. אפילו די ערגסטע זאכען, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט. זענען פון איהם יתברך! דעריבער בעדארף מען קיין זאך ניט ליעב האבען און פאר קיין זאך קיין מורא האבען אויסער פאר איהם יתבירך. אויך די אלע אנדערע מדות בעדארף מען

אויף קיינעם ניט אנגווענדען אויסער אויף איהם יתברך. וואר־
רום דער מענש בעדארף זיך טראכטען: פון וואנען נעהמט
זיך די יראה אדער די אהבה, וואס איך פיהל צו דער אדער
צו יענער זאך? אלעס נעהמט זיך דאך פון איהם יתברך.
וועלכער האט אין די ערגסטע זאכען אפילו די יראה און די
אהבה אריינגעגעבען. פאר וואס זשע בעדארף איך מורא
האבען פאר א זאך אדער ליעב האבען א זאך, וואס איז נאר
איין נצוץ פון איהם יתברך. און דאס אייגענע איז אויך איז
בעצוג צו אהבה און די אלע איבעריגע מדות. און דער מענש
בעדארף טראכטען און גלויבען באמונה שלמה, אז די שכינה
איז לעבען איהם שטענדיג און היט איהם· „ער קוקט אויף
השם יתברך און השם יתברך קוקט אויף איהם.״ שטענדיג
זאל דער מענש אין זיין געדאנק האלטען, אז דער בורא
יתברך קען טהון אלעס, וואס ער וויל. ווען ער וויל, מאכט ער
חרוב די אלע וועלטען אין איין רגע און אין א צווייטער רגע
בעשאפט ער זיי ווידער. ווארום אין איהם יתברך געפינען
דעם שורש זייערען די אלע „טובות״ און די אלע דינים. וואס
געפינען זיך אויף דער וועלט. ווארום אין יעדער זאך איז
זיין שפע און זיין חיות פערהאן. יעדע מינוט און יעדע רגע
בעדארף דער מענש זאגען צו זיך: איך האב פאר קיינעם
קיין מורא ניט און אין קיינעם האב איך קיין בטחון ניט
אויסער פאר איהם און אין איהם יתברך.

---

די „אמונה שלמה״ אבער אהן יעדער פניה, וואס דער
בעל שם פרעדיגט, איז ניט קיין בלינד גלויבען, א גלויבען
אהן יעדען קלעהרען און פארשען. פערקעהרט: דער בעל שם
לעהרענט, אז דער מענש בעדארף וואס טיעפער און וואס
גרינדליכער אין סוד פון מציאות השם אריינדרינגען. מען
בעדארף וויסען דעם סוד פון זיין „אחדות״ יתברך, אז „אר־

מעטום, אוואו איך האלט זיך אַן נאָר אַביסעל אין א טייל פון זיין אחדות יתברך — האלט איך זיך אין איהם אינגאַנצען אַן.״

אמת אפילו, אז דער תכלית הידיעה איז, אז מען זאַל ניט וויסען. אמת אפילו, אז מיר וועלען קיינמאָל ניט דערגעהן דעם סוד פון דער עילת כל העילות און סבות כל הסבות.

עס זענען אָבער פערהאַן — זאָגט דער בעל שם — צווייערליי אופנים פון ניט וויסען.

דאַס ניט וויסען פון א גראָבען יונג, און דאָס ניט ווי־סען פון א גרויסען און טיעפען מוח·

„איינער ווייסט ניט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך גאָר אינגאַנצען די מיה ניט גענומען. ער זאָל קענען וויסען. ער טהוט עס אונטער דעם אויסרייד, וואָס מען קען סיי ווי דעם תוך ניט דערגעהן.״

דער צווייטער איז דער, וואָס איז חוקר ודורש אזוי לאַנג ביז ער קומט צו דער איבערצייגונג, אז מען קען דעם עיקר תוך ניט וויסען.

און דעם אונטערשיעד צווישען זיי ביידען איז אין פאָל־גענדען משל צו זעהן:

צוויי מענשען גאַרען ביידע דעם מלך צו זעהן. מען קען איהם אָבער בשום אופן ניט זעהן. איז דער ערשטער אין פּאַלאַץ פון מלך אריינגעגאַנגען. ער איז דאָרטען די אלע חדרים דורכגעגאַנגען און זיין אויג מיט די אלע רייכטימער און אוצרות פון מלך געזעטיגט — און ענדליך איז ער דאך צו דער איבערצייגונג געקומען, אז ער קען דעם מלך ניט זעהן. דער צווייטער אָבער האָט זיך געטראַכט, היות מען קען סיי ווי דעם מלך ניט זעהן, וועל איך מיר גאָר אינגאַנצען די טרחה ניט נעהמען אין זיין פּאַלאַץ איהם ארומצוזוכען. מיין טרחה וועט זיך דאך סיי ווי ענדיגען דערמיט, וואָס איך

וועל קומען צו דער איבערצייגונג, אז איך וויים גאר נים. ווייס איך שוין יעצט, אז איך וויים נים.

און בעסער און פאסיגער, זאגט דער בעל שם, איז דער וועג פון דעם, וואס האט ביידע מדות: אי ער פערלאזט זיך אויף זיינע פארצייטיגע עלטערען און אויך אויף דעם, וואס ער האט אליין חוקר ודורש געווען. דאס איז אן אמונה שלמה וטובה.

און אין אנקלאנג מיט דעם גלויבען אין גאט, וואס דער בעל שם טוב פרעדיגט, איז אויך די מדה פון בטחון, וואס ער האט געפרעדיגט.

אלס פועל יוצא דערפון, וואס דער מענש גלויבט, אז גאט איז א כל יכול, בעדארף ער זיין גאנצע האפנונג נאר אויף גאט לעגען. ער בעדארף דעם בטחון האבען, אז נאר ער וועט איהם אלע זיינע בעדערפניסען מספיק זיין. דריי שותפים זענען זיי אין זעם, דער ענין פון בטחון זאל צושטאנד קור־מען: דער „בוטח," דער „מבטיח" און דער „מובטח." דער בוטח איז דער, וואס האט בטחון. דער מבטיח איז דער, וואס זאגט צו און דער מובטח איז די סיבה דורך וועלכער דער בוטח קען זיין פערלאנג פערווירקליכט זעהן. למשל, השם יתברך זאגט צו דעם מענשען, אז ער וועט איהם געבען אלעס, וואס ער בעדארף, און אלעס, וואס איהם פעהלט, אויב ער וועט אין זיינע דרכים געהן. גאט איז דא אלזא דער מבטיח. און דער מענש איז, וואס האט דעם בטחון. און דער מובטח מיינט דא: דער מענש גלויבט, אז גאט וועט איהם עפים אזוינס צושיקען, וואס וועט פאר איהם אלס סיבה דיענען, דורך וועלכער ער וועט קענען זיין פרנסה הא־בען — עפים א מסחר אדער אנדערע זאכען.

אזא מענש אבער, זאגט דער בעל שם, האט נאך צו דער מדרגה פון אמת'ער אמונה נים דערגרייכט. ווארום דער

עיקר איז צו גלויבען אין גאָט, אז ער אליין איז אלעס און קיין זאך איז אויסער איהם פערהאַן, אז ער בעדאַרף קיין שום עילה און סיבה ניט, דורך וועלכער עס זאָל זיך צום מענשען זיין פּרנסה ציהען. ווארום ער איז די עילת כל העילות און סבות כל הסבות און אפילו, אז ער וועט גאָר ניט טהון, ער וועט קיינע מיטלען ניט זוכען און קיינע הכנות ניט מאַכען, ער זאָל דורך זיי זיין פּרנסה ציהען, קען איהם אויך דער אויבערשטער אין זיין חסד גרויסען מזמין זיין די פּרנסה זיינע. „עס איז קיין מוז ניטאָ פאַר גאָט, ער זאָל דעם מענשען ווקא דורך עסען העלפען.״

ער איז אין ענין פון בטחון נאָך ווייטער פון די חז״ל געגאַנגען, וועלכע האבען געלערענט, אז גאָט העלפט נאָר דעם וואָס העלפט זיך אליין, אז דער מענש טאָר זיך אויף קיין נסים ניט פערלאָזען, אז ער טאָר ניט ארומגעהן לעדיג. ניט טהוענדיג גאָר ניט דערויף, ער זאָל קענען דערפון זיין פּרנסה ציהען.

הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי, פיעלע האבען גע־טהון, ווי רבי שמעון בן יוחאי, — זאָגט די גמרא, — וואָס זיי האבען גאָר איינגאַנצען חיי שעה פערלאָזט און האבען זיך נאָר מיט חיי־עולם בעשעפטיגט, ולא עלתה בידם — און זיי זענען ביי גאָר ניט געבליעבען.

וברכתיך בכל אשר תעשה — דרש׳ענען די חז״ל — יכול יושב אדם בחבוק ידים ומצפה לרחמי שמים? שנאמר וברכתיך בכל אשר תעשה —

איך וואָלט געקענט מיינען, אז בטחון האבען אין גאָט הייסט, מיט פערלעגטע הענט צו זיצען און גאָר ניט טהון. זאָגט אָבער דער פּסוק: איך וועל דיר בענטשען אין אלעם דעם, וואָס דו וועסט טהון.

און דער בטחון, וואָס דער מענש האָט אין גאָט, בע־

דארף זיין שלם בתכלית השלימות, אהן שום צווייפעל און פגימות. אויב ער האט בטחון איז גאט געהאט און ער האט איהם עפּיס געבעטען „און די בקשה זיינע איז ניט מקוים געווארען,” זאל ער זיכער זיין, אז דאס איז פון זיין טובה וועגען, ווארום ער כביכול ווייסט, אז דאס, וואס ער בעט, איז ניט גוט פאר איהם.

ו.

# ריין און הייליג בעדארף שטענדיג דער גע־דאַנק פון מענשען זיין.

דער געדאנק פון מענשען איז שטענדיג הייליג. — ווי זינדיג א געדאנק זאָל ניט זיין, קען מען אלץ נאָך אין איהם אליין זיין תקון געפינען. — ווען די שענקייט פון א פרוי ברענגט אונז צו מחשבות זרות, בע־דארפען מיר איהר שענקייט מיט דעם מקור־היופי, מיט דער געט־הייט פעראייניגען, וועלען מיר דאן פון די מחשבות זרות ניצול ווע־רען. — אַנשטאַט איהר שענקייט צו בעוואונדערען, וועלען מיר דאן בעוואונדערען די געטהייט. — די מדה פון צדקה. — צדקה שלא לשמה איז דאָך בעסער, ווי גאָר אין גאנצען קיין צדקה נישט געבען.

דער מענש בעדארף דעם בורא עולם אויף פערשיעדענע אופנים דיענען, דערהויפט אָבער בעדארף ער איהם דיענען מיט דעם געדאנק, מיט דער מחשבה. איז דאָך אפילו אין דעם מקיים זיין פון אירגענד וועלכע מצוה נאָר דאָס הארץ, די כונה דער עיקר, ניט דער נאַקעטער טהאט אליין. „דאָרט אוואו דער געדאנק פון מענשען איז, דאָרטען איז ער אויך אין גאַנצען". די מחשבה איז די נשמה פון מענשען. „דער רבונו של עולם וויל, אז דער מענש זאָל איהם אמאָל נאָר מיט דעם געדאנק אליין, נאָר מיט דער נשמה אליין דיענען". אין מענשליכען געדאנק, געפיהל און עמפפינדען איז גאָט „פערהאַן". „דער מענש בעדארף זיך ניט צופיעל אָבגעבען מיט גשמיות, ער בעדארף ניט צופיעל אין חומר זינקען, כדי עס זאָלען ניט קיינע פגימות אין זיין נשמה זיין, כדי דער געדאנק זיינער זאָל קענען שטענדיג שען און ריין בלייבען".

ווען אפילו אבער עס טרעפט, חלילה, אז דער געדאנק זיינער איז נכשל געוואָרען, ווען עס טרעפט אפילו, אז עס האָט זיך אין איהם אַן אומרייגער עלעמענט אריינגעחאפּט — אויך דאַן זאָל דער מענש קיין יסורים ניט האָבען. אויך דאַן זאָל ער אין קיין עצבות ניט אריינפאַלען. אין איהם אליין טאַקי, — אין געדאנק — זאָל ער דעם תקון זוכען. א געדאנק, ווי אומריין און בעז ער זאָל ניט זיין, זאָלען מיר איהם רייניגען און עדעלען דורכדעם, וואָס מיר זאָלען איהם צו זיין אורשפּרונג צוריקפיהרען. דורך דעם ווערט אונז מעגליך לויז לאָזען זיך פון אלעם קערפּערליכען און אינדיווידועלען. דורך דעם געדאנק קען דער מענש זיך דערהויבען אין זיין וועלט־עמפּפינדונג און אין זיין וועלט־בעטראַכטונג צו אַט יענער געטליכער הויך, פון וועלכען מען זעהט די אלע בעזע און גוטע ערשיינונגען און געשעהענישען פון וועלט און לע־בען אין איין גרויסען און שענעם געזאנג צונויפגעגאָסען. ווען מען דענקט וועגען דעם, ווי אזוי אלעס, וואָס איז שען אין דער נאַטור און וועקט לעבענס־לוסט, עמפּפאַנגט נאָר פון גאָט זיין עקזיסטענץ, מוז מען שטענדיג אנשטאַט דאָס שענע צו בעגעהרען, האלטען זיך שטענדיג אין דער קוועלע פון אלעם שענעם, אנשטאַט אין דעם טייל, אנשליסען זיך אין דעם גאנצען, אין דעם שעפּפער פון אלעם דעם, וואָס לעבט און עקזיסטירט ביז צום אויפצולעזען זיך אין איהם. עס איז זיכערער אויף דעם מקור אליין זיך צו שטיצען, ווי אויף דעם אָביעקט, אויף וועלכען עס פאלט די השפּעה זיינע, פּונקט ווי עס איז זיכערער אויף דעם בוים אליין זיך צו שטיצען איידער אויף דעם צווייג זיינעם. ווען מיר זעהען א שענע פרוי, וועלכע וועקט ביי אונז מחשבות זרות, בעדאַר־פען מיר זיך נאָר אין מקור פון איהר שענקייט עראינערען. וועלען מיר דאַן פון די מחשבות זרות ניצול ווערען.

ווען דיזע פרוי — בעדארפען מיר צו זיך זאגען דאמאלס — וואלט זיין טויט, וואלט איהר שענקייט קיין ווירקונג אויף אונז געמאכט. אלעס איז אלזא פון דעם געטליכען לעבענס־קוואל אבהענגיג. דער מקור היופי, די געטהייט, האט אויף דער פרוי איהר השפעה משפיע געווען. אנשטאט דערי־בער אין דער השפעה, ווען מיר זיך דאמאלס אין מקור אליין זיך מתדבק זיין. אנשטאט די שענקייט פון דער פרוי צו בעוואונדערען, ווען מיר דאן די שענקייט פון דער געטהייט בעוואונדערען. פיעל, פיעל מיה — לערענט אונז וויטער דער בעל שם — בא־דארף דער מענש אבגעבען, וואס אנבעלאנגט די מחשבות זרות זיינע, וואס קומען צו איהם בעת דעם דאווענען. ווא־רום זיי זיינען זיינען כחות ממש, וועלכע קומען צו איהם, ער זאל זיי מתקן זיין. דער מענש בעדארף זיך משתדל זיין, אז דער געדאנק זיינער זאל זיך שטענדיג אויף א מדרגה פון טהרה און קדושה געפינען. ער בעדארף זיך שטענ־דיג מתבודד זיין אין געדאנק זיינעם מיט דער שכינה.. „די מחשבה ווערט אנגערופען דער פאטער פון ווארט און דאס ווארט איז דאס קינד". „דער געדאנק איז די נשמה פון מענ־שען". „אין א גוטען געדאנק איז א רוח הקודש פערהאן." ווען איינער איז אין בורא יתברך בעהעפט, און בשעת מעשה פאלט איהם וועגען עפעס א געוויסער געדאנק איין, זאל ער גאר ניט צווייפלען אין איהם. אין דיזען געדאנק איז רוח הקודש פערהאן. ווארום, אז זיי ווילען זיך פון הימעל מיט דעם מענשען דורכרעדען, טהוען זיי עס נאר דורך דעם געדאנק.

ווען עס דערוועקט זיך — פלעגט דער בעל שם זא־גען — אויף דער וועלט אירגענד וועלכער ענין פון פחד און יראה, איז דאס א סימן, אז מען איז מרמז פון אויבען, דער



Library
CONGREGATION SONS OF ISRAEL

מענש זאָל זיך אין שורש פון יראה מתדבק זיין. און דאָס איז דער ענין פון כרוז, וואָס גערהט אַרויס פון מלכו של עולם. ווארים פון אויבען איז אַלעס נאָר אויפ׳ן וואונק, און דער מענש בעדאַרף די רמזים־שפּראַך פערשטעהן. און די אַלע, אַלע הרהורי־תשובה און מחשבות, וואָס פאַלען דעם מענשען אין געדאַנק אַריין, אַלעס, אַלעס איז דורך אַזוינע כרוזים. און דאָס איז דער ענין פון בת־קול, וואָס געהט אַרויס פון באַרג חורב. ווארום עס איז דאָך קשה: אויב קיינער הערט ניט, צו וואָס רופט מען אויס פון אויבען: זאָגען ווידער, אַז דאָס בת קול ווערט טאַקי געהערט, קען מען אויך ניט. ווארום וואָס פאַר אַ נאַר וועט עס גלויבען אין דעם, און טאָמער וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט זאָגען, אַז ער הערט יאָ, וועט מען איהם, ווי אַ נביא השקר דן זיין. נאָר וואָס דען? אַלעס איז, ווי איך האָב אויבען געזאָגט. ווארום אויבען איז קיין זאָגען און רעדען פערהאַן. אויבען איז דער עולם המחשבות, און די מחשבות וואָס ווערען אויף דעם מענשען מושפע — זיי זענען עס די כרוזים.*)

אַלע געדאַנקען — זאָגט ווייטער דער בעל שם — שטאַמען פון מקור העליון, און פון דאָרטען לאָזען זיי זיך צום מענשען אַראָב. אַפילו אַ שלעכטער געדאַנק שטאַמט פון מקור העליון. און, אייגענטליך, זענען אין אבסאָלוטען זינן גאָר אינגאַנצען קיינע שלעכטע געדאַנקען פערהאַן. דער

---

*) כשמתעורר בעולם איזה ענין של פחד ויראה, רמז הוא לאדם, שמעוררים לו מלמעלה, שידבק בשרש היראה, הוא ענין הכרוז, שיוצא ממלכו של עולם, שהכל הוא ברמז. וצריך הוא האדם, שידע הרמזים. וכל הרהורי־בתשובה והמחשבות הנופלות לו הכל הכל הם על ידי כרוזים כאלה, והוא הוא ענין הבת קול, שיוצאת מהר חורב, שקשה שאם אין שומע, למה מכריזים. ואין אפשר לאמר, שהבת קול נשמעת, שמי פתי יאמין זה. ומי שיאמר, שהוא שומע, ידינוהו כנביא שקר. אלא שהוא כנזכר לעיל. שלמעלה אין אומר ודברים, כי אם עולם המחשבה. והמחשבות הן הכרוזים.

שלעכטער געדאנק, ווען ער קומט צום מענטשן, קומט ער דערויף, דער מענטש זאָל איהם מתקן זיין און דערהויבען.

דאַריבער בעדאַרף דער מענטש אַזאַ מחשבה זרה, ווען זי קומט צו איהם, ניט פערשטויסען פון זיך. ווארום אויך אין איהר איז גאָט פערהאַן און זי איז געקומען פון איהם אַ תקון און אַ דערהויבונג בעטען. אמת, אַמאָל איז אַזאַ מחשבה זרה פערהאַן, וואָס מען בעדאַרף זי מדחה זיין. דאָס זיינען אָבער אָט יענע מחשבות זרות, וועלכע קומען ניט אַ תיקון פון איהם צו בעטען; זיי קומען נאָר דערויף, זיי זאָלען איהם מבלבל זיין און פון וועג אַראָבפיהרען, און דערויף, דער מענטש זאָל קענען וויסען וואָס פאַר אַ מחשבה קומט עס צו איהם זי זאָל איהם פערפיהרען, און וועלכע דערויף, ער זאָל זי מקרב זיין און דערהויבען — זאָל זיך דער מענטש צוקוקען, אויב בשעת די מחשבה זרה איז געקומען צו איהם, איז איהם באַלד אויפ'ן געדאַנק אַרויפגעקומען, מיט וואָס זי מתקן צו זיין און דערהויבען, דאַן זאָל ער זי ניט פערשטויסען. אויב דער געדאַנק זיינער וועט איהם אָבער ניט אונטערזאָגען באַלד, ווי אַזוי זי צו מתקן זיין, זאָל ער זי באַלד מדחה זיין פון זיך.

און דערויף, זאָגט דער בעל שם, דער מענטש זאָל קענען שטענדיג זיין געדאַנק ריין האַלטען, איז די בעסטע עצה, ער זאָל שטענדיג אין שווייגען פערברענגען. „סייג לחכמה שתיקה, אַז ער איז אין שתיקה — קען ער זיך מתדבק זיין אין עולם המחשבה”.

---

ניט אָבער נאָר דעם געדאַנק אַליין בעדאַרף דער מענטש הייליג און ריין האַלטען. ער בעדאַרף אין אַלע הינזיכטען ריין און הייליג זיין. דער מענטש בעדאַרף זיך דורך אַלע מדות טובות מטהר און מקדש זיין. וואָרים אַלעס איז פון

איהם יתברך. „דער צונג איז פון הארץ די פעדער". „די דבורים ווערען היכלות אנגערופען". דאריבער בעדארף דער מענש זעהר פארזיכטיג זיין מיט זיי. אויב ער האט פוגם גע־ווען מיט לשון הרע רעדען און נאך אזוינע זאכען, ווערען פון דיזע רעד בעשאפען מענשען, וועלכע זיינען איהם מצער און בערעדען איהם. ער זאל אויך קיינעם קיין שלעכטס ניט רעדען, אפילו אויף א רשע. ער זאל נאר די שלעכטע מדות פון רשע פערלוימדען, אבער ניט איהם אליין. אויך אבער צופיעל לויבען ווענען, איז ניט קיין מדה טובה. ווען ער וויל עמיצען צופיעל לויבען, זאל ער זיך בעטראכ־טען, אז עס איז מעהר כדאי השם יתברך צו לויבען. און דאס זעלבע איז, ווען ער וויל גענען ווענען עס איז חסרונות אויסזעצען. ער קען די אלע חסרונות אין זיך אליין געפינען. מעהר ניט, אזוי איז שוין דער מענש: זיינע אייגענע חסרונות און די חסרונות פון זיינע אייגענע זעהט ער ניט. בכלל בע־דארף מען שטענדיג אפילו דעם רשע מוחלט נאר לכף זכות דן זיין. ניט זידלען און שימפפען בעדארף מען איהם, נאר בעדויערען איהם און דן זיין לכף זכות, אז ער האט געזינדיגט דערפאר, וואס ער בעזיצט א זינדיגען און מגושם'דיגען חומר. דעריבער האט ער גענען דעם יצר הרע ניט געקענטביישטעהן. מיר טארען קיינעם ניט פער־אורטיילען. מיר בעדארפען פאר איהם נאר גאט בעטען. מיר בעדארפען נאר פאר זיין גייסטיגער און מאראלישער בעסערונג זארגען. און אין אמת'ען קענען מיר גאר אין גאנ־צען קיינעם ניט אלס רשע מוחלט בעטראכטען. עס איז גאר ניט אט יענע זינד פאראן, וועלכע זאל אונז קענען פון גאט שיידען. ווי טיעף דער מענש זאל אין זינד ניט זינקען, געפינט זיך נאך אלץ דארט א וועג פאר איהם, וועלכער זאל איהם צו גאט פיהרען קענען. ווי א מענש זאל ניט זינדיג

זיין, אויב ער האָט נאָר דעם פעסטען גלויבען, אַז ער איז ניט פון גאָט פריי, בעדאַרף ער גאָר קיין מורא ניט האָבען; גאָט זאָל זיך פון איהם ניט אויף שטענדיג דערווייטערען. און אויך דאַן, ווען מיר שטראָפען עמיצען פאַר זיינע שלעכטע מעשים, בעדאַרפען מיר עס מיט ליעבשאַפט טהון. און אויב דער מענש בעדאַרף אַמאָל כעס אויף וועמען עס איז אַרויס־ווייזען, בעדאַרף דער כעס זיינער זיין נאָר לפנים, נאָר אויס־סערליך, אָבער אין האַרצען ביי זיך בעדאַרף לעבען אַ געפיהל פונקט דער היפוך פון כעס. און שטענדיג זאָל דער מענש בדברים רכים ותחנונים רעדען. און ער זאָל זיך מתדבק זיין אין מדות טובות און הנהגות ישרות. און אויב עס וועלען צו איהם תאוות עולם הזה קומען, זאָל ער זיי פון זיין געדאַנק דערווייטערען, און זאָל ביי זיך אין געדאַנק די תאוות מבזה זיין, ביז זיי זאָלען אויף איהם פערמיאוסט ווערען. און אַלעס, וואָס טרעפט מיט דעם מענשען אויף דער וועלט, בעדאַרף ער מקבל באהבה זיין. דאַן וועט ער אי די וועלט, אי יענע וועלט האָבען.

דער מענש — לערנט דער בעל שם — בעדאַרף אַ בעל צדקה זיין, און אויב אין בעצוג צו אַלע מצוות, איז בעסער, אַז דער מענש זאָל גאָר אין גאַנצען קיין מצוה ניט טהון, איידער ער זאָל זי מיט אַ פניה טהון, איז דאָס ביי צדקה אָבער אַנדערש. אמת אפילו, אַז צדקה שלא לשמה איז ניט פון אַזאַ הויכער מדרגה ווי צדקה לשמה. אַ מצוה איז ד׳אָס אָבער אַלץ, וואָרים מיר זענען דערמיט די נשמה פון אָרימאַן מחיה. מען בעדאַרף ניט וואַרטען ביז דער אָרימאַן וועט זיין האַנד אויסשטרעקען, נאָר מיר בעדאַרפען זיך מקדים זיין און מזרז זיין אין צדקה־געבען.

ז.

# אויסערליכע און אינערליכע ענוה.

פון די אלע מדות טובות איז די מדה פון ענוה די גרעסטע.— גלייכ־גילטיג בעדארפען מיר יעדער זאך אויפנעהמען.— אויך אין עבודת הבורא בעדארף מען אביסעל אן עניו זיין.— מען בעדארף זיך ניט רייסען צו מכוון זיין אזוינע כונות, וואס זיינען העכער פון אונזער השגה. — צופיעל עניו אבער בעדארף מען אויך ניט זיין.— דאס איז מעשה יצר הרע.— ער וויל איינרעדען דעם מענשען, אז ער איז צו קליין, צו אונוויכטיג, ער זאל קענען מיט זיין תורה ותפלה די געטליכע שפע אויף די עולמות ממשיך זיין.

מעהר אבער ווי אין אלע אנדערע מדות בעדארף דער מענש זעהן, ער זאל זיך די מדה פון ענוה מסגל זיין. דיעזע מדה איז דער יסוד און שורש פון מענשען. „דער יסוד איז דער עיקר שורש פון בנין. אויב דער יסוד איז רואינירט, פאלט דער גאנצער בנין איין“. אזוי איז אויך מיט דעם מענ־שען ביי וועמען דער יסוד — די מדה פון ענוה — איז ניט אין ארדנונג. א מענש, וואס איז א גאו, למשל, זיינען אלע זיינע מעשים געבויעט אויף דעם שלעכטען יסוד. יעדער מענש, זאגט דער בעל שם, קען משיג זיין אלעס, וואס די אלע תנאים און אמוראים האבען משיג געווען. נאר די גאוה שטערט איהם און לאזט איהם ניט משיג זיין. „ווען דער מענש וואלט קיין שום פניה ניט געהאט, ווען אלעם וואלט ביי איהם איינעם און דעם זעלבען ווערטה האבען, וואלט ער געקענט צו אלע מדרגות זוכה זיין: ווארום די מדה פון ענוה איז די גרעסטע מדרגה פון אלע מדרגות. די חז״ל, וואס האבען געזאגט: „גרעסער איז דאס, וואס איז געזאגט

געוואָרען ווענגען משה׳ן, ווי דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרען ווענגען אברהם אבינו, ווארום אברהם אבינו האָט געזאָגט „ואנכי עפר ואפר" און ביי משה׳ן שטעהט געשריעבען „ואנחנו מה" — מיינען דערמיט פאָלגענדעס: משה איז גרויס דערמיט, וואָס ער האָט גאָר אין גאנצען דאָס וואָרט „אנכי" ניט בענוצט, ווען ער האָט גערעדט ווענגען זיך, נאָר ער האָט זיך כולל געווען מיט דעם גאַנצען איבעריגען פאָלק און האָט געזאגט „ונחנו", דורכדעם איז זיין מדרגה פון עניוות א גרעסערער געווען פון דער, וואס אברהם אבינו האָט פאַרמאָגט.

„דער מענש בעדאַרף זיך — לערנט ווייטער דער בעל שם — קיינמאָל נאָך קיין כבוד ניט יאָגען. אָלעס בעדאַרף פאַר איהם גלייך זיין. און אויף דעם זעלבען און אייגענעם אופן בעדארף ער שטענדיג די שבחים און זלזולים פון מענשען אָננעהמען. זייער ליעבע און שנאה בעדארף ביי איהם די אייגענע ווערטה האָבען. עס בעדארף ביי איהם זיין אָלעס איינס, צי מען האלט איהם פאַר אַזאַ איינעם, וואָס קען די גאנצע תורה, אָדער מען בעטראַכט איהם אַלס אַזעלכען, וואָס וויים גאָר אין גאנצען גאָר ניט".

„און דאָס, וואָס קען דעם מענשען ברענגען, ער זאָל די גרויסע מדה פון השתוות — גלייכגילטיגקייט — דערגרייכען, איז, ער זאָל זיך שטענדיג מתדבק זיין אין בורא יתברך. וואָרים צוליעב דעם, וואָס ער וועט שטענדיג זיין בעשעפטיגט מיט דער דביקות זיינער, וועט ער קיין צייט ניט האָבען, צו פערנעהמען זיך מיט אַזוינע לייכטע און אונוויכטיגע זאכען.

„און דאָס איז דער ענין פון „שויתי ה׳ לנגדי תמיד". ווי באַלד איך האָב די מדה פון השתוות, ווי באַלד אַלעס איז אַז מיינע אויגען גלייך, ווייס איך, אז גאָט איז מיט מיר

שטענדיג. זאל יעדער מענש טראכטען, אז ער איז מעהר ניט, ווי א קליין ווערימעל, און אז אלע בעשעפענישען, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, זענען חברים זיינע".

און פונקט ווי עס איז קיין רשע מוחלט ניט פערהאן, אזוי איז אויך קיין צדיק מוחלט ניט פערהאן. עס קען קיינער ניט פאלשטענדיג זיכער זיין אין זיך. און „אפילו ער אליין, האט ער זיינע תלמידים פערזיכערט, האט שטענדיג נאך אלץ מורא געהאט, דער רבונו של עולם זאל איהם ניט ווען עס איז מדחה זיין פון זיך."

„איך שווער, — האט ער איינמאל וועגען זיך צו זיינע תלמידים געזאגט, — אז עס איז פערהאן א מענש אויף דער וועלט, וואס האט די תורה פון גאט אליין און דער שכינה זיינער געהערט, ניט פון קיין מלאך און ניט פון קיין שרף, און ער גלויבט אין זיך דאך ניט, ער זאל דאך אמאל ניט פערשטויסען ווערען פון רבונו של עולם". און אמאל פלעגט ער צו זיינע תלמידים זאגען, אז ניט שטענדיג גע־פינט ער זיך אויף א העכערע מדרגה.

און די מדה פון ענוה בעדארף דער מענש אויך אין עבודת השם פראקטיצירען. ער בעדארף אויף זיך ניט צו־פיעל שווערע ארבייט נעהמען. ער בעדארף ניט וועלען צו־פיעל עולם הבא מיט אמאל „ארייננחאפען".

און ער ערקלערט עס מיט דעם פאלגענדען משל.

א מענש, וואס וויל עסען און האט דאן שטארק חשק צו עסען דוקא איינעם פון די מאכלים, וועלכע זיינען איהם אם מעהרסטען ליעב — דער זעהט, ווי אויף א הויכען ארט ליעגט דער מאכל, וואס ער האט אזוי ליעב. ער קען אבער צום פלאץ ניט צוקומען. שטעלט ער זיך פאר אין געדאנק, אז ער עסט עס. וואס דערגרייכט ער אבער דורכדעם. וואס מעהר אילוזיאן ער רופט ארוים ביי זיך, אז ער עסט דעם

מאכל, אלץ מעהר הונגעריג איז ער. און דאס זעלבע איז אויך מיט די מענשען, וועלכע שטרעבען גרויסע און הויכע כוונות מכוון צו זיין און זיי קענען אהין ניט צוקומען — בלייבען זיי זעהר ווייט פון דעם ציעל זייערען. פון די אלע כוונות זייערע בלייבען זיי ביי גאר ניט. עס איז דאריבער בעסער און גלייכער פאר יעדען איינעם, ער זאל זיך גאר אינגאנצען אין הויכע מקומות ניט שפארען, ער זאל גאר אינגאנצען ניט וועלען אריינקומען אין אזוינע פלעצער, וועלכע זענען פון זיין השגה און ווערט העכער.

אין דער צייט פון בעל שם — דערצעהלט די לעגענדע — איז געווען איינער, וואס האט סגופים געמאכט און פלעגט אפט אין מקוה געהן, ער זאל רוח הקודש משיג זיין. האט זיך דער בעל שם אמאל וועגען איהם אויף פאלגענדען אופן אויס־געדריקט. אויף דעם עולם האמת לאכט מען פון איהם. ווארום דיזע אלע זאכען, צו וועלכע ער האט געשטרעבט, זענען געווען העכער פון זיין כח רוחני און פון זיין השגה.

און גאט — זאגט דער בעל שם — איז נאר מיט דעם, וואס איז אן עניו ביי זיך. ווייט איז ער אבער פון דעם וואס איז א גאה.

און ער ערקלעהרט אויף פאלגענדען אופן, פאר וואס מיר זאגען „אתה הוא אלהינו": פריהער בלשון „נוכח" און נאכדעם בלשון „נסתר". ווען דער מענש דענקט, אז ער איז שוין אין השם יתברך בעהעפט, אז ער שטעהט שוין פנים אל פנים אנטקעגען איהם, דאן איז שוין אין אמת'ען גאט ווייט פון איהם. אויב ער דענקט אבער, אז ער איז נאך ווייט פון גאט, דאן איז ער נאהענט צו איהם. און דאס איז די מיין פון די ווערטער „אתה הוא אלהינו". פאר דעם וואס מיינט, אז ער איז שוין „אתה" מיט גאט, איז גאט פאר איהם מעהר ניט, ווי הוא, ער איז צו איהם בבחינת „נסתר." דער

אבער, וואס איז ביי זיך געפאלען, און זאגט הוא ווענען גאט, ווערט דאמאלס גאט מיט איהם אויף „דו“, דאמאלס איז ער א ל ה י נ ו, דאמאלס איז ער מיט אונז.

בעזאנדערס בעדארף דער מענש נזהר זיין, ער זאל אין זיין עבודת השם אין קיין י ה י ר ו ת ניט ארייגפאלען.

און ער טייטשט איין דעם פסוק וועגען קטורת: „איש אשר יעשה כמוה להריח בה“ — א מענש, וואס וועט נאכ־מאכען די קטורת פאר זיין הנאה וועגען, פאר זיך צום שמע־קען אויף פאלגענדען אופן: אויב איינער וועט די מצוות טהון נאר דערפאר, עס זאל זיך זיין ריח ניחוח הערען, עס זאל וועגען איהם א שם פערשפרייט ווערען, ווי וועגען איינעם פון די אנשי חסידים, וואס זיי ווערען אנגערופען „קטורת“— זאל ער פון זיין פאלק פערשניטען ווערען.

---

די גרעסטע און בעסטע מדה איז, אלזא ענוה. ענוה צו ענוה איז אבער ניט גלייך.

עס איז פערהאן אן אויסערליכע ענוה און אן אינערליכע ענוה, אן ענוה וואס שטאמט פון הארצען.

און ער ברענגט פאלגענדען משל.

עס איז געווען א קיסר, וועלכער האט א כשר און עהרליך לעבען געוואלט פיהרען. איז קיינער ניט געווען וואס זאל איהם געווען קענען געבען אן עצה, ווי אזוי צו פיהרען זיך, ער זאל קענען זיין ציעל דערגרייכען. איז צו איהם געקומען אן ארימאן און האט איהם אן עצה געגעבען, ער זאל פאר זיך דעם וועג פון ענוה אויסקלייבען, וועט ער חיי־עולם־הבא לעבען. האט דער מלך איהם געפאלגט און האט אנגעהויבען איז וועג פון ענוה צוגעהן. וואס האט ער אבער געטהון? ווען ער האט בעדארפט אין זיין קעניגליכען וואגען פאהרען, האט ער געהייסען, אז דער וואגען זאל פאראוים פאהרען און

ער וועט איהם צופוס נאכגעהן. האט איהם דער ארימאן גע־זאגט דאמאלס: ניין. ניט דאס איז דער ריכטיגער וועג. דו זעץ זיך דוקא אין וואגען, און זיצענדיג אין וואגען פיהר זיך מיט ענוה אויף. זעה, דו זאלסט די „ענוה שבלב״ האבען. דאס איז שווערער ווי נאך דעם וואגען נאכגעהן.

---

און פונקט ווי מען בעדארף ניט צופיעל וועלטען ווע־לען איינרייסען אין עבודת השם, אזוי בעדארף מען אויך ניט צופיעל עניו זיין. ווארום די צופיעל עניוות פון מענשען איז גורם, מיר זאלען זיך דערוויטערען פון עבודת השם יתברך, ווארום דערפאר, וואס איינער איז א שפל ביי זיך גלויבט ער ניט, אז דער מענש איז גורם דורך זיין תפלה און תורה שפע פאר די אלע עולמות. אויב דער מענש פיהרט זיך ניט גוט, מעג מען איהם מתקן זיין אויך דורך דער מדה פון גאוה און בעריהמען זיך אדער דורך דעם וואס מען זאל מיט איהם רעדען וועגען דער עולם הבא, וואס ערווארטעט איהם, וואס איז, אייגענטליך, אויך נאר א מין בעהאלטענע גאוה: דער מענש דענקט, אז ער פערדיענט, אז דער רבונו של עולם זאל איהם צאהלען שכר פאר זיינע מעשים, און ער גלויבט, אז ער טהוט עפעס פון כביכול׳ס וועגען. אין אמת׳ען אבער, אהן דעם כוח הבורא, וואס זענען מיר גאר אין גאנצען. ווי איז עס אלזא רעכט צו נעהמען געצאהלט דערפאר.

און אמאל איז די גאנצע ענוה גאר אינגאנצען ניט מעהר ווי נאר מעשי יצר הרע. דער יצר הרע הייסט איהם זיך האלטען פאר אן עניו, פאר א גאר ניט, וואס איז שוין סאי ווי סאי פון גאט און פון לייט פערלארען, צי ער וועט מצוות אדער עבירות האבען.

און ער טייטשט אויף פאָלגענדען אופן איין דעם פסוק „הלל רשע על תאוות נפשו“. —

דער רשע מאכט זיך אמאָל פאַר אַן עניו, ווי הלל ממש, כדי ער זאָל קענען נאָכגעבען די אַלע תאוות זיינע און זאָל אין קיין זאַך דעם יצר הרע ניט אָבזאָגען. ער איז זיך מבטל בתכלית הבטול פאַר יעדער מיאוסער תאוה.

## ח.

# די וויכטיגקייט פון תפלה.

די וויכטיגקייט פון תפלה. — א איד, איידער ער שטעלט זיך דאווענען, בעדארף ער גרייט זיין אויסצוגעהן ביים דאווענען פאר גרויס דביקות אין השם יתברך. — דער בעל־שם קען ניט אריינגעהן אין א בית מדריש, ווייל ער האט דארטען פאר זיך קיין פלאטץ ניט געקענט געפינען. — עס איז דארטען — האט ער געזאגט — א גרויסע ענגשאפט געווען, ווייל די אלע תפלות פון די מתפללים זיינען אין בית המדרש געבליבען, דערפאר וואס זיי זיינען „שלא לשמה" געווען, האבען זיי אויפ'ן הימעל ניט געקענט ארויפגעהן. — אויף איינעם, וואס ער האט געטראפען שטארק פערטיעפט אין זיין לערנען, האט ער געזאגט, אז פון גרויס פערטיעפטקייט אין זיין לערנען, האט ער אפילו אין גאט פערגעסען. — דער וואס לאכט פון א אידען, וואס שאקעלט זיך ביים דאווענען, איז א נאר און א אכזר.

עס האט דער בעל־שם זיין לעבענס־מיסיאן געזעהן אין דעם, ער זאל די מדה פון עצבות מיט די ווארצלען פון אידי־שען לעבען אויסרייסען. און דעריבער האט ער גאר גענוג ווערטער ניט געהאט, דיעזע מדה צו פערווארטיילען. און דע־ריבער האט ער אונאויפהערליך געלערענט אונז, אז מיר בע־דארפען ניט טיעף אין טרויער אונזער קאפ בויגען, ווען חס־ושלום מיר ווערען אפילו נכשל אין א דבר עבירה, ווען מיר האבען אפילו אמאל געוויסע שטערונגען אין דעם מקיים זיין פון אירגענד־וועלכער מצוה. דאס הייסט אבער ניט, אז אויך לכתחלה מעג דער מענש אויף עבירות עובר זיין, אז ער קען דאס מקיים זיין און די מצות המעשיות איגנארירען. ווי אלע פארשטעהען פון דער קבלה האט אויך דער בעל־שם געלעה־רענט אונז, אז דער מענש בעדארף „במצוה קלה כבחמורה"

נזהר זיין. עס קען ניט דער בוים נאקעט שטעהן. ער מוז אויף זיך צווייגען און בלעטער טראגען. עס קענען ניט די לעבענ׳ס־זאפטען אין די ווארצ־לען בלייבען. זיי מוזען זייער תקון אין דער פרוכט פון בוים זוכען. דערויף, דער מענש זאל קענען געפינען דעם וועג זיינעם, וואס זאל איהם צום בורא עולם פיהרען, מוז ער ניט נאר כונות מכון זיין, נאר אויך מעשים טהון.

און דער „גולת־הכותרת" פון זיינע מעשים בעדארף ביים אידען זיין תפלה זיין. קיין זאך איז ווי תפלה ניט וויכ־טיג. „די שכינה ווערט אנגערופען „תפלה." „די תפלה איז אן אבר פון דער שכינה". די תפלה דערגרייכט, כביכול, ביז צו קודשא בריך הוא." „די מלאכים נעהרען זיך פון דעם מענשענ׳ס תורה און תפלה."

קיין זאך איז ניט אזוי פיעל כולו רוחניות, קיין זאך שלאגט פאר זיך ניט אזא גראדען וועג צו די עולמות העליונים דורך, ווי די תפלה טהוט עס.

דעריבער בעדארף דער מענש פיעל געוויכט לעגען אויף דיעזער עבודה זיינער.

דאס דאווענען בעדארף מיט גוואלדיגער כונה און דבקות זיין. פאר דעם דאווענען בעדארף ביי זיך דער מענש טראכטען, אז ער איז גרייט צו שטארבען בשעת דעם דאווע־נען פאר גרוים כונה. און בשעת דעם דאווענען בעדארף ער מכוון זיין, אז פאר גרוים פחד פאר השם יתברך וואלט ער געקענט שטארבען ביי די ערשטע צוויי דריי ווערטער, וואס ער ברענגט פון מויל ארוים. און א גרויסען חסד טהוט מיט איהם גאט, וואס ער גיט אין איהם כח אריין. ער זאל א לעבע־

דינער די תפלה זיינע קענען משלים זיין, וואס פאר גרויס דביקות געהט ניט די נשמה זיינע אין כלות־הנפש אויס.

בשעת דער איד שטעהט און דאווענט, בעדארף ער זיין, ווי אויסגעטהון פון גשמיות און בעדארף ניט פיהלען זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט. „התפשטות־הגשמיות." ער־קלעהרט דער בעל־שם, הייסט, אז דער מענש פיהלט גאר ניט דעם גוף, און די גאנצע וועלט פארנעהמט גאר קיין ארט ניט ביי איהם אין געדאנק. נאר די פארשטעלונג וועגען די עולמות העליונים לעבט אין געדאנק ביי איהם.

און אין דער תפלה זיינער בעדארף דער איד נאר אויף רוחניות בעטען, אויף דעם גלות פון זיין נפש, רוח און נשמה, וועלכע געפינען זיךביים יצר־הרע.

דער הויפט עיקר אין דער תפלה — זאגט דער בעל־שם — אין די כונה, וואס דאס הארץ פון מענשען איז מכוון, דאס, וואס דער איד רייסט זיך דעם בורא עולם צו דיענען. א איד,, זאגט דער בעל־שם, דרעהט זיך א גאנצען טאג ארום אין מארק. אין אבענד, ווען עס הויבט שוין כמעט אן פינ־סטער ווערען, גיט ער א ציטער פלוצלינג און שרייט אויס: „אוי, איך וועל זמן־מנחה עובר זיין." און ער חאפט זיך דאמאלסט אריין ערגעץ אין א הויז און דאווענט אב אויף גיך, ניט ווייסענדיג אפילו, וואס ער זאגט דארטען — פונ־דעסטוועגען הויבען אן שרפים ואופנים פון אט דער מנחה צו ציטערען.

די אלע כחות זיינע, — זאגט דער בעל־שם, — זיין גאנץ הארץ און נשמה, בעדארף דער מענש אריינלעגען אין זיין דאווענען. דורך דעם וועט איהם מעגליך זיין זיך מתדבק צו זיין אין דער גרויסער ליכט פון „אין סוף" ברוך הוא, וואס רוהט אויף די אותיות און ער וועט אזוי ארום מכניע זיין די אלע כחות גופניים און וועט ממש צו התפשטות הגשמיות

קומען. ער וועט די עולמות העליונים דערגרייכען, און אלע מאל וועט ער מיט א נייער שלימות און מיט א נייעם הימעל־גלאנץ געבענשט ווערען.

און מענגען פון אידישע מענשען לאכען, וויפיעל זיי ווילען, בעדארף ער זיין גאנצע הכנעה, זיין גאנצע התבטלות פאר דעם בורא עולם אין זיין תפלה ארויסווייזען. דער מענש בעדארף זיך שאקלען אוןווארפען בשעת דעם דאווענען, און אז ווער איז צו דעם, וואס לאכט פון א אידען, וואס שאקעלט זיך ביים דאווענען. עס איז א בעוויז, אז ער איז א גרויסער שוטה אדער א גרויסער אכזר.

און דער בעל־שם ברענגט פאלגענדען משל, וועלכער ערקלעהרט אונז, פארוואס ער בעצייכענט אט יענעם מענשען אלס שוטה און אכזר.

ווען א מענש טרינקט זיך אין טייך און ראטעוועט זיך דורך דעם, וואס ער מאכט פערשיעדענע בעוועגונגען, ער זאל גובר זיין די וואסער, וואס וויל איהם פערפלייצען — ווילען דאך אודאי די אלע, וואס זעהען עס, ניט חוזק מאכען פון איהם דערפאר. דאס זעלבע איז אויך מיט דעם דאווענען פון א אידען. בעזע כוואליען וואסער רינגלען שטענדיג דעם מענשען ארום און ווילען איהם פערשלינגען. די קליפות טרעטען פון איהם ניט אב און ווילען איהם פון זיין תפלה מבטל זיין. עס איז דעריבער ניטא, וואס צו חוזק מאכען, ווען דער איד זוכט זיך ראטעווען פון גרויסען אומגליק, דורך דעם, וואס ער ארבייט מיט די אלע איברים זיינע.

און פעהלט איהם אוים דעם בעל־שם בילדער און ווערטער, צו וואס מעהר איבערצייגונג ברענגען אין דעם אמת פון זיין בעהויפטונג, שטעלט ער זיך ניט אב צו בענוצען זיך אויך מיט אזוינע משלים און בילדער, וועלכע בעדארפען מעהר ווי אביסעל א פיינערען אויערען שאקירען.

דער בעל־שם איז אבער ניט „קובע־מסמרות“ אין דעם אלעם. פארקעהרט נאר. אין אנדערע פלעצער זאגט ער פונקט דעם היפוך פון דעם אלעם.

אמאל בעדארף מען דיענען גאט — זאגט ער אויף איין ארט — נאר מיט דער נשמה אליין. דעם גוף בעדארף מען אמאל איגנאנצען צורוה לאזען, כדי ער זאל ניט קראנק ווערען דורכדעם, וואס מען וועט איהם צופיעל נוצען.

„דאס געשריי ביים דאווענען, וואס נעהמט זיך פון דביקות, בעדארף זיין אין דער שטיל און אויף א ניעדעריג קול, דער אויער פון מענשען זאל עס גאר ניט הערען אפילו.“

„דער מענש זאל ביים דאווענען קיינע באוועגונגען ניט מאכען. נאר אינוועניג ביי איהם, אין זיין נשמה, זאל א גרויס פייער ברענען. אין דער שטיל זאל ער פון התלהבות שרייען. זיין עבודה אינערליך זאל זיין גרעסער, ווי די עבודה זעהט זיך אין זיינע איברים אן.“

און ניט ווייגען און קלאגען — זאגט ער אויף א צווייטען פלאץ — זאל מען ביים דאווענען. דאס דאווענען בעדארף מיט פרייד און תענוג זיין.

## ט.

# דער טראַגיזם פון א אידישען מיסטיקער.

דער פערזענליכער מאגנעטיזם פון בעל־שם. — מענשען, וואס געהען שטענדיג, ווי אן עמוד־האש, אין לעבען ארום.— די צוויי פארמולען אין דער אידישער קבלה : „לית מחשבה תפיסא ביה כלל" און „לית אתר פנוי מניה" שאפען א באדען פאר דעם אידישען מיסטיקער, זיין הארץ זאל זיך שטענדיג אין גוואלדיגער בענקעניש צאפלען.— עס איז נאך קיינער ניט מיט אזא גרויסען שרעק און מיט אזא גרויסען תענוג פאר דער גרויסער מיסטעריע פון עקזיסטענץ און לעבען געשטאנען, ווי דער בעל־שם איז פאר איהר געשטאנען.

עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער בעל שם האט אזא גרויסען איינפלוס אויף מענשען געהאט. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס עס האט זיך איהם איינגע־געבען צו קאנצענטרירען ארום זיך א טייל פון סאמע סולת, פון דער סאמע סמעטענע פון אידישען פאלק, וואס האבען אין זיין דור געלעבט. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס ער האט די גרעסטע גאונים, די גרעסטע מקובלים ערוואר־בען אלס תלמידים זיינע, וועלכע האבען איהם מיט די אלע פיברען פון זייער הארץ און נשמה פערגעטערט און ליעב געהאט.

ער האט די אלע נויטיגע מעלות און מדות פערמאגט, וועלכע האבען פאר איהם די מעגליכקייט געשאפען, ער זאל קענען די רייכע אוןברייטע טעטיגקייט זיינע אנפיהרען. ער האט די אלע נויטיגע מעלות און מדות פערמאגט, מענ־

שען זאָלען מוזען אונטער זיין איינפלוס קומען און זאָלען זיך לאָזען פיהרען פון איהם. ער האָט די נויטיגע מעלות פערמאָגט, דורך וועלכע ער האָט געקענט בעצויבערען מענשען. ער איז צופיעל פערשיעדענאַרטיג רייך געוועזן, די אדער יענע הערשענדע גרופּע אין אידישען פאָלק צו יענער צייט זאָל איהם געוועזן קענען מבטל זיין.

עס זענען פערהאַן אַלע גרינדע צו דענקען, אז דער בעל שם האָט ניט נאָר א גרויס הארץ פערמאָגט, נאָר אויך א גרויסען מוח, אז ניט נאָר אין דער „מתיבתא דרקיע" האָט ער זיך היימיש געפיהלט, נאָר אויך אין דער „מתיבתא דארעא". עס זענען אַלע אורזאַכען פערהאַן צו דענקען, אז דער בעל שם איז אויך א גרויסער למדן געוועזן, אז עס זענען אונגעהויער גרויס געוועזן די ידיעות זיינע אין נגלה, חאָטש ער האָט ניט קיין גרויסען וועזען דערפון געמאַכט. אייניגע פון די גרויסע גאונים, וועלכע האָבען זיך צווישען זיינע תלמידים געצעהלט, זאָגען עדות אויף איהם, אז ער איז א געוואלדיגער חריף ובקי געוועזן, און, ווירקליך, וויפיעל אינטערעס און צוציהונגס־קראַפט זיין שיטה זאָל אין זיך ניט ענטהאַלטען, איז זיך דאָך שווער פאָרצושטעלען, אז אַזוינע גרויסע גאונים, ווי פיעלע פון זיינע תלמידים זענען געוועזן, זאָלען זייער קאָפּ בויגען פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז ניט גרויס אין תלמוד און פוסקים געוועזן. דאַן קומט נאָך דער פאַקט, וואָס צווישען די גרעסטע רבנים פון יענעם דור, וועלכע האָבען אַן אנטייל גענומען אין דעם וכוח וואָס איז פאָרגעקומען אין לעמבערג צווישען זיי און די פראַנקיסטען, האָט אויך דער בעל־שם אַן אנטייל גענומען. עס איז דאָך שווער צו דערלאָזען, אז ער האָט געקראָגען א פּלאַץ צווישען די דריי רבנים, וואָס האָבען דעם גאַנצען וכוח אנגעפיהרט נאָך דערפאַר, וואָס ער האָט גוט געקענט די פּוילישע שפּראַך, וועהרענד יענע צוויי זיינען ניט גע־

ווען איבעריגע גרויסע „מייסטער“ אין איהר. דער בעל־שם האט אלזא אויך מיט דעם כח פון זיין תורה אויף פיעלע גאונים פון זיין דור זיין אויטאריטעט ארויפגעצוואונגען. דערהויפט כח אבער פון זיין איינפלוס איז דאך געלעגען נאר אין זיין גרויסער פערזענליכקייט, אין דעם פערזענליכען מאגנעטיזם, וואס ער האט פארמאגט. ער איז פון געבוירען אלס א פיהרער בעשטימט געווארען. ער האט געוואוסט דעם סוד, ווי אזוי מען בעדארף צו דער מענשליכער נשמה צוגעהן. ער האט געוואוסט, ווי מיט פערשיעדענע מיטלען פאר פערשיעדענע מענשען זיך בענוצען, דערויף, ער זאל אויף זיי זיין היפנאז אויסנוצען.

ער האט די אלע גרויסע מעלות פון א גרויסען ארגאניזא־טאר און פיהרער פערמאגט. דערצו נאך אבער איז ער פון אלע זייערע חסרונות פריי געווען. אין זיין פיהרערשאפט האט גע־פעהלט דער עלעמענט פון דעספאטיזם, ברוטאליטעט, דאס שטרעבען די אייגענע מאכט לאזען פיהלען — אט דיעזע אלע מדות, וועלכע זענען די שטענדיגע בעגלייטער אין דער טהע־טיגקייט פון די אלע גרויסע ארגאניזאטארען און פאלקס־פיהרער. און דעריבער האט געמוזט זיין איינפלוס אויף מענ־שען נאך שטארקער און טיעפער זיין. דאס אלעס, וואס ער האט געפרעדיגט, האט ער אליין שוין אין זיין פראפאגאנדא פראקטיצירט. אין די מיטלען און וועגען, דורך וועלכע ער האט זיינע לעהרען געוואלט פערשפרייטען, איז שוין די לעהרע זיינע געווען. די אלע רייכע וועלטען פון געפיהל און נשמה, פון ווייכקייט און האר־ציגקייט, אין וועלכע זיין שיטה ווייקט — פון דעם אלעם איז אויך זיין בעגעהן זיך מיט מענשען דורכגעדרונגען געווען.

ער איז פון געבוירען אלס פיהרער בעשטימט געווארען.

און דערצו נאך האט ער מיט זיך אין זיין לעבן אזא גרויסע און וויכטיגע מיסיאן מיטגעבראכט. און דערצו נאך איז ער מיט אזא רייכען און נייעם אינהאלט צו זיין דור געקומען. וואס איז דער וואונדער אלזא, וואס זיין טעטיגקייט האט זיך מיט אזא גוואלדיגען ערפאלג געקרוינט? וואס איז דער וואונ־דער, אלזא, וואס מענשען האבען געמוזט אונטער דער וויר־קונג פון זיין היפנאז אונטערפאלען?

יא, דער הויפט כח פון בעל שם'ס איינפלוס איז געלעגען אין זיין פערזענליכקייט, אין דעם פערזענליכען מאגנעטיזם, וואס ער האט פערמאגט.

עס זענען פערהאן גרויסע מענשען, וואס קענען קיין גרויסען איינפלוס אויף זייערע מיטמענשען ניט אויסאיבען. מראץ דעם, וואס זיי וואלטען געקענט א וועלט א גאנצע פער־טיילען מיט די אונגעהויערע רייכע אוצרות, וואס זיי טראגען אין זיך, טראץ דעם, וואס עס ברענט שטענדיג א הייליג פייער א גרוים אין זייער נשמה. ווארום זיי האלטען שטענדיג אלע זייערע רייכע אוצרות אין זיך איינגעשלאסען. אינוועניג ברענט א גרוים פייער און פון אויבען איז אלעס מיט ווינטער־אייז בערעקט. וועהט פון אייז א קעלט אויף די, וואס קומען אין בעריהרונג מיט זיי. פיהלען זיי זיך אין זייער אנוועזענ־הייט, ווי אין א פוסטער מדבר.

דאגעגען זיינען פערהאן אבער אזוינע, — אמת, זעהר קליין אין צאהל, — וואס זענען שטענדיג אין נשמה איינגע־הילט. די גאנצע רייכע אינערליכע וועלט זייערע איז ביי זיי שטענדיג אין דער בחינה פון „התגלות.“ א ל ע ס, ו ו א ס ז י י פ ע ר מ א ג ע ן, א י ז ב י י ז י י ז ע ה ב א ר ש ט ע נ ד י ג. פון יעדען קעהר און ריהר זייערען שלאגט ארויס א קוואל פון ליעבע גרויסער. י ע ד ע ס ו ו א ר ט ז י י ע ר ס א י ז ח ס ד. אין יעדען טהאט זייערען איז א

שטיק פון זייער הארץ פערקערפערט. ווי א לייכטענדער עמוד־האש געהען זיי אין לעבען ארום. זעהען אלע דאס גרויסע פייער, וואס ברענט אין זייער נשמה און ציהען זיך מחנות־ווייז, ביי דעם גרויסען פייער זיך צו ווארימען. זעהען אלע דעם גרויסען קוואל פון ליעבע, וואס שלאגט אין זייער האר־צען און ציהען זיך מחנות־ווייז — צו טרינקען פון איהם.

און איינער פון די גאר גרעסטע צווישען די פערזענליכ־קייטען, וואס בעלאנגען צו דיעזער קאטעגאריע, איז דער בעל־שם געוועזען.

ער איז, ווירקליך, זיין גאנצען לעבען שטענדיג אין הארץ און נשמה איינגעהילט געוועזען. ער איז ווירקליך שטענדיג די פערקערפערונג פון חסד און ליעבע געוועזען. האט די גרויסע ליכט, וואס האט פון זיין נשמה ארויסגעשטראהלט, די מענ־שען פון זיין דור צו איהם געצויגען און האט פאר איהם זייע־רע קעפ געבויגען.

אממעהרסטען אבער איז זיין צוציהונגס־קראפט געלעגען אין דעם, אויף וויפיעל די שטענדיגע שטרעבונג זיינע אין דער געטהייט זיך מתדבק זיין האט אונאויפהערליך זיין גאנצען לעבען דורכגעדרונגען.

עס זיינען אין דער אידישער קבלה צוויי פארמולען פאראן. די ערשטע פארמולא איז „לית אתר פנוי מניה“. קיין זאך איז פון זיין — פון גאט'ס — וועזענטליכקייט, פון זיין עקזיסטענץ ניט פריי. אין אלעם, וואס לעבט און עקזיסטירט, אין יעדען בוים און אין יעדען גראז, אין יעדען קעהר און אין יעדען ריהר, אין יעדען ווארט און יעדען גע־דאנק — אין אלעם, אלעם איז גאט פאראן. די צווייטע פארמולא איז „לית מחשבה תפיסא ביה כלל“. — ד א ס ר י י נ ס ט ע, ד א ס ש ע נ ס ט ע, ד א ס א י י ד ע ל־ס ט ע, ו ו א ס ד ע ר מ ע נ ש פ ע ר מ א ג ט, ד ע ר

געדאנק אפילו, דורך וועלכען דער מענש קומט שוין אין אונמיטעלבארער בעריהרונג מיט דער געטהייט — אפילו דורך איהם קענען מיר זיך זאגאר די קלענסטע פארשטעלונג וועגען דער געטהייט ניט שאפען.

און טראכט מען זיך איין אין דעם אינהאלט פון דיעזע צוויי פארמולען, ווערט עס פאר אונז מעגליך צו פערשטעהען, וואס פאר א באדען זיי מוזען עס שאפען פאר א אידישען מיסטיקער, וואס דער יסוד פון זיין קאנצעפציאן וועגען דער געטהייט ליעגט אין דיעזע צוויי פארמולען, וואס פאר א מין טראגישען באדען זיי שאפען עס פאר א אידישען מיסטיקער, ער זאל אויף איהם די שרעקליכסטע כלות־הנפש־מאמענטען איבערלעבען, זיין הארץ זאל אויף איהם שטענדיג אין שרעק־ליכער בענקעניש זיך צאפלען.

צוזאמען מיט זיין לעבען און עקזיסטענץ פיהלט דער אידישער מיסטיקער אויך דאס לעבען און עקזיסטענץ פון גאנצען אוניווערזום. און צוזאמען מיט דעם לעבען און עק־זיסטענץ פון גאנצען אוניווערזום, פיהלט ער אויך דאס לעבען און עקזיסטענץ פון בורא־עולם. איבעראל און אומעטום און אין יעדער מינוט און אין יעדער רגע און מיט די אלע חושים זיינע פיהלט ער דאס לעבען פון גאט. ער איז דורך און דורך מיט דעם געפיהל פון זיין עקזיסטענץ דורכגעדרונגען. און וואס מעהר ער פיהלט אין זיך און איבעראל די אנוועזענהייט פון גאט, אלץ מעהר גארט ער און בענקט ער נאך איהם, אלץ מעהר און מעהר וואלט ער זיך וועלען דערנעהענטערען צו איהם, אלץ מעהר און מעהר וואלט ער חאטש אויף וויפיעל עס איז זיין אנבליק וועלען זעהן, אלץ מעהר און מעהר וואלט

ער האָט אויף וויפיל עס איז אירגענד־וועלכע פאָרשטעלונג וועגען זיין וועזענטליכקייט וועלען האָבען.

צאַפּעלט זיך דאָס הארץ זיינס אין גרויסער בענקשאַפט. ער וויל זיך צום קוואַל פון לעבען דערנעהענטערען. ער וויל זיך אין בורא עולם מתדבק זיין.

עס מוז אָבער זיין בעגעהר אונבעפריעדיגט בלייבען. פערהיילען מוזען בלייבען אויף אייביג די אַלע וועגען, וואָס קענען פיהרען צום גרויסען סוד, פון וועלכען עס שטראָמט דאָס גאַנצע לעבען ארוים.

„לית מחשבה תפיסא ביה כלל." גאָט איז אי־בעראַל און אומעטום און אין ערגעץ ניט. ניט נאָר דיין אויג קענסט דו ניט זעטיגען מיט זיין וועזענטליכקייט, נאָר אַ־ילו מיט דעם געדאַנק דיינעם קענסט דו ניט זיין וועזענטליכקייט תופס זיין.

וואַקסט נאָך מעהר זיין בענקשאַפט. איז ער זיך נאָך מעהר מיט זיין געדאַנק אין גאָט מתדבק. ווערט נאָך מעהר פיינליכער דער בעגעהר זיינער, דעם גרויסען סוד צו ענטהיי־לען. און טאָג און נאַכט און נאַכט און טאָג לעבט ער שטענדיג אין דער בחינה פון „צמאה לך נפשי כמה לך בשרי" — „עס דורשט צו דיר די נשמה מיינע און עס גארט צו דיר מיין לייב."

לאָזט ער זיך אין די פעלדער און וועלדער אוועק. אפשר דאָרטען, ווייט פון לעבענ'ס־טומעל און לעבענ'ס־שמערץ, וועט ער מעהר, ווי דאָ, אין שטאָט, צו אַ העכערער מדרגה דערגרייכען. אפשר וועט ער דאָרטען דעם שליסעל צום גרויסען סוד קענען געפינען.

לויפט ער אין ווילדער אויפרעגונג און אין ליידענשאַפט־

ליכען בענעהר שטונדען גאנצע איבער די פעלדער און וועלדער ארום —

און פרעגט זיך ביי יעדען בוים און ביי יעדען גראז: —
אפשר ווייסט איהר, אוואו איז גאָט און וואָס איז גאָט.
מורמלען די בוימער: —

גאָט איז אומעטום און איבעראל. אי דאָ אי דאָרט, און ווילסט דו איהם זעהן, איז ער אין ערגעץ ניט. וואָס מעהר דו דערנעהענסט זיך צו איהם, אלץ מעהר ווערט ער ווייטער פון דיר. וואָס מעהר דו פיהלסט די עקזיסטענץ זיינע, אלץ ווייניגער קענסטו דו זיין וועזענטליכקייט בעגרייפען. וואָס מעהר דו זוכסט איהם, אלץ מעהר קומסט דו צו דער איבערצייגונג, אז דו קענסט איהם ניט געפינען.

---

אין אַט אזא רייכער וועלט פון איבערלעבונגען און עמ־פּפינדונגען לעבט דער אידישער מיסטיקער שטענדיג. עס איז דעריבער זיך גאָר ניט שווער פאָרצושטעלען, וואָס פאַר א רייכע אוצרות אזוינע איבערלעבונגען מוזען עס אין זיין נשמה שאפען. עס מוז, ווירקליך, ביי אזא איינעם דאָס הארץ זיינס אין א צאָרטען פיעדעל פערוואנדעלט ווערען, פון וועל־כען עס גיעסען זיך אונאויפהערליך טיעפע, בענקענדע נשמה־אקאָרדען.

און א פשיטא שוין, אז דיעזע איבערלעבונגען האָבען די שענסטע נשמה־בלומען געמוזט ארויסרופען ביי אזא איי־נעם, ווי דער בעל שם, ביי וועלכען דיעזע אלע איבערלעבונגען האָבען זייער שאַרפסטען און שענסטען אויסדרוק געפונען.

וועלכע האָט די העכסטע מדרגה אין דביקות אין השם יתברך דערגרייכט, וועלכער האָט שטענדיג אין דעם גרעסטען רעלי־גיעזען עקסטאַז געלעבט.

ווארום עס האָט נאָך,ווירקליך, קיינמאָל קיינער ניט מורא געהאט פאַר גאָט, ווי דער בעל שם האָט פאַר איהם מורא געהאט. עס איז נאָך קיינמאָל קיינער ניט אין יעדער מינוט און אין יעדער רגע פון זיין לעבען מיט אזא גרויסען שרעק און מיט אזא גרויסען תענוג פאַר דער גרויסער מיסטע־ריע פון עקזיסטענץ און לעבען געשטאַנען, ווי דער בעל שם איז פאַר איהר געשטאַנען. זיין גאַנץ אינערליך וועזען איז שטענדיג דביקות געוועזן. עס האָט אַן אונאויפהערליך פייער פון שמערצליכען בענקען און גארען צו גאָט ביי איהם אין האַר־צען געלעבט.

„דער גרויסער פחד פאַר דעם בורא" זיינעם האָט ביים בעל שם ארויסגערופען די שענסטע און שטאַרקסטע עטליכע ווערטער, וואָס זענען ווען עס איז געזאָגט געוואָרען, אום אויסצודריקען די גרויסע שרעק און די גרויסע ליעבע און די גרויסע בענקעניש, וואָס דער גרויסער סוד פון לעבען און עקזיסטענץ בעדאַרף ביי אונז ארויסרופען.

איך וואונדער מיר אויף דיר — שרייט ער אין העכסטען רעליגיעזען עקסטאַז אויס — דו שלימ־מזל'דיגער גוף מיינער, וואָס דו ביזט נאָך ביז יעצט אין ברעקלעך ניט צע־שאָטען געוואָרען פון גרויסען פחד פאַר דעם בורא דיינעם.

און אָט דיעזע גרויסע בענקעניש צו גאָט, וואָס האָט שטענדיג ביי איהם אין הארצען געלעבט, אָט דיעזע גוואַל־דיגע דביקות, אין וועלכער ער האָט אַלע זיינע יאָהרען פער־

בראכט, האט איהר שענעם שטעמפעל אויף זיין פערזענליכ־
קייט ארויפגעלעגט, האט איהם שטענדיג אויף א הויכער
מדרגה פון הייליגקייט געהאלטען. זי האט אונגעהויערע
אוצרות פון שענקייט אין זיין נשמה געשאפען, אונגעהויערע
רייכע אוצרות פון שענקייט, וועלכע האבען געריייצט די מענ־
שען פון זיין דור און זיי געצויגען צו זיך.

י.

# דער ענין פון דביקות.

**דער ענין פון דביקות.** — א מענש וואס וויל גאט געפינען, בעדארף פון זיין איינענעם איך פארלירען. — נאר אזוי ארום קענען מיר צו דער מדרגה פון אמת׳ער דביקות דערגרייכען. — דער משל, וואס דער בעל שם ברענגט דערויף. — ווען מען פערלייט שטיקלעך זילבער צוזאמען רייבט מען זיי גוט אב פריהער אין די פלעצער, אוואו זיי ווערען צוזאמענגעלייט. נאר דאן קענען זיי זיך האלטען גוט. — דער חלום פון בעל שם׳ס זוהן. — עס האט זיך איהם גע׳חלומ׳ט, אז ער האט זיך פון א הימעל־הויכען בארג אין א טיעפען תהום אראב־געשליידערט און אלע זיינע ביינער זענען אין ברעקלעך צעשאטען געווארען. — נאכדעם האט זיך צו איהם אין חלום זיין פאטער אנ־גערופען: אט אזוי א בעדארף מען גאט דיענען. — אויב א מענש זעהט עמיצען אן עבירה טהון, איז א סימן, אז אויך ער אליין איז אין דיעזער הינזיכט „געכאפט.” — מען האט איהם דערמיט פון הימעל מרמז געווען, ער זאל זעהן מתקן זיין דעם פגם זיינעם.

עס איז דעריבער גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער בעל שם טוב האט געלעגט דעם ענין פון דביקות אין השם יתברך אלס דעם גרונד־שטיין אין זיין לעהרע וועגען עבודת השם.

דער מענש — לעהרענט דער בעל שם — בעדארף אין שטענדיגער דביקות מיט גאט זיין. דער ענין פון דביקות איז דורך די אותיות פון תורה און תפלה. זיין געדאנק און זיין אינערליכקייט בעדארף זיך מתדבק זיין אין דער רוחניות׳דיג־גער אינערליכקייט, וואס געפינט זיך אין די אותיות. ווארום אין יעדער אות געפינען זיך עולמות, נשמה און געטליכקייט. דער עיקר אין עבודת השם איז נאר התדבקות און התלהבות אין דער עבודה פון השם יתברך. מען בעדארף זיך מתדבק זיין

אין קדושה און טהרה מיט די אותיות בכח ובפועל און אין ווארט און געדאנק. ווארים די אותיות פון דער תורה זענען די חדרים פון הקדוש ברוך הוא, דורך וועלכע ער איז ממשיך די אבשטראהלונג פון זיין ליכט, ווי עס שטעהט אין זוהר: „קודשא בריך הוא ואורייתא כלה חד,” גאט און די תורה זענען איינס. און דאס איז דער ענין פון התפשטות הגשמיות. ד'ער פשט איז, דער מענש ציהט אראב זיין נשמה פון זיין גוף און זיין נשמה ווערט מלובש אין די געדאנקען, וואס ער רעדט ארוים.

און די אמת'ע דביקות קען דער מענש דערגרייכען נאר דורך דעם, וואס ער זאל זיך אין גאט פערליערען. נאר דורך דעם, וואס ער זאל זיך אבזאגען פון צופיעל ענינים גשמיים, וואס דער גוף זיינער פאדערט.

און ער ערקלערט דיזען געדאנק מיט פאלגענדען משל:

שטיקלעך זילבער, וואס מען וויל פערלייטען, ווערען פריהער אויף דעם פלאץ, אוואו זיי בעדארפען איינער צום צווייטען צוגעלייט ווערען, אבגעקראצט אביסעל. דורכדעם ווערען זיי בעסער פערלייט און ווערען ביידע איינס. אנדערש איז אבער, ווען זשאווער אדער עפים אנדערש געפינט זיך אלס מחיצה צווישען זיי. זיי קענען זיך ניט דאן בעהעפטען איינער אין צווייטען. און דאס איז דער ענין פון „אם תבקשנה ככסף.” אויף דעם אייגענעם וועג, ווי די התדבקות פון זילבער קומט פאר, בעדארף אויך פארקומען די דביקות אין איהם יתברך. דער מענש בעדארף פון זיין אייגענעם איך פיעל אב־קראצען, כדי עס זאל אויף איהם קיין שום זשאווער ניט זיין, קיין מחיצה, וואס זאל איהם פון גאט שיידען. דאן וועט די דביקות מעגליך זיין.

לערנען און ד'אוונען אליין איז נאך ניט גענוג. דאס לער־נען און דאוונען בעדארף מיט דער געהעריגער דביקות געטהון

ווערען. אויב נישט איז די עבודה פון מענשען פסול. זי איז ווי א גוף אָהן א נשמה.

דער יצר הרע פערמאַכט און פערבלענדעט אַמאָל די אויגען פון מענשען, ער זאָל זיך האַלטען פאַר א צדיק גמור, דורך דעם, וואָס ער לערענט שטענדיג און איז זיך מסגף, חאָטש ער ווייסט נישט, וואָס איז אזויגס דער ענין פון דביקות אין השם יתברך און ער האָט קיינמאָל דעם טעם פון אמונה שלימה נישט פערזוכט און די סאַמע עיקרים פון עבודת השם זענען פון איהם גאָר איינגאַנצען פערקוקט געוואָרען. אַט אַזאַ מענש איז כמעט אויף אייביג א פערפאַלענער און עס איז שווער פאַר איהם גאָר קיין תקנה נישטאָ. עס איז צו זיין קראנקהייט שווער גאָר קיין תרופה נישטאָ. היות ער איז ביי זיך אין די אויגען א צדיק גמור, און מענשען בעטראַכטען איהם אויך פאַר א צדיק, ווער זשע וועט איהם צווינגען, ער זאָל תשובה טהון און זאָל זיך איינטראַכטען ריכטיג, וואָס עס הייסט אזויגס דער ענין פון לערנען, דאַוונען און מקיים זיין די מצוות לשמן. אז א מענש פאַסט פון שבת לשבת אפילו און דענקט, אז ער האָט דער־מיט א גרויסע זאַך געטהון, האָט אַזאַ פאַסטען גאָר קיין ווערט נישט, און די נשמה זיינע קען דורך דיעזען תענית זיינעם נישט געלייטערט ווערען.

פונקט אזוי ווי מען קען נישט ערקלערען מיט ווערטער דעם טעם פון א מאַכל פאַר אזויגעם, וואָס האָט דיזן מאכל קיינמאָל נישט געגעסען, און נאָך די אַלע רעד און ערקלעהרונ־גען מוז ער פאַר איהם אַן ענין נסתר בלייבען, אזוי איז אויך מיט דעם, וואָס האָט נישט פערזוכט דעם טעם פון אהבת הבורא יתברך און דער יראה זיינער, מיט אזויגעם, וואָס האָט נישט פערזוכט דעם טעם פון מתדבק זיין און מתקשר זיין זיך אין איהם יתברך און פון די אַלע אנדערע ענינים פון עבודה שבלב. עס איז אויך איהם אוממעגליך צו ערקלערען דיעזע

אלע ענינים, ניט מינדליך און ניט שריפטליך, ער זאל זיי, ווי זיי זענען, בעגרייפען קענען. און דאס איז דער ענין פון דער בחינה פון נסתר אין דער תורה. ניט ווי די, וואס רופען דער חכמת הקבלה נסתר. די חכמת הקבלה בעדארף מען נסתר ניט רופען, ווארום די ספרים שטעהען דאך אפען שטענדיג פאר דעם, וואס לערענט אין זיי. און אויב איינער ווייסט ניט און פארשטעהט ניט אין זיי — בעדארף מען אלזא פאר א צווייטען, פאר דעם, וואס קען קיין נגלה אויך ניט, אויך די תורה שבכתב און תורה שבעל פה מיט דעם ווארט נסתר רופען. נאר וואס דען, דער גאנצער ענין פון נסתר איז די דביקות.

זיין אייגענע דביקות האט דער בעל שם טוב אויף פאל־גענדען אופן ערקלערט: ווען איך בעהעפט מיין געדאנק אין בורא יתברך, לאז איך רעדען מיין מויל, וואס עס וויל, ווארום איך פערבינד די דבורים אין „שורש העליון," אין בורא יתברך, ווארום יעדער זאך האט א שורש פון אויבען. און „אפטמאל פלעגט טרעפען, אז דער בעל שם טוב פלעגט ניט קענען רע־דען מיט מענשען צוליעב זיין גרויסער דביקות און ער פלעגט „חוץ לשיטה" רעדען."

---

און שטענדיג בעדארף די עבודה מיט דביקות זיין.

און די דביקות בעדארף אויף אזוי פיעל גרויס זיין, דער מענש זאל ממש אין אלעם פערגעסען. ער זאל דאן אויף דער גרעסטער מסירות נפש מסוגל זיין.

איינמאל האט ר׳ צבי, דעם בעל שם׳ס זוהן, געפרעגט דעם פאטער זיינעם אין חלום: „ווי אזוי דיענט מען גאט?" האט זיך איהם פארגעשטעלט א הויכער בארג אונטער דעם הימעל און אונטער דעם בארג א טיעפער, טיעפער תהום. ער האט זיך אויף דעם שפיץ בארג ארויפגעשטעלט און האט זיך

אין טיפעט תהום אראבגעוואָרפען, און אַלע זיינע גליעדער זענען אין ברעקלעך צושאָטען געוואָרען.

נאָך דעם אַלעם האָט זיך דער פּאָטער זיינער אָנגערופען צו איהם:

— אַט אזוי אַ דיענט מען גאָט.

און פיעל בעדאַרף דער מענש האָרעווען ביז ער זאָל קענען די אמת׳ע מדרגה פון דביקות דערגרייכען. דביקות, התפשטות הגשמיות און מסירות־נפש אין עבודת השם — אין דיעזע אַלע זאַכען בעדאַרף זיך דער מענש איינגעוואָהנען. אַמאָל מאַכט זיך אָבער אַ „סייעתא דשמיא". אַמאָל העלפט דער רבונא של עולם דעם מענשען ארוים און ער גיעט אין איהם אריין אַ דביקות און אַ חשק און אַ תענוג און אַ פעהיגקייט צו פיהלען די מתיקות פון דער עבודה. זאָל דאַן דעריבער דער מענש אַזאַ מאָמענט ניט דורכלאָזען. ער זאָל דעם שעת הכושר ניט פערליערען. ער זאָל זיך דאַמאָלס באַלד מיט גרויסער אהבה און יראה און דביקות צו עבודת השם נעהמען. ווארום אויב ער וועט איינמאָל די מתיקות פון עבודה מיט אמת׳ער דביקות ניט פערזוכען, וועט ער שוין פון אַזאַ עבודה קיינמאָל ניט וויסען.

ניט שטענדיג אָבער טרעפען זיך נסים. אָפטמאָל יאָגט דער יצר הרע נאָך דעם מענשען, און לאָזט איהם ניט דיענען גאָט אויף אַ ריינעם און שענעם דרך. און וואָס מעהר דער מענש אַנטלויפט פון איהם, אַלץ מעהר געהט ער איהם נאָך. דער מענש מוז זיך דעריבער זעהן קליגער. ער זאָל קענען פון זיין נעץ פּטור ווערען. און דער בעל שם עצה׳ט דעם מענשען. ער זאָל דעם יצר הרע אָבנאַרען. ער זאָל אין יעדער דבר מצוה זיין דעה גנבה׳נען. למשל, אויב ער וועט וועלען אויפשטעהן האַלבע נאַכט נאָר לשם שמים, נאָר דערויף, ער זאָל אין תורה און תפלה פערברענגען, וועט דער יצר הרע זיך רייצען מיט

אין א און ניט דערלאזען צו דעם. דעריבער איז דאס ראטזאם, ער זאל כלומרשט בעשליעסען ביי זיך אויפצוכאפען זיך, כדי זיך אין זיינע — דעם יצר הרע'ס — וועגען און דרכים בע־שעפטיגען, אין אזוינע זאכען, וואס האבען א שייכות צום יצר הרע. און נאכדעם „ואשבה רגלי אל עדותיך" — וועל איך מיינע פיס צו דיינע מצוות אוועקנעהמען.

אפילו וועגען קומען צו הויכע מדרגות דורך זיין עבודת השם בעדארף ער ניט צופיעל טראכטען. דער עיקר איז די עבודת השם אליין. די גאנצע כונה זיינע בעדארף זיין, א נחת רוח צו טהון צום בורא יתברך שמו אליין. רחמנא ליבא בעי. גאט בעדארף דאס הארץ פון מענשען האבען. די עבודת השם בעדארף פון הארצען ארויספליעסען און ניט דאס מקיים זיין אליין פון דער מצוה איז דער עיקר. „פיעלע האבען גע־טהון, ווי רבן שמעון בן יוחאי און עס האט זיך זיי ניט איינ־געגעבען — ווארום זיי האבען געטהון, ווי רבן שמעון בן יוחאי נאר צו טהון, ווי ער, זיי האבען עס אבער ניט מיט זייער גאנצען הארצען געטהון."

מיסטעריעזע כחות, זאגט דער בעל שם, בעגלייטען דעם מענשען אין זיין לעבענס־וועג, און זיי ווייזען איהם זיינע טעותים און מעלות אן. למשל, אויב עס טרעפט זיך א מענ־שען, אז ער האט געזעהן, ווי איינער בעגעהט אן עבירה אדער ער האט געהערט זאגען וועגען עמיצען, אז יענער איז אן עבירה בעגאנגען, איז דאס א סימן, אז אויך אין איהם אליין איז אין דיעזער הינזיכט א פגם פערהאן. מען האט איהם גע־געבען פון הימעל אנצוהערען דערמיט, אז עפיס פון דיעזער עבירה געפינט זיך אין איהם און ער זאל זעהן די עבירה מתקן זיין. און אויב פלוצלונג דערוועקט זיך ביי איהם אמאל א חשק צו א מצוה, זאל ער זעהן משתדל זיין זיך צו מקיים זיין זי באלד. מען האט איהם דערמיט פון הימעל מרמז געווען, אז

אין דיזער מצוה ליעגט דער תיקון זיינער. דאס זעלבע איז אויך, ווען עס פערגלוסט זיך איהם פלוצלונג צו פאסטען, בעדארף ער זעהן זיך אבהיטען. ער זאל דערפון ניט בטל ווערען. חאטש עס איז בעסער צו דיענען גאט דורך פרייד אהן סגופים ווארום זיי זענען גורם עצבות. דער חשק אליין, וואס דערוועקט זיך אין מענשען צו טהון עפים א דבר מצוה, איז זעהר א גוטע און נוצליכע זאך.

---

גוטע מיסטעריעזע כחות בעגלייטען דעם מענשען שטענדיג אויף זיין לעבענס־וועג, איהם ארויסצוהעלפען, ער זאל דעם ווילען פון בורא עולם קענען טהאן. ער שלאפט אבער אייך דער יצר הרע ניט. ער לעגט אפט די יראה אין דער טומאה אריין, דורך א מצוה זוכט ער דעם מענשען צו אן עבירה פיהרען. ער שטערט אמאל איהם פון זיין עבודה און תפלה מיט דעם אויסרייד, ער זאל מענשען צו קיין עבירה ניט ברענגען: זיי זאלען זיין דביקות צו שפאט ניט מאכען. אדער ער רעדט איהם אן, ער זאל מיט זיי א מחלוקת לשם שמים פערפיהרען דערפאר, וואס זיי לאכען פון איהם. דער מענש בעדארף אבער זעהן, ער זאל דיעזע נעץ פון יצר הרע אויסמיידען. ער בעדארף שטארק און דרייסט זיין אין זיין עבודה צום בורא עולם. און ווען מענשען ווילען איהם צו שפאט מאכען פאר זיין דביקות און תפלה אדער אין אנדערע ענינים, זאל ער זיי אפילו מיט קיין גוטע רייד ניט אבענטפערען, כדי עס זאל צו קיין מחלוקת ניט קומען. יעדע זאך, וואס טרעפט מיט איהם, זאל ביי איהם גאנץ עגאל זיין, צי מענשען ליובען איהם אדער זיי זידלען איהם. אין יעדער זאך, וואס טרעפט מיט איהם, זאל ער זאגען, עס איז דאך פון איהם יתברך געשיקט געווארען.

יעדער איינער — זאגט דער בעל שם — וואס האט דיעזע

צוויי מדרגות אין ענין פון לאכען *) דערגרייכט: זיין פון אלעמען אויסגעלאכט און אויך אלע אנדערע אויסלאכען — איז בטוח אז ער וועט א בן־עולם־הבא זיין. היינו, דער, וואס אלע לאכען פון איהם, ווייל ער איז אין דער בחינה „וסר מרע משתולל” און ער נעהמט זיך אבער ניט צום הארצען דערפון, נאר אויך פון זיין זייט לאכט ער פון דער גאנצער וועלט און געהט זיך אליין מיט זיין אייגענעם וועג — מיט דעם איז גאט שטענדיג.

*) הני תרי בדחוז, שהיו בני עולם הבא, היינו: שני מיני בדחנות, מי שהוא במדרגה זו, שכל העולם משחקים בו מצד „וסר מרע משתולל”, והוא משחק בכל העולם והולך לבטח בעבודתו יתברך — נוכח ה׳ דרכיו.

## יא.

# דער כח פון צדיק און זיין מיסיאן אין אידישען רעבען.

דער בעל שם איז געווען דער גרינדער פון צדיקיזם. — ער האט אין די הענד פון די צדיקים די שליסלען פון הימעל און ערד איבער־געגעבען. — ניט נאר אבער גרויסע מאכט אליין האט דער צדיק, ער האט אויף זיך אויך גרויסע פעראנטווארטליכקייט. — ער בע־דארף אונאויפהערליך צו גרעסערע שלימות שטרעבען. — ווען דער צדיק פיהרט זיך אויף ווי א פראסטער מענש אפילו, בעדאר־פען איהם אויך דאן זייטינע מענשען ניט פעראורטהיילען. — מעג־ליך, אז ער דיענט עם אזוי גאט. — ר׳ ליב שרה׳ם איז געפאהרען צום „מגיד" נאר דערויף, ער זאל זעהן, ווי ער בינדט אב און פערבינדט די זאקען זיינע. — דער בעל־שם האט אבער אויך די נפילה פון צדיקיזם פארגעפיהלט. — ער האט מורא געהאט, אז פון דער נייער שיטה וואס ער האט בעשאפען, זאלען קיינע פיעלע שיטות ניט ווערען. — פאר זיינע אינטימע פריינד פלעגט ער די לעצטע יאהרען פאר זיין טויט ארויסזאגען זיין גרויסע זארג וועגען דער צוקונפט פון דער בעוועגונג, וואס ער האט בע־שאפען.

דער בעל שם איז געווען דער ערשטער, וואס האט מיט דעם ווארט צדיק אפערירט אין דעם זין, ווי ער איז נאכדעם אין א משך פון קארגע צוויי הונדערט יאהר אין דער חסידי־שער וועלט פערשטאנען געווארען. ער איז געווען דער ער־שטער, וואס האט אריינגעלעגט אין דעם בעגריף צדיק דעם אינהאלט פון פאטראן און בעשיצער פון זיינע אנהענגער, וועלכע זיינען זיך אין איהם מתדבק און וועלכע זיינען אויף זיין זכות און חסד אנגעוויזען. ער איז דער גרינדער פון

„צדיקיזם" געווען. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט די חשיבות פון צדיק אויף אזא הויכער מדרגה געשטעלט.

די צדיקים, זאגט דער בעל שם, זיינען די שלוחים פון גאט. די גאנצע וועלט ווערט נאר צוליעב זיי געשפייזט. זיי ברענגען ארויף די אלע דבורים און ספורים פון די מענשען פון זייער דור צו דער „חכמה העליונה" און נאר דורך זיי קומט דער „תיקון בעלי תשובה".

די צדיקים געפינען אין דער תורה דעם „אור הגנוז" און זיי קוקען דורך איהם פון איין סוף וועלט צום צווייטען. זיי זיינען זעהר אויף גאט בעליעבט. וואס זיי בעטען נאר, טהוט עס באלד גאט, און אויב זיי זעהען זיך ארום, אז עס שטעקט נאר א רעה אין דעם, וואס זיי האבען געבעטען, בעטען זיי נאך אמאל, אז די רעה זאל אין א טובה פערוואנדעלט ווע־רען. און אויך דאס ווערט מקוים.

יעדער צדיק פערמאגט פיעלע הייליגע „ניצוצין", וואס זיינען שייך צו זיין שורש נשמה, וועלכע ער בעדארף דער־הויבען און מתקן זיין. און אפילו זיין משרת און זיין בהמה און אלע זיינע כלים — אין אלעם זיינען הייליגע ניצוצים פאראן און ער בעדארף זיי מתקן זיין און צו זייער שורש ברענ־גען. און דאריבער פאהרט עס דער צדיק ארום פון ארט צו ארט, ער זאל די „ניצוצין צונויפקלייבען".

---

גרויס איז דער כח פון צדיק. אונבעגרענעצט איז דער איינפלוס זיינער איבעראל. ער האט אבער אויף זיך א גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט. שווער, אונגעהויער שווער איז די עבודת השם זיינע. ער בעדארף אונאויפהערליך ארבייטען אויף זיך, ער זאל די מדרגות זיינע ניט פערלירען.

דער עיקר שלימות פון יעדען צדיק איז, אז די דביקות זיינע זאל פון איהם אפילו אויף קיין רגע ניט איבערגעריסען

ווערען. אפילו אין די אלע דבורים זיינע, ווען ער בעדארף רעדען מיט מענשען זאכען, וואס בעלאנגען צו עניני העולם הזה, זאל ער זעהן רעדען אזוי, אז די דביקות זיינע זאל אויף קיין איין מאמענט אפילו, חלילה ניט אויפהערען. און בשעת ער טהוט א מצוה, זאל ער זעהר נזהר זיין אין דעם. ווארום וויל ער טראכט וועגען דעם ענין פון מקיים זיין די מצות איז מעגליך, אז די דביקות זאל פון איהם פערקוקט ווערען. דעריבער בעדארף ער זעהר פארזיכטיג זיין.

דער צדיק בעדארף שטענדיג צו אלץ גרעסערער שלימות שטרעבען. ער טאר אויף איין מדרגה ניט בלייבען שטעהן. יעדען מאמענט בעטראכט זיך דער צדיק גלייך, ווי ער האט נאך ניט זיין עבודת השם אנגעהויבען. אלע מאל בעדארף ער עפעם מחדש זיין אין זיין עבודת השם.

עס דערגרייכט דער צדיק די גרעסטע מדרגה אין עבודת השם, צו וועלכען קיין אנדערער קען ניט דערגרייכען.

אויך ביים צדיק אבער זיינען אפטמאל פערשידענע מדרגות פאראן.

אמאל „איז ער אין דער בחינה פון „גדלות", היינו, ער קען לערנען און דאווענען בדחילו ורחימו און ער ווייסט, אז ער רעדט מיט דעם „מלך מלכי המלכים" און איז זיך מתדבק אין איהם". און אמאל איז ער אין דער בחינה פון קטנות, און דאן בעדארף ער א גרויסע מלחמה אנפיהרען, כדי ער זאל זיך קענען מתקרב זיין צו איהם יתברך.

און אמאל מאכט זיך, אז דער צדיק זעהט אוים אויסער־ליך ניט, ווי ער איז אין אמת'ען. עס טרעפט, אז ער דאווענט ניט מיט גרויס כונה און געהט אויך לעדיג ארום. בעדארף מען איהם אבער ניט אורטהיילען די זייטיגע מענשען לויט זיין אויסערליכקייט. זיי טארען ניט זאגען, מה־דאך דער צדיק און חסיד פיהרט זיך אזוי, מעג איך דאך שוין אודאי אזוי

זיך אויפפיהרען. ווארום דער צדיק, ווען ער וועט זיך „פון זיין שלאף אויפכאפען" און וועט אנהויבען לערנען און דאווענען, ווי פריהער, וועט ער די אלע דברים בטלים צו א העכערער מדרגה ברענגען. און דאס איז דער ענין פון „הוה זהיר בגחלתן", אפילו ווען די צדיקים פאלען פון זייערע הויכע מדרגות אראפ, אפילו דאן, ווען זיי זיינען ווי אויסגעלאשענע קויהלען, היינו, ער רעדט דברים בטלים און טהוט אנדערע מעשים בטלים, זאלסט דו נזהר זיין, דו זאלסט זיך פון זיי ניט אבלערנען, ווארים אלע זייערע רעד, אפילו די דברים בטלים זייערע, זיינען ווי הייסע פייער־קויהלען. ווארום צו פערשטעהן די מעלה און די מדרגה פון א צדיק קען נאר אזוינער, וועלכער איז אליין אין דיעזער מדרגה.

און אין דער חסיד'ישער וועלט דערצעהלט מען אין נאמען פון ר' ליב שרה'ס, אז ער האט געזאגט: איך בין געפאהרען צום מגיד, ניט דערויף, איך זאל פון איהם תורה לערנען, נאר איך זאל זעהן, ווי אזוי ער טהוט אויס און טהוט אן די זאקען זיינע. וואס איז תורה? דער מענש אליין בעדארף מיט אלע זיינע האנדלונגען, מיט אלע זיינע בעוועגונגען און מיט זיין גאנצען רעדען תורה זיין.

אין די „נפילה" פון צדיק ערקלעהרט דער בעל שם מיט פאלגענדען משל:

פונקט ווי א פאטער, וואס לערענט זיין קינד געהן, שטעהט ער נעבען איהם פריהער פנים אל פנים, נאכהער טרעט ער אב פון איהם אויף עטליכע טריט, כדי זיין זוהן זאל זיך צו איהם מתקרב זיין און זאל זיך צוגעוואוינען אליין צו געהן, אזוי איז זיך אויך דער רבונא של עולם מתרחק פון צדיק אויף א קליינער ווייל. „דיעזע נפילה, אלזא, איז צוליעב דעם צדיק'ס גרעסערער עליה".

און אמאל לאזט זיך דער צדיק מיט זיין אייגענעם ווילען

פון זיין הויכער מדרגה אראָב, כדי ער זאָל די געפאַלענע דערהויבען. דער צדיק מוז עס טהאָן, פּונקט ווי דער, וואָס וויל זיין חבר פון בלאָטע ארויסשלעפען, מוז דערויף אויך ער אליין גאָר נאָהענט צו דער בלאָטע צוגעהן. און אין דעם טאקע בעשטעהט די גרויסקייט פון צדיק, וואָס ער קען זיך פון דער נידעריגער מדרגה צוריק צו דער הויכער מדרגה זיי־נער דערהויבען, אין דעם, וואָס ער בלייבט ניט אין דער בלאָטע זינקען. נאָר גרינג גיט זיך איהם טאקע דאָס אַלעס ניט איין. די געפאַהר דאַמאָלס פאַר דעם צדיק, ער זאָל שוין אויף שטענדיג א געפאַלענער בלייבען, איז זעהר גרויס, און ניט איינמאָל האבען שוין אזוינע פעלע געטראָפען.

און אמאָל מוז דער צדיק, היילענדיג גייסטיג די מענשען, וואָס בעדאַרפען זיין רפואה האָבען, מלביש זיין זיינע רעד אין פערשיעדענע לבושים, זיי זאָלען גרינג אין הארצען קענען אריינדרינגען.

און מיט פאָלגענדען משל אילוסטרירט ער זיין געדאַנק:

א דאָקטאָר זעהט, אז דער חולה קען ניט איינגעהמען די רפואה, ווארום זי זעהט איהם אויס צו זיין ביטער. איז ער מלביש פאַר איהם די רפואה אין זיסקייטען, כדי דער חולה זאָל זי קענען איינגעהמען

דער אמת'ער צדיק, זאָגט דער בעל שם, וועלכער האָט אין זיך ניט דעם קלענסטען עלעמענט פון שלעכטקייט אפילו, זעהט אין קיינעם קיין שלעכטס ניט און ביי איהם אין די אויגען זיינען אלע גרויסע צדיקים און בעלי מדרגה, און דע־ריבער איז ער אזא גרויסער אוהב ישראל.

די גרעסטע מדרגה אָבער פון אהבת ישראל, ווי אויך פון אהבת השם און אהבת התורה, די דריי הויפט־זיילען, אויף וועלכע עס האלט זיך דער גאַנצער טעאָרעטישער און פּראַקטי־

שער טהייל פון בעל שם'ס שיטה וועגן עבודת השם, האט ער אליין דערגרייכט.

ער האט אמאל געזעהן, ווי איינער האט זיין זוהן גע־קושט, האט ער זיך אנגערופען צו איהם:

— א איד, מעג ער אפילו דער פחות שבפחותים זיין, מעג ער זיין שלעכט נאך א סך מעהר, ווי דו קענסט זיך עס נאר פארשטעלען — האב איך איהם דאך פיעל מעהר ליעב, ווי דו האסט דיין זוהן ליעב, און פונדעסטוועגען קוש איך איהם נים.

---

דער אדם שאינו הגון, זאגט דער בעל שם, ווערט אנ־גערופען „בבל“, ווארום ער געהט ארום, ווי א צומישטער אויף דער וועלט, ווי א שכור'ער. ער געפינט זיך שטענדיג אין די שטותים פון די הבלי עולם הזה. און דער צדיק ווערט „ארץ ישראל“ אנגערופען. ער פערגלייכט זיי צו צוויי מענ־שען, איינער א שכור און איינער א ניכטערער, א בעל דעה צלולה, וועלכע זיינען געגאנגען דורך א וואלד, וואו עס האבען זיך גזלנים און רויבער געפונען.

זיינען די רויבער זיי בעפאלען און האבען זיי בעראבע־וועט און מכות רצח געשלאגען.

ווען זיי זיינען אהיים געקומען און מען האט דעם שכור וועגען וואלד געפרעגט, האט ער געענטפערט: שלום, שלום.

אנדערש אבער האט זיך דער צווייטער געפיהרט. ער האט מיט אלערליי הזהרות פערזאגט, מען זאל איבער דעם געפעהרליכען וועג ניט געהן, סיידען ווען מען בעוואפענט זיך פריהער מיט דעם נויטיגען און געהעריגען כלי־זיין.

אט אזוי ווייסט אויך דער צדיק, דער עובד השם, וועגען דער מלחמה פון יצר הרע און וועגען די „ליסטים“, די „קלפות“, וואס לויערען אויף די מענשען איבער זיין לעבענס־וועג.

ער ווייסט, ווי אזוי זיך אליין צו ראטעווען, און גיט אויך זיין ראט צו אנדערע, ווי אזוי זיי זאלען זיך ראטעווען. דער אינו הגון אבער שרייט שלום שטענדיג. ער בלאנדזשעט אליין און פערפיהרט אויך יענעם.

און דעריבער בעדארף דעם מענש זיך אין צדיק מתחבר זיין. דורך דעם, וואס ער וועט אין צדיק בעהעפט זיין, וועט דער זכות פון צדיק אויף איהם מגין זיין, צו מציל זיין איהם פון געפאהר. און וואס מעהר איינער לויבט דעם צדיק און דערצעהלט די אלע שבחים זיינע, אלץ מעהר דיענט ער דערמיט גאט. ווארום דער וואס דערצעהלט די שבחים פון די צדיקים, איז גלייך, ווי ער איז עוסק אין „מעשי־מרכבה“.

דאס פאלק טאר זיך אבער ניט נאר אויף דעם כח פון צדיק פערלאזען. עס בעדארף אויך אליין שטענדיג אויף דער וואך שטעהן, די מלחמה מיט דעם יצר־הרע אנצופיהרען.

און דאס איז דער ענין — זאגט דער בעל שם — פון „אשרי העם יודעי תרועה“, אז וואויל איז דעם פאלק, וואס פערלאזט זיך ניט אויף דעם גבור אליין, נאר זיי קענען אויך אליין קעמפפען.

און מיט פאלגענדען משל אילוסטרירט ער זיין געדאנק:

עס איז אמאל א גרויסער גבור געווען, וועלכער האט מיט זיין גבורה די גרעסטע וואונדער בעוויזען. איינמאל איז דעם פאלק, איבער וועלכען דער גבור האט געוועלטיגט, א גרויסע מלחמה פארגעשטאנען מיט א גרויסען און שטארקען שונא. דאס פאלק האט זיך אויף זיין גבור פערלאזט און האט זיך אליין גארניט צוגעגרייט, די מלחמה צו פיהרען. א נאכט אבער איידער די מלחמה האט אויף דעם שלאכטפעלד בעדארפט אויסברעכען, האבען זיך די שפיאנען פון

שונא צום גבור'ס לאגער צוגע'גנב'עט און האבען זיין גאנ־צען וואפען אוועקגענומען.

און דער גבור האט זיין שלאכט פערלארען.

און דאסזעלבע איז אויך מיט דעם נמשל. מען קען זיך אויף דעם צדיק אליין ניט פערלאזען. עס קען דאך מיט איהם אמאל א „נפילה" פארקומען — איז אלעס פער־שפיעלט דאמאלס. מען מוז זיך דעריבער אליין אין „קאמפף" מיט דעם יצר־הרע שטעלען. אויסער דעם איז דעם צדיק'ס כח ניט נאר אין איהם אליין. דער צדיק איז, אמת, א גבור עריץ, דאס פאלק מוז איהם אבער העלפען, מוז צוזאמען מיט איהם די מלחמה אנפיהרען. ער האט ניט גענוג כח, ער זאל די גאנצע ארבייט, דעם שטן צו בע־קעמפפען, אליין אבטהאן. אזוי ווי דאס פאלק בעדארף זיין הילף האבען, דעם שטן צו בעקעמפפען, אזוי בעדארף ער אויך דערפאר די הילף פון פאלק האבען.

---

און טראטץ דעם, וואס דער בעל שם שטעלט דעם צדיק אויף אזא גוואלדיג גרויסער מדרגה און גיט אין זיינע הענד די שליסלען איבער הימעל און ערד איבער, טראטץ דעם, וואס דער צדיק איז לויט דעם, וואס דער חסידיזם לעהרענט, דער מיטעלפונקט פון אידישען פאלק, איז דער בעש"ט צדיקיזם פון טיעפען און שעהנעם דעמאקראטיזם דורכגע־דרונגען. די בעש"ט אידעע וועגען צוזאמענהאנג און בע־ציהונג, וואס עקזיסטירען און בעדארפען עקזיסטירען צווי־צווישען צדיק און פאלק, איז ניט נאר ווענינער אריסטאקרא־טיש, ווענינער דיקטאטאריש און דעספאטיש, ווי די קאטולי־שע אידעע וועגען פאבסטיזם, נאר אויך פיעל ווענינער אפילו ווי די אידעע פון רב'אניזם, וועגען די געגענזייטיגע בעציהונ־גען צווישען ר'ב און פאלק. דער בעש"ט צדיקיזם טהיילט

ניט אָב מיט אַזוינע דיקע מחיצות דאָס פאָלק פון צדיק, ווי אַט יענע אידעע טהוט עס. זי ווארפט ניט, ווי יענע, אַזאַ טיע־פען תהום פונאנדער צווישען זיי. דער רב שטעהט איבער דעם פאָלק. ער האָט ניט קיין גאָר גרויסע אינערע, אינטי־מע פערבינדונג מיט דעם פאָלק. ער שטעהט מייסטענס פון דרויסען שטענדיג און טהיילט פון צייט צו צייט חלוקה אוים פאַר די אידישע מאַסען: ער פסק׳ענט זיי שאלות אמאָל און זאָגט פאַר זיי אמאָל אַביסעל תורה און אַביסעל דברי מוסר. ער איז שטענדיג נאָר אַ נ ו ת ן, אָבער ניט קיין מ ק ב ל, שטענדיג אַ מ ש פ י ע, אָבער ניט קיין מ ו ש פ ע. די מאַסען בעדאַרפען צו איהם נאָר אָנקומען, אָבער ניט ער צו זיי.

דער צדיק שטעהט אָבער אין פאָלק, ער איז דער שורש און נשמה פון פאָלק. זיי צוזאַמען זיינען איין לעבעדיגער אָרגאַניזם. דאָס פאָלק האָט אין איהם זיין אחיזה און ער האָט אין פאָלק זיין אחיזה. ער לאָזט זיך שטענדיג צום פאָלק אַראָפּ און לעבט מיט איהם דעם גאַנצען לעבען זיי־נעם.

ער איז טאַקע דער מיטעלפּונקט פון פאָלק, אָבער ניט דערויף, ער זאָל זיך פון פאָלק אָפּזונדערען, ער זאָל זיך אין זיין „איצטלא דרבנן" גרויסען, ער זאָל זיך אלס שררה בעטראַכטען, נאָר דערויף, ער זאָל זיין לעבען אין דעם לע־בען פון פאָלק, ווי דער פלאַם אין קנויט, אָנבינדען, נאָר דערויף, ער זאָל צוליעב איהם אין דער גרעסטער געפאהר זאַגאַר זיך שטעלען.

און ניט נאָר אַ נותן איז דער צדיק שטענדיג, נאָר אויך אַ מקבל. ניט נאָר אַ משפיע, נאָר אויך אַ מושפע. פונקט ווי ער גיט די אָנהענגער זיינע, אַזוי נעהמט ער אויך פון זיי. דער צדיק בעדאַרף האָבען די הילף פון

פאלק, פונקט ווי דאס פאלק בעדארף האבען די הילף פון צדיק. דורך דער אמונה פון זיינע אנהענגער וואקסט דער כח פון צדיק. די אמונה איז דער קוואל, פון וועלכען ער שעפט אלע זיינע לעבענס־זאפטען.

און אז צעהן אידען, לעהרענט דער חסידיזם, זאגען אויף א שטעקען, אז ער איז א גוטער איד, גיבען זיי דעם שטעקען דורך זייער אמונה ווירקליך א גרויסען כח אריין.

---

דער בעש״ט איז דער גרינדער פון צדיקיזם געווען. ער האט בעשאפען א וויכטיגען אינסטיטוט אין אידישען לעבען. ער האט געזארגט דערפאר, אז אויך אין די שפע־טערדיגע דורות זאל זיך ביי אידען א „להקת הנביאים״ גע־פינען, וועלכע זאלען האבען די השגחה איבער דער נשמה און איבער דעם הארצען פון אידישען פאלק, וועלכע זאלען פארטזעצען אין אידישען לעבען די טהעטיגקייט, וואס ער מיט זיין חבריא האבען אנגעהויבען. מיט זיין שארפען אויג האט ער אבער אויך געזעהן די פעהלערען, פון וועלכע דיעזער אינסטיטוט וועט אין דער ווייטער צוקונפט ליידען. אין דעם ערשטען בליהונגס־מאמענט פון צדיקיזם האט ער שוין אויך געזעהן די מעגליכע ענטארטונג, וואס די ווייטע־רע ענטוויקלונג קען איהם ברענגען.

אויף די עלטערע יאהרען, פאר זיין טויט, האט דער בעל שם געזעהן, ווי די בעוועגונג, וואס ער האט בעשא־פען, האט זיך בריייט און טיעף צעוואקסען. די רייהען פון זיינע אנהענגער זיינען אלץ מעהר און מעהר פערגרעסערט און געדיכטער געווארען. און גרויס איז אויך געווען די צאהל פון זיינע חברים און תלמידים, וועלכע האבען מיט איהם צוזאמען דאס נייע פעלד בעארבייט. אין די מאמענ־טען, ווען ער איז מיט זיך דאן אליין געבליבען, פלעגט ער

ווארפען א בליק אויף זיין לעבען, וואס האט זיך שוין הינ־טער איהם געפונען, אויף דעם גאנצען שעהנעם און שווע־רען וועג, וואס ער האט אין זיין לעבען דורכגעמאכט, און זיין הארץ האט דאן אנגעהויבען פאר גרויסער פרייד צו וואקסען. עס האט זיך איהם זיין מיסיאן אין לעבען אזוי שעהן און פיעל איינגעגעבען. איינער אליין האט ער גע־לעגט דעם שטיין פאר דער נייער געביידע, וואס ער האט פערטראכט אין אידישען לעבען צו בויען. און יעצט א האט ער זיך געפיהלט פון אזוי פיעל מיטבויער און מיט־העלפער ארומגערינגעלט. פון צייט צו צייט האט אבער דאן אויך א שווער און טרויעריג געפיהל זיין הארץ אנגע־הויבען צו פרעסען. נעבעלהאפט האט ער דאן מאמענ־טענווייז אויך די קינפטיגע „נפילה" פון צדיקיזם געזעהען. ער האט מורא געהאט, עס זאל מיט דער צייט ניט קומען דאס, וואס איז אין די לעצטע יאהרען פון לעבען פון צדיקיזם ווירקליך געקומען. ער האט פארגעפיהלט די מעגליכקייט, אז די טראדיציע זאל אין דער ווייטער צוקונפט דעם גאנ־צען אינהאלט פון צדיקיזם ניט אויפעסען. עס האט איהם זיין הארץ געשראקען, עס זאל פון איהם קיין טויטע שאב־לאנא ניט ווערען. ער האט פארגעפיהלט די מעגליכקייט, דער צדיקיזם זאל זיך אין א פאראזיט ענטוויקלען, מענשען זאלען אנהויבען געהן אויף דיעזען וועג ניט דערויף, זיי זאלען זייער הארץ און נשמה דעם פאלק אוועקגעבען, נאר דערויף, זיי זאלען איהם אין א קוואל פון פרנסה פאר זיך פערוואנדלען. ער האט זיך פאר דעם גורל פון דער בעווע־גונג אין דער צוקונפט געשראקען. ער האט מורא געהאט, עס זאלען ניט זיין מיט דער צייט איהרע פארשטעהער מענ־שען, וועלכע צייכענען זיך מיט קיין „שאר־רוח" ניט אויס, וועלכע שטעהען מיט גארניט העכער פון פאלק, וועלכע

קענען און ווילען נאר נעהמען פון פאלק, זיי קענען און ווי־לען איהם אבער גארניט געבען. ניט וועניגער האט ער אויך מורא געהאט דערפאר, עס זאלען ניט מיט דער צייט מחלוקת און שפאלטונגען אין דער בעוועגונג פארקומען, עס זאלען ניט אנהויבען אין איהר פערשידענע שיטות קעמפפען.

א פאר יאהר פאר זיין טויט — דערצעהלט די לעגענ־דע — האט ער אמאל אין א פריהלינג־טאג מיט זיינע תלמידים איבער דעם פעלד, אונטער'ן שטאדט, ארומגע־שפאציערט. ווען עס האט אנגעהויבען נאכט ווערען האט ער זיך אוועקגעשטעלט אונטער אן עפעלבוים מנחה דאוו־נען. נאך דעם דאווגען איז ער אבער נאך אלץ פערטראכט און פערטיעפט אונטער דעם בוים שטעהן געבליבען. די תלמידים זייגען געשטאנען פון דערווייטענס און בעאבאכ־טעט זייער גרויסען לעהרער.

אין א ווייל ארום האט זיך א טיעפער זיפץ פון בעל שם'ס הארץ ארויסגעריסען.

און באלד נאכדעם האט זיך דער בעל שם אנגערופען צו זיי:

איך וויים, אז מיט דער צייט וועלען זיך אזוי פיעל צדיקים און אזוי פיעל שיטות ביי אידען געפינען, וויפיעל בלעטלעך עס געפינען זיך אויף דיעזען עפעלבוים, און יע־דער איינער פון זיי וועט זיך בעריהמען, אז נאר אין מיינע דרכים געהט ער.

דער פריהלינג פון דער נאטור האט איהם אין דעם פריהלינג פון זיין בעוועגונג דערמאנט. דאס בליהען און וואקסען, וואס ער האט איבעראל אין דעם שעהנעם פריה־לינגס־אבענד פאר זיך דערזעהן, האט זיין געדאנק אויך אויף דעם בליהען און וואקסען פון זיין בעוועגונג אפגע־שטעלט. און אט אזוי האט איהם זיין שטימונג פון דעם

פריהלינג פון זיין בעוועגונג צו איהר מעגליכען הערבסט געפיהרט.

ער האט מורא געהאט, עס זאל פון זיין נייער שיטה קיין חסיד'ישער תלמוד ניט ווערען. מיט זיין קינסטלערי־שען אינסטינקט, מיט זיין שעפּפערישער אינטואיציאן, האט ער אט יענעם פּסיכאלאגיש־וויסענשאפטליכען אמת משיג געווען, אז מיט דער צייט קען יעדע נייע בעוועגונג, וויפיעל זי זאל אין אנהויב פון העכסטען גראד רעליגיעזען עקסטאז ניט פערמאגען, אין פערגליווערטען „נוסח" פערוואנדעלט ווערען, אז ווי פּראטעסטאנטיש, ווי שעפּפעריש א בעוועגונג זאל אין אנהויב ניט זיין, קען זי מיט דער צייט טעמפּ און פויל ווערען.

אויך אין די אלע בריעף, כמעט, וואס דער בעל־שם האט די לעצטע יאהרען פאר זיין טוידט צו זיין שוואגער, חבר און תלמיד, ר' גרשון קוטאווער, געשריעבען, פלעגט ער אויסדריקען די גרויסע זארג זיינע פאר דער צוקונפט פון דער בעוועגונג. זיי האבען כמעט אלע אויף זיך געטראגען דעם שטעמפּעל פון אט יענע אלע טרויעריגע געדאנקען און געפיהלען, וואס די לעצטע יאהרען אין לעבען פון בעל שם האבען, ווי א שווערער שטיין, זיין הארץ געפרעסט. זיי זיינען צופיעל זיין אנגעוועהטאגט פּראבלעם געווען, ער זאל זיי געווען קענען אונטערדריקען אין זיך, ער זאל זיי געווען קענען אויסבעהאלטען פון די תלמידים און פריינד זיינע.

## יב.

# דער סוד פון גלגול.

דער דעמאקראטיזם אין דעם אופן, ווי דער בעל שם פלעגט זיין תורה פערשפרייטען. — מיט א לולקע ציבעק אין מויל פלעגט ער אין, די גאסען שטונדען גאנצע מיט זיינע צוהערער פערברענגען. — ביים שלש־סעודות פלעגט ער פאר זיינע תלמידים זאגען די תורה, וואס ער האט בייטאג פאר דער „פמליא של מעלה" געזאגט. — אין צווייטען גלגול גלייכען די מענשען אויס צווישען זיך די „משפטים", וואס זיי האבען צווישען זיך אין ערשטען גלגול געהאט.

אויך וואס אנבעלאנגט דעם אופן, ווי דער בעל שם האט זיין תורה פערשפרייט, ווי ער האט זיינע פרעדיגען גע־האלטען, איז דער בעל שם דורכאויס פאלקס־מענש געווען, דורכאויס דעמאקראט. אויך קומענדיג צום פאלק מיט זיי־נע לוחות אין די הענד, אויך קומענדיג צו זיי מיט גאט'ס ווארט אויף זיינע ליפען, האט ער ניט געוואלט עס זאל זיך דיקע מחיצות צווישען איהם און צווישען פאלק געפינען, האט ער ניט געוואלט ער זאל די גרויסע הויך פון א בארג סיני צווישען איהם און זיי שיידען. ער האט געוואלט, עס זאל אלעס מעהר איינפאך, מעהר פאלקסטימליך צוגעהן. ווען ער פלעגט דעריבער אמאל ערגעץ אין א שטאדט קו־מען, פלעגט ער דארטען די דרשות זיינע ניט נאר אין א בית־מדרש האלטען שטענדיג, נאר אפט פלעגט ער זיך אוועק־לאזען אין מארק, ארומקלייבען ארום זיך א גרויסען עולם, און רעדען פאר זיי א שטונדע אדער צוויי, רוכערענדיג בשעת מעשה דעם לולקע־ציבעק זיינעם.

און אויך אין זיין אייגענער שטאדט פלעגט מען איהם אפט זעהן צווישען פאלק ארומגעהן, מיט דער לולקע אין מויל און מיט פערשידענע קלייזלער־מענשען אין שמועסען פערברענגען.

ער האט בכלל אין די ענגע ד׳ אמות פון הויז זיך ניט געקענט האלטען איינגעשלאסען. ער האט בעדארפט שטענ־דיג צוזאמען מיט דער נאטור לעבען.

און דעריבער פלעגט ער אויך מיט די תלמידים זיינע, ווי איך האב שוין דערויף איינמאל אין א פריהערדיגען קאַ־פיטעל אנגעוויזען, די מעהרסטע צייט אויסער׳ן שטאדט פערברענגען.

און אויך זיי, די תלמידים זיינע, האבען זיך ענג אין הויז און אין שטאדט געפיהלט. אויך זיי האט די שטוב־לופט געשטיקט: אויך זיי האבען געפיהלט אז עקעל צום שטאדטיגען טומעל. אויך זיי האבען בעדארפט פיהלען שטענ־דיג דעם פרייען און ברייטען אטעם פון דער נאטור. זיי האבען דעריבער געהאט א בעזונדער שטיבעל אונטער׳ן שטאדט, וואו זיי פלעגען זיך פערזאמלען, זיי זאלען איבער־חזר׳ען די תורה, וואס זיי האבען פון זייער גרויסען לעהרער געהערט. נאר דארטען, אונטער׳ן שטאדט, אין דער גרוי־סער און פרייער ברייטקייט וואס זיי האבען געזעהן פונ־אנדערגעשפרייט פאר זיך, נאר דארטען, אונטער׳ן שטאדט, וואו זיי האבען דעם געטליכען צויבער פון דער ארומיגער נאטור אין זיך טיעף איינגעאטעמט, האבען זיי זיך געגוג בעלייטערט און געריינגט געפיהלט, זיי זאלען קענען די העכ־סטע מדרגה פון רעליגיעזען עקסטאז דערגרייכען, זיי זאלען קענען אונגעשטערט מיט דער גרעסטער התלהבות דעם בורא עולם דיענען.

און אונטער דער ווירקונג פון גרויסען רעליגיעזען עקס־

טאָ איז װעלכע זיי פלעגן דאָן אריינפאַלן, פלעגן זיי אפטמאָל זייערע אַלע ווינשן און פערלאַנגען שוין אַלס רעאַליטעט און ווירקליכקייט אָננעהמען, פלעגן זיי דעם געגנווערטיגן מאָמענט, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט, אַלס דעם גאולה מאָמענט בעטראַכטן. ניט בלויז איינעם פון זיי פלעגט זיך דאַמאָלס דאַכטן, אַז ער הערט שוין די שטילע טריט פון משיח'ן.

איינמאָל — דערצעהלט איינער פון זיינע תלמידים — האָט דער בעל שם געזאָגט תורה וועגן דעם עניין פון „משיח", געבויט אויף דעם „תקע בשופר גדול לחרותנו". נאָכדעם זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די תלמידים אין זייער שטיבעל, וואָס זיי האָבן געהאַט אונטער'ן שטאָדט, איבערצו־חזר'ן די תורה פון בעל שם. האָבן זיי זיך אַלע אַזוי שטאַרק בעאיינפלוסט פון דער תורה געפיהלט, אַז עס האָט זיך זיי אַלעמען אויף קלאָהר אויסגעוויזן, אַז באַלד דאַרף משיח קומען.

---

דער בעל שם האָט ניט „קובע עתים" געווען פאַר זיין „תורה", וואָס ער פלעגט פאַר זיינע תלמידים זאָגן. ער האָט ניט קיין בעשטימטע צייטען געהאַט דערפאַר. ער פלעגט פאַר זיי פרעדיגען האַלטען אין פערשידענע צייטען און ביי פערשידענע געלעגענהייטען. אַז אויסנאַהם פלעגט אָבער מיט דעם טאָג שבת זיין.

דאָס אידענטום בכלל האָט דעם טאָג שבת אין דער העכסטער קדושה איינגעהילט. עס איז דער טאָג, וועלכען גאָט אַליין האָט פאַר זיין יום מנוחה אויסגעקליבען, דעם טאָג פון אַבסאָלוטער רוהע, ווען אַלעס, אַלעס טהוט פון זיך אויס זיין וואָכעדיגקייט און וואַרפט אויף זיך אַ מאַנ־

טעל פון קדושה ארויף: ווען דער מענש ווארפט אוועק אויף א גאנצען מעת־לעת זיינע אלע זארגען פאר דעם גוף און לעבט נאר א נשמה־לעבען די גאנצע צייט. אין דער מנוחה פון שבת — לעהרענט אונז דאס אלטע אידענטום — איז „אחד מששים" פון טעם גן־עדן פארהאן.

אויף א נאך־מעהר גרויסער הויך האט די אידישע קבלה דעם שבת אוועקגעשטעלט. זי האט איהם נאך מיט מעהר מלכות'דיגער גרויסקייט בעציערט. זי האט איהם אין שעהנע מיסטעריען איינגעהילט. וויפיעל שעהנקייט און ברייטקייט איז עס אין דעם נאמען „שבתא מלכתא" — די קעניגין שבת, וואס די אידישע קבלה האט דעם שבת געגעבען. לויט דער אידישער קבלה לאזען זיך שבת די הימלען אויף דער ערד אראב. דער „עולם התחתון" לעבט דאן א לעבען, וואס איז אויף דעם לעבען פון די „עולמות העליונים" עהנליך. די זעקס אר־בייטס־טעג פון דער וואך זיינען די „קליפות" פאר דער מאכט פון „עולם־התהו". זיי זיינען א רעפלעקס פון דעם גאנצען ווירוואר, וואס הערשט דארטען. דאגעגען איז דער שבת מיט זיין אבסאלוטער רוהע, מיט זיין איבערערדישען גלאנץ אן אבגלאנץ און רעפלעקס פון „עולם התקון", פון דעם פאלקאמענער וועלט־ארדנונג. עס איז דער גאנצער טאג אן עת רצון. עס איז א טאג פון כלו חסד. בעזאנדערס איז איבערפילט פון חסד דער גרויסער מאמענט, ווען דער שבת קומט צו ענדע, דער מאמענט, ווען די מיסטישע כלה נעהמט פון דעם עולם התחתון אבשיעד.

און דעריבער פערנעהמט דער עניין פון „שלש סעודות" אזא וויכטיגען פלאץ אין חסידיזם. ביי דיעזער סעודה קומט מען זיך צוזאמען און איז שעהנער און פרעהליכער מיסטישער שטימונג פערברענגט מען א שטונדע אדער צוויי צוזאמען

מיט דער „קעניגין שבת״. מיט געזאנג און תורה בעגלייט מען זי פון „עולם השפל״ ארויס.

פלעגט אויך דער בעל שם אלע שבת אין אט יענער שטונדע פון „כלו חסד״ תורה זאגען פאר זיינע תלמידים און פאר יעדען איינעם, וואס האט זיין תורה הערען געוואלט. ער פלעגט דאן פארזאגען ביים טיש, האבען זיינע תלמידים פערזיכערט, די אייגענע תורה, וואס ער האט שבת בייטאג פאר דער „פמליא של מעלה״ אין הימעל געזאגט.

---

דער בעל שם פלעגט אמאל אויך דורך אילוזיאנען און לעבענס־בילדער זיינע נייע וועגען און אנשויאונגען פאר זיינע תלמידים ערקלעהרען.

איינמאל — דערצעהלט די לעגענדע — האט דער מגיד געבעטען דעם בעל שם, ער זאל איהם זאגען דעם פשט פון דער שטעלע אין זוהר: „ואלה המשפטים דא רזא דגלגולא״ — „אין די ווערטער „ואלה המשפטים״, אין דעם איז דער סוד פון גלגול פארהאן. דער בעל שם האט געשוויגען און האט איהם גארניט געענטפערט. אין א צייט ארום האט ער גע־הייסען ר׳ בער׳ען אין שטאדט פאהרען און האט איהם גע־זאגט, אז ווען ער וועט דורכפאהרען דעם וואלד, זאל ער דארט זיצען אונטער א בוים, און זיצען — ביז עס יועט אנהויבען נאכט ווערען.

האט דער מעזעריטשער געטהאן אזוי.

נאכדעם ווי ער איז אזוי א קליינע ווײלע אונטער דעם בוים געזעסען האט ער געזעהן, ווי עס איז איינער א רייטער צוגעקומען: ער האט אפגעגעסען און אבגעטרונקען און זיך דערנאך אונטער א דערבייאיגען גרויסען בוים צו־געלעגט. נאכדעם, ווי ער האט זיך אביסעל אויסגערוהט, איז ער צוריק אוועקגעפאהרען און האט פערגעסען מיטצו־

נעהמען דעם בייטעל מיט געלד, וואס ער האט געהאט מיט זיך.

אין א ווײַלע ארום איז אן אנדער רייטער געקומען צופאהרען, און ער האט זיך אונטער דעם זעלבען בוים צו־געלעגט אויסרוהען. ער האט דערטען דעם בייטעל מיט געלד געפונען און איז זיך מיט איהם אוועקגעפאהרען.

אביסעל שפעטער איז צום זעלבען בוים אן ארימאן צו־געקומען. ער האט דארטען זיין שטיקעל טרוקען ברויט אבגעגעסען און האט זיך אויך אפרוהען געלעגט.

באלד איז דער ערשטער רייטער צוגעפאהרען און האט זיך געפרעגט ביים ארימאן איבער זיין בייטעל מיט געלד. האט דער ארימאן ניט געוואוסט, וואס יענער רעדט צו איהם אפילו.

האט איהם דער רייטער מכות רצח געשלאגען און א פערבלוטיגטען האט ער איהם אין וואלד איבערגעלאזט און אליין איז ער זיך אהיים אוועקגעפאהרען.

ווען עס האט אנגעהויבען נאכט ווערען, האט זיך דער מגיד צום בעל שם אומגעקעהרט און האט איהם אלעס, וואס ער האט געזעהן, דערצעהלט.

האט זיך צו איהם דאן דער בעל שם אנגערופען:

— אין ערשטען גלגול איז דער ערשטער רייטער שול־דיג געווען דעם צווייטען רייטער אט יענע סומע געלד, וואס האט זיך ביי איהם אין בייטעל געפינען. האט ער איהם ניט געוואלט דעם חוב אבצאהלען. זיינען זיי געגאנגען א דין־תורה האבען ביי דעם ארימאן, וואס איז נאך זיי צום בוים געקומען, ווארום ער איז אין ערשטען גלגול א רב און א דיין געווען.

דער ארימאן האט זיך אבער אין „דין־תורה" ניט פערטיעפט, ווי געהעריג. ער האט ניט קיין גענוגענדע חקירה

ודרישה געמאכט, און האט דעם ע״שטען רייטער פון זיין חוב בעפרייט.

און דעריבער — האט דער בעל שם זיין ערקלעהרונג פערענדיגט — איז עס פארגעקומען אט דאס אלעס, וואס דיינע אויגען האבען געזעהן.

אין דיעזען צווייטען גלגול זיינעם האט דער ערשטער בעצאהלט דעם צווייטען דאס, וואס ער איז איהם שולדיג.

און אויך דער דריטער, דער דיין, האט אין דיעזען גלגול זיין עונש בעקומען דערפאר, ווייל ער האט דעם דין־תורה ניט ריכטיג גע׳פסק׳ענט.

און דאס איז בער פשט וואס דער זוהר זאגט: „ואלה המשפטים — דא רזא דגלגולא״.

עס ווערען אמאל מענשען א צווייטען מאל מגולגל, כדי אויסצוגלייכען די „משפטים״, וואס זי האבען צווישען זיך אין אן ערשטען גלגול געהאט.

## יג.

# משלים און אפאריזמען.

**אויף די פארם, אין וועלכען דער בעל שם האט זיינע אידעען אויסגע־דריקט, איז דעמאקראטיש געווען. ער פלעגט זיך מיט משלים, הלצות און קאלאמבורען בענוצען. אויך אין זיין דעמאקראטיזם האט זיך אבער שארף זיין אינדיווידואליטעט געפיהלט. עס ליעגט אויף די אלע משלים און ווערטלעך זיינע דער שטעמפעל פון זיין גרויסער פערזענליכקייט. — זיי צייכענען זיך אוס מיט פיינער פקחות און פילאזאפישען הומאר.**

און מיט אמת׳ען דעמאקראטיזם איז אויך געווען די פארם, אין וועלכער דער בעל שם האט זיינע אידעען און אנשויאונגען צווישען זיינע תלמידים און צווישען פאלק פערשפרייט. ער פלעגט זיך אנשטרענגען ער זאל וואס מעהר פאפולער, וואס מעהר פערשטענדליך, וואס מעהר פאלקסטימליך זיין.

ער פלעגט דעריבער זעהר אפט מיט משלים זיך בע־נוצען, ווען ער האט וועלכען עס איז טיעפען געדאנק גע־וואלט ארויסברענגען.

און אויך דיעזען וועג זיינעם האט ער מיט א משל ער־קלעהרט:

עס האט א מאל א קעניג זיין זוהן למרחקים אוועק־געשיקט, כדי, אז ווען ער וועט צוריק קומען, זאל ער נאך מעהר תענוג האבען דערפון, וואס ער וועט זיך אין הויז פון קעניג געפינען. אבער אין לויף פון דער צייט האט

זיך דער בן־מלך פון אלע קעניגליכע תענוגים אבגעוועהנט און האט גאר אינגאנצען אין קעניגליכען הויז פערגעסען. האט דער קעניג געשיקט נאך איהם, איהם אהיים צו ברענגען, ער האט אבער ניט געוואלט צוריק אין הויז פון קעניג קומען. האט דער קעניג די אלע גרעסטע שרים זיינע אי־בערגעשיקט. עס האט אבער גארניט געהאלפען. צולעצט האט זיך אבער איינער א שר א חכם געפונען, וואס האט זיינע קליידער און זיין לשון צו די קליידער און לשון פון בן־מלך צוגעפאסט. דאס האט איהם געגעבען די מעגליכ־קייט, ער זאל זיך קענען צום בן־מלך דערנעהנטערען — און ער האט איהם צוריק אהיים צו זיין טאטען געבראכט.

און דעריבער איז זיך אויך די תורה אין ספורים נשמיים מתלבש.

אויך אבער אין זיין דעמאקראטיזם האט זיך שארף זיין אינדיווידואליטעט געפיהלט. אויך אין זיין שטרעבונג צו זיין פאפולער, צו זיין פאלקסטימליך, איז ער גרויס געבלי־בען. עס ליעגט דער שטעמפעל פון זיין גרויסער פערזענ־ליכקייט אויף אלע משלים זיינע. עס פיהלט זיך אין זיי צייטענווייז א מערקווירדיגע רוהיגע ברייטקייט. זיי ענט־האלטען אין זיך אזוי פיעל פיינשמייכלענדען הומאר און אזוי פיעל פילאזאפישע טיעפקייט.

און כדי דער לעזער זאל פאר זיך א קלאהר בילד קע־נען האבען וועגען דעם כאראקטער פון דעם בעל שם׳ס משלים, וועל איך דא ברענגען א פאר פון זיי.

וועגען די פערשידענע וועגען, ווי אזוי איינער זאל זיך מיט דעם יצר־הרע בעגעהן, ברענגט דער בעל שם פאלגענ־דען משל:

ער זיינען פארהאן מענשען, וואס ווען זיי דערפיהלען, אז א גנב האט זיך צו זיי אין הויז אריינגעכאפט, זיי צו

בע׳גנב׳ענען, הויבען זיי אן צו שרייען. זיי צוטומלען אזוי ארום דעם גנב מיט זייערע קולות, אז ער אנטלויפט באלד פון שטוב.

אזוי האלטען זיך אבער נאר אזוינע מענשען, וועלכע זיינען גרויסע פחדנים.

וואס טהוען, אבער דרייסטע מענשען, — מענשען וועלכע שרעקען זיך פאר קיינעם ניט און זיי זיינען זיכער, אז זיי וועלען קענען דעם גנב בייקומען?

זיי שווייגען די ערשטע צייט. זיי מאכען זיך ניט־וויסענדיג און לאזען דעם גנב מיט זיין ארבייט אנגעהן. ערשט דאן, ווען דער גנב וויל שוין דאס הויז פערלאזען, ווארפען זיי זיך פלוצלונג ארויף אויף איהם. זיי בינדען איהם דאן הענד און פיס און גיבען איהם צום געריכט איבער.

און דורך דיעזען מיטעל ווערען זיי שוין פון גנב אויף שטענדיג פטור.

און אט אזוי זיינען אויך צדיקים פאראן, וואס באלד, ווי זיי דערפיהלען נאר דעם יצר הרע לויערען אויף זיי, באלד, ווי זיי דערפיהלען נאר, ווי ער הויבט זיי אן איינרעעדן, זיי זאלען, חלילה, עפעס אן עבירה בעגעהן, לאזען זיי איהם ניט נאהענט אפילו צוגעהן צו זיך. זיי פערטרייבען איהם באלד, שוין אין ערשטען מאמענט.

אנדערע אבער, וועלכע זיינען געגוג זיכער אין זייערע כחות, מאכען זיך כלומרשט נאכגעביג אין ערשטען מאמענט. זיי לאזען איהם נאהענט צוקומען צו זיך, כדי ער זאל מיינען, אז זיי זיינען גרייט זיין פערלאנג נאכגעבען. נאכהער אבער נעהמען זיי איהם אין זייערע הענד אריין און בעקעמפפען איהם פאלשטענדיג און פערוואנדלען דורך דעם יעדער מדה רעה אין א מדה טובה.

און וועגן דעם, ווי אזוי דער מענש בעדארף שטענדיג אויף זיין השלמה ארבייטן, ווי אזוי ער בעדארף ניט פער־נאכלעסיגען די אויפגאבען זיינע, וואס גאט האט אויף איהם ארויפגעלעגט, ברענגט ער פאלגענדען משל:

עס זיינען צוויי מענשען געווען, וואס האבען זיך מיט ערד־ארבייט בעשעפטיגט. איינער האט אסך תבואה אין דער ערד פערזייהט און האט זיך געהאלטען אין איין פרע־הען. נאכדעם, ווי ער האט שוין זיינע פעלדער פערזעעט, איז ער שוין די גאנצע צייט לעדיג ארומגעגאנגען. ער האט נאר אין עסען און טרינקען פערבראכט און האט כסדר נאר ארומגעשפאצירט און געזונגען.

דער צווייטער האט דוקא ווייניג תבואה פערזעעט. ער איז אבער שטענדיג ארום זיין פעלד ארומגעגאנגען, פלעגט עס שטענדיג רייניגען פון די דערנער און שטעבעלקעס און פלעגט שטענדיג אויף דעם זיין אויג האלטען.

דיעזען משל ברענגט דער „בעל דגל מחנה אפרים“, דעם בעל שם'ס אן אייניקעל. ער שרייבט, אז ער האט איהם פון זיידען'ס מויל געהערט, און פערענדיגט מיט די פאלגענ־דע ווערטער:

„דיעזער משל דערגרייכט די טיפסטע טיפעניסען פאר יעדען מענשען, וואס פערמאגט א הארץ צו פערשטעהן און אפענע אויגען השגחה צו געבען אויף זיינע הנהגות און אויף זיינע טהאטען.

עס זיינען פארהאן — זאגט ווייטער דער בעל שם, וועגען דעם אופן, ווי מענשען קענען גאט דיענען — צוויי וועגען אין עבודת השם.

איין וועג איז א קלאהרער און אן אויסגעטראטענער, און מען קען אויף איהם ניט בלאנדזשען. דער וועג בעשטעהט אין דעם, דער מענש זאל טאג און נאכט נאר תורה

לערנען, און זאל זיך אבשיידען פון אלע עניני־העולם, און זאל רעדען נאר אזוינע זאכען, וואס ער מוז רעדען.

אויסער דעם וועג, אבער, איז דא נאך א וועג, ניט קיין אויסגעטראטענער און ניט קיין זיכערער. דער וועג בע־שטעהט אין דעם, ער זאל פערברענגען שטענדיג מיט מענ־שען און שמועסען מיט זיי. די אלע דבורים, אבער, וואס ער וועט רעדען, זאלען נאר זיין לשם שמים, דהיינו, ער זאל אזוי זיינע געשפרעכען פיהרען, זיי זאלען ברענגען זיינע צוהערער צו אהבה און יראה, זיי זאלען זיך עפעס א מוסר פון זיי אבלערנען, אדער ער זאל זיי דורך קדושה צו א העכער מדרגה דערהויבען, ווי פיעלע מענשען, כידוע, טהוען עס ווירקליך.

עס שטעקט אבער אין דעם וועג א גרויסע סכנה. ער קען נאך, חלילה, אראב פון דרך הטוב; ער קען נאך, חלילה, נאר איינגאנצען זיין קדושה פערלירען און אנהויבען דברים בטלים צו רעדען אויף דעם אייגענעם אופן, ווי דער המון־העם טהוט עס. דעריבער דארף דערויף יעדער פרומער איד בעטען, ער בעדארף גאט בעטען, ער זאל איהם ארויס־העלפען, ער זאל, חלילה, צו קיין מכשול ניט קומען, ער זאל איהם גראד איבער דיעזען וועג פיהרען, ער זאל ניט אין דער זייט אראב, ווארום אהן דער הילף פון אויבען קען דער מענש זעהר גרינג זיך טועה זיין, קען ער זעהר גרינג אנהויבען צו בלאנדזשען.

איינער א שררה האט ביי זיך געהאט א גרויסען פיע־דעל־שפיעלער. איז איינער פון די נגונים, וואס דער פיע־דעל־שפיעלער פלעגט שפיעלען בעזאנדערט אויף איהם בע־ליעבט געווען, פלעגט ער אפט הייסען דעם שפיעלער, ער זאל פאר איהם אט יענעם ניגון שפיעלען.

ווען דער שררה האט אבער דערזעהן, אז דער ניגון האט

זיך שוין צוגעגעסען דעם שפּיעלער, און ער שפּיעלט איהם שוין אהן געפיהל, האט ער אנגעהויבען אלע טאג נייע געסט צו זיך ברענגען, כדי דורך זיי זאל זיך א ניי לעבען, א ניי געפיהל זיך דערוועקען אין הארץ פון מנגן.

און אזוי איז א שטיק צייט אוועקגעגאנגען.

ענדליך אבער האט שוין דער שררה מעהר קיין נייע געסט ניט געפונען.

איז ער אויף א נייעם איינפאל געפאלען:

ער פלעגט אלע טאג פרעמדע מענשען אין הויז אריינברענגען. ער האט אבער עס געמאכט אזוי, אז דער מנגן זאל זיי ניט זעהן מיט די אויגען, ער זאל נאר זייער אריינקומען הערען, כדי ער זאל מיינען, אז דאס קומען אלע נייע מענשען אלע טאג, וועט אזוי ארום זיין התעוררות ניט אבגעקיהלט ווערען.

---

און אויסער די משלים זיינע האט דער בעל שם ליעב געהאט זיין תורה צו בע'טעמ'ען אויך מיט פערשידענע הלצות, קאלאמבורען און אפאריזמען.

— דער פּשט פון דעם ווערטעל — זאגט דער בעל שם — וואס די וועלט זאגט, אז דער אמת געהט איבער דער גאנצער וועלט ארום מיינט צו זאגען, אז מען יאגט איהם נעבאך פון איין פלאץ אויפ'ן צווייטען ארום.

„ראית רשע עריץ ויעבור והנה איננו ואבקשהו ולא נמצא" — דער רשע בלייבט ניט, מען זוכט איהם און מען קען איהם שוין מעהר ניט געפינען. צו וואס זוכט מען עס ארום דעם רשע, וואס איז שוין מעהר ניטא? דער פּשט איז אבער, ווארום נאך דעם ערשטען רשע קומט א צווייטער, נאך אן ערגערער, דעריבער בענקט מען עס נאך דעם ערשטען".

„ועתה ישראל, מה ה' אלהיך שואל מעמך" — וואס

דען, אלזא, פערלאנגט גאט פון דיר: גאט פערלאנגט פון מענשען, ער זאל אן עניו זיין, אין דער מדרגה פון מ ה״.

„וצדיק באמונתו יחיה״ — דער צדיק לעבט מיט דער אמונה זיינער: „אל תקרא יחיה, אלא יחית״ — מיט א פתח אונטער דעם חי״ת. דער צדיק איז משפיע לעבען אויף די, וואס גלויבען אין איהם.

„תורת ה׳ תמימה״ — גאט׳ס תורה איז גאנץ ריין: זי איז נאך אלץ גאנץ, א ו נ ג ע ר י ה ר ט. קיינער האט זי נאך ניט אנגעהויבען לערנען, ווי געהעריג, איז זי נאך אין איהר פולער גאנצקייט״.

„ווען דער מענש לערענט, בעדארף ער וויסען און פערשטעהן, פאר ווענען ער לערענט עס און ער זאל זיך מאכען גלייך, ווי ער איז א גאר ניט, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „והחכמה מאין תמצא״, חכמה דערגרייכט מען, ווען מען איז זיך מבטל, ווען מען האלט זיך פאר א גאר ניט״.

„איינער א חסיד איז אין שטאדט געקומען, האט ער דעם כאראקטער פון די שטאדט־מענשען געוואלט שטודירען. האט ער געזאגט צו זיך: איך וועל אוועקגעהן אין שענק, וואו עס געפינען זיך פיעל מענשען, וועל איך זיי דארטען פון דעם אופן ווי זיי רעדען, שטודירען קענען, ווארום די צונג איז פון הארצען די פעדער.

„וסרתם ועבדתם אלהים אחרים״ — מיט דעם, וואס איהר געהט נאר אויף איין מאמענט פון גאט אוועק — שוין מיט דעם אליין דיענט איהר פרעמדע געטער״.

„ה׳ צלך״, — גאט איז דיין שאטען: פונקט ווי דער שאטען טהוט וואס דער מענש טהוט, אזוי פיהרט זיך אויך גאט מיט דעם מענשען נאך זיינע מעשים נאך״.

און מאנכעס מאל האט ער אויך טיעפע פילאזאפישע געדאנקען נאר אין דער פארם פון אן אפאריזם געגעבען.

אט אזוי ערקלעהרט ער דעם ענין פון „צמצום", וואס האט אין דער קבלה א גאנצע שולע מיט פערשיעדענע קאָמענטאריעס געשאפען, אויף פאלגענדען אופן:

דער ענין פון צמצום בעשטעהט אין פאלגענדעם:

אזוי ווי אן עלטערער מענש איז מצמצם זיין חכמה און ער פאסט צו זיין שכל צום פערשטאנד פון קליינעם קינד, וואס קען ניט תופס זיין אט יענעם בעגריעף, וואס ווערט איהם ערקלעהרט מיט דער גאנצער טיעפקייט זיינער, פונקט ווי דער לעהרער, ווען ער ערקלעהרט עפעס זיין תלמיד, סטאַרעט ער זיך אראבצוברענגען נידעריגער זיין פערשטאנד פון דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך, און צוברענגען איהם צו דער מדרגה פון שכל פון קינד, אזוי האט אויך גאט זיינע כחות מצמצם געווען, ער האט ווי איינגעצאמט, כבויכול, זיין פאלקאמענע און אונענדליכע שעפערישער ענערגיע, כדי עס זאל קענען די ענדליכע און אונפאלקאמענע וועלט בעשאפען ווערען.

און נאך טיעפער איז די פאלגענדע פילאזאפישע פארמולע זיינע:

„די השפעה פון גאט*) איז איינהייטליך. נאר די ברואים פון גאט טראגען אין איהר פערשיעדענע קאָלירען אריין".

נאטירליך, אויסער דעם, וואס עס איז ניט נויטיג, וואלט עס אויך א זעהר שווערע און אונדאנקבארע ארבייט געווען, וועלען דעם בעל שם אלס פריידענקער ארויסשטעלען. עס

*) השפעתו אין לה גוון מיוחד, ורק הברואים מציירים בה גוונים מיוחדים.

ליעגט אָבער פאַרט דער שטעמפּעל פון אַ פרייען גייסט אויף דעם אופן, ווי ער טייטשט דעם ענין פון צמצום אוים. מען זעהט אָבער פאַרט אַ טיעפען פילאָזאָפישען קאָפּ אין דער פי־לאָזאָפישער פאָרמולאַ, וואָס מיר האָבען אָט ערשט געבראַכט. אויב מען קען נים דעם בעל שם אַלס פילאָזאָף — אין אָנגע־נומענעם און געוועהנליכען זין — בעטראַכטען, האָט ער אינטואיטיוו דאָך פיעל פילאָזאָפישע טיעפקייטען פערמאָגט. אויב מען קען נים אָט יענע אַלע שטעלען זיינע אין וועלכע מען מוז אַ פרייען אָרט פון דענקען זעהן, אין אַן אויסגע־האַלטענער שיטה פעראייניגען, בעווייזען זיי אָבער דאָך, אַז אינטואיטיוו איז ער אין זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען מעהר אויף דעם פילאָזאָפישען, ווי אויף דעם טראַדיציאָנעל־רעלי־גיעזען באָדען געשטאַנען. עס איז דאָס אַלעם צו זעהן אויך פון דעם, ווי ער טייטשט אוים דעם ענין פון בת־קול און דער־פון, ווי ער ערקלעהרט דעם ענין פון „ידיעת־השם" און פון נאָך פיעל אַנדערע עהנליכע שטעלען, אויף וועלכע עס איז מיר שוין דאָ און דאָרטען אויסגעקומען אָנצו־ווייזען.

## יד.

# דער בעל שם פאַרטיילט די אַרבייט צווישען זיינע תלמידים.

דער בעל שם האט איינגעטהיילט די ארבייט צווישען זיינע תלמידים. — דעם מעזשיריטשער מגיד האט ער אלס זיין ממלא־מקומו בע־שטימט. — דעם „בעל התולדות“, ער זאל מיט זיין פעדער פאר דעם חסידיזם קעמפפען. — דעם פאלאנאהער מוכיח פלעגט ער ארומשיקען אין די בתי־מדרשים צו דרש'ענען. — ר' דוד לאה'קעס און אנדערע פלעגט ער דורך „קפיצות הדרך“ אין ווייטע מקומות שיקען, זיי זאלען דארטען „מופתים“ און „נסים“ אין זיין נאמען ווייזען.

פונקט, ווי די תלמידים פון בעל שם האבען די אלע וועגען פון זייער גרויסען לעהרער געשטודירט, אזוי האט ער אויך גענוי יעדען תלמיד געקענט. ער האט גוט גע־וואוסט דעם כאראקטער פון יעדען איינעם בעזונדער, ווי אויך די אלע פעהיגקייטען, מיט וועלבע דער אדער יענער האט זיך אויסגעצייכענט און האט אויף יעדען פון זיי, צוגעפאסט צו זיין כאראקטער און צו זיינע פעהיגקייטען, א געוויסע ראלע אלס זיין מיטארבייטער און ארויסהעלפער געגעבען.

אין ר' בער'ן האט ער געפונען א מאן מיט אויסגעציי־כענטע ארגאניזאטארישע פעהיגקייטען, וועלכער האט א מערקווירדיגע קראפט פערמאגט, א גרויסען איינפלוס אויף מענשען אויסצואיבען — האט ער איהם פאר זיין ממלא מקומו בעשטימט. ער איז אין איהם זיכער געווען, אז ער וועט די נייע יונגע בעוועגונג אויפ'ן ריכטיגען וועג פיה־

רען, אז דורך זיין איינפלוס און ענערגיע וועט דער חסידיזם פאר זיך זיכערער פאזיציאנען אין אידישען לעבען אויס־קעמפפען.

ר' יעקב יוסף'ען, דעם בעל ה„תולדות" האט ער בע־שטימט, ער זאל דער פאלעמיסט און פראפאגאנדיסט פון דער בעוועגונג זיין. ער האט איהם אלס איהר טעארעטיקער און ליטערארישער פארשטעהער בעשטימט.

דער בעל שם האט ניט געוואלט, מען זאל זיינע „תורות" אויף פאפיער אויפשרייבען. ער האט מורא געהאט, אז די שרייבער וועלען ניט קענען אריינדרינגען אין דעם אמת'ען אינהאלט פון זיינע לעהרען און וועלען ניט ריכטיג זיינע רעד איבערגעבען. אפילו די לעגענדארע „כתבים", דורך וועלכע ער איז געווארען דאס, וואס ער איז געווארען, האט ער נאך זיך ניט געוואלט איבערלאזען. ער האט זיי אוועק־געלעגט ערגעץ, דערצעהלט די לעגענדע, „אונטער א שטיין אויף א בארג".

איינמאל, — דערצעהלט די לעגענדע — האט איינער די תורה פון בעל שם אויפגעשריבען. האט איינמאל דער בעל שם בעמערקט, ווי א שד געהט ארום מיט א ספר אין האנד. האט ער צו איהם זיך אנגערופען: —

„וואס איז דאס פאר א ספר, מיט וועלכען דו טראגסט זיך ארום?

האט איהם דער שד געענטפערט:

„דאס איז דער ספר, וואס דו האסט מחבר געוועזן".

האט דאן דער בעל שם פערשטאנען, אז עמיצער שרייבט זיינע תורות איבער. האט ער דאן אלע זיינע מענשען צו־נויפגערופען און האט זיי געפרעגט:

„ווער פון אייך שרייבט עס מיינע תורות איבער?"

האט זיך יענער מאן מודה געוועזן, אז ער איז עס.

האט זיך דאן דער בעל שם אנגערופען:

„עס געפינט זיך דא ניט איין ווארט אפילו, וואס איך זאל עס געוועז זאגען.

ר׳ יעקב יוסף איז, ווי קיין אנדערער, פאסיג געווען, ער זאל די תורות פון בעל שם פערצייכענען. ער האט זיך מיט א פיינעם ליטעראַרישען געשמאק אויסגעצייכענט. ער האט פערצייכענט אלעס, וואס דער רבי זיינער האט געלעה־רענט, און האט אלעס ברייט און דעטאל ארומגערעדט. ער האט ניט געלאזט, עס זאל אפילו איין ווארט פון זיין רבי׳ן פערלארען געהן און האט אלעס אויספיהרליך קאמענטירט. ער האט דעריבער א גרויסען נאמען צווישען בעל שם׳ס תלמידים אלס איינער, וואס איז אממעהרסטען מיט דעם בעל שם׳ס שיטה אין לעבען בעקאנט.

א חסיד׳ישע לעגענדע דערצעהלט אין ר׳ אבא׳ס נא־מען, דעם מעזשעריטשער מגיד׳ס א תלמיד, אז „ווען ר׳ יעקב יוסף האט אויסגעטייטשט פאר איהם דעם בעל שם׳ס תורות איז זיין מויל, ווי א פלאם פייער געווען און עס האט ארום איהם א גרויס פייער געברענט און ער מיט דעם בעטעל זיינעם האבען זיך אויף פיעל טפחים פון דער ערד אויפגע־הויבען, און אלעס, וואס ער האט געזאגט דאמאלס, איז געזאגט געווארען, ווי עס וואלט פון סיני געגעבען געווארען, „באימה ובפחד ובקולות וברקים".

ר׳ יעקב יוסף האט עס אלס זיין לעבענס־אויפגאבע בעטראכט, אז עס זאל אלעס, וואס זיין רבי האט געלערענט און געפּרעדיגט, פאר די וויטערע דורות איבערבלייבען, און דער ערשטער חסיד׳ישער ספר וואס איז געדרוקט גע־ווארען, און וואס האט א גוואלדיגען רעש פעראורזאכט אין לאגער פון די חסידים, איז זיין ספר „תולדות יעקב יוסף"

געווען. דיעזער ספר קען ווירקליך בעצייכענט ווערען אלס די ביבעל פון חסידות.

און נאך אן איבערגעגעבענעם תלמיד האט דער בעל שם געהאט, ר׳ יהודה ליב, דער פאלאנאהער רב, וועלכען מען האט גערופען דער „פאלאנאהער מוכיח". זיין ראלע איז געווען מינדליך די נייע תורה פון זיין גרויסען לעהרער צו פערשפרייטען. דער בעל שם פלעגט איהם אפטמאל ארומ־שיקען דרש'ענען אין די שוהלען און בתי מדרשים. ער פלעגט איהם אמאל מיט א ספעציעלער מיסיאן שיקען, דעם אדער יענעם צו אגיטירען, ער זאל פאר דער באוועגונג ער־ווארבען ווערען. וארום ער איז א בעגייסטערטער רעדנער געווען און האט געקענט אויף מענשען ווירקען.

זיינע תלמידים ר׳ דוד לאה'קעס, ר׳ דוד פורקים און ר׳ דוד מיקאלאיעווער פלעגט ער זעהר אפט שיקען אין וויטע ערטער דורך „קפיצות־הדרך", זיי זאלען „מופתים" און „נסים" אין זיין נאמען ווייזען. און אמאל פלעגט ער זיי אויך שיקען, זיי זאלען „ממתיק דינים" זיין.

עס איז אמאל — דערצעהלט א לעגענדע — א גרויסער עושר געווען. ער פלעגט פיעל צדקה געבען און האט זיך מיט גרוים יראת־שמים אויסגעצייכענט. ער האט אבער איין גרויסען חסרון געהאט. ווען עס פלעגט אימיצער צו איהם אמאל קומען, פלעגט ער זיך פאר איהם מיט זיין גרויסען רייכטהום בעריהמען. ער איז אויך זיכער געווען, אז ער וועט שוין אזוי אלע זיינע יאהרען אין גרוים עשירות אויסלעבען.

„האט ער זיך דורך דעם פיעלע מקטריגים אין הימעל געמאכט און מען האט ביי איהם געוואלט זיין עשירות צו־נעהמען".

האט דער בעל שם געשיקט צו איהם ר' דוד מיקא־לאיעווער.

ווען ר' דוד איז צו איהם אין הויז געקומען האט יענער, ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען, אנגעהויבען אויס־צודערצעהלען איהם וועגען זיין גאנצער עשירות און זיין גרויסקייט. ר' דוד האט אבער פון אלעם דעם הערען ניט געוואלט. ער האט געזאגט, אז ער איז זעהר מיעד און וויל געהן שלאפען.

ביינאכט האט זיך דעם גביר גע'חלומ'ט, אז דער קעניג איז צו איהם אין הויז פערפאהרען און האט ביי איהם גע־געסען און געטרונקען און נאכדעם איז ער געשטארבען פלוצ־לונג. האט מען איהם — דעם גביר — דערפאר פעראור־טהיילט צום טויט. איז ער אין א ווייטער מדינה אנטלא־פען און איז דארטען א האלץ־העקער געווארען, כדי ער זאל דערפון אויף זיין חיונה פערדינען. דער גביר האט זיך דאן מיט גרוים שרעק פון שלאף אויפגעכאפט. אין דער פריה האט זיך ר' דוד צו איהם אנגערופען:

— דערצעהל מיר נאר יעצט אביסעל וועגען דיין גרוים עשירות.

האט איהם דער גביר דאן געענטפערט:

— יעצט וויים איך שוין און פערשטעה אלעם.

האט זיך דאן ר' דוד צו איהם אנגערופען:

דערויף בין איך עס צו דיר געקומען, איך זאל דיר צו פערשטעהן געבען, אז דו ביזט מעהר ניט, ווי נאר א מענש און דו בעדארפסט זיך ניט בערימען מיט דיין רייכקייט.

און די ברידער מרגלית — אויך זיי האבען זייער טהייל געטהאן אין דער פערשפרייטונג פון חסידיזם דורך זייער

גרויסען אויטאָריטעט אַלס גאונים. זיי האָבען בעדאַרפט אַלס ביישפּיעל דיענען פאַר די „רבנים״ און „לומדים״, וועלכע זיינען נאָך פון דער ווייטענס געשטאַנען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט אין קרייז פון בעל שם געפונען.

אין דער טעכנישער אַרבייט איז זיין גרעסטער ארויסהעלפער געווען ר׳ צבי סופר סת״ם. אין די ערשטע יאָהרען פלעגט ער העלפען דעם בעל שם קמיעות שרייבען; ער פלעגט אויך פאַר איהם דעם „זוהר״ פאַרזאָגען. נאָכדעם האָט ער פאַר איהם אויך געשריבען „תפילין״ און „ספרי־תורות״.

די לעגענדע דערצעהלט פאָלגענדעס וועגען דעם, ווי דער בעל שם האָט איהם מוסר געווען די סודות פון שרייבען. ער האָט איהם געהייסען אוועקגעהן אויסער׳ן שטאָדט אין וואַלד, און זיך אוועקשטעלען דאָרטען צווישען גרויסע בוימער.

נאָכדעם איז צוגעקומען צו איהם דער בעל שם און האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

קום, וועל איך דיר ווייזען די תפילין פון רבונא של עולם. מיר בעדאַרפען אָבער א מקוה. האָט ער געמאַכט אַן „עגול״ און עס איז באַלד א מקוה געוואָרען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אין מקוה אָבגע׳טובל׳ט, האָט ער איהם גרויסע סודות און כוונות מגלה געווען.

און פון דאַמאָלס אַן פלעגט ר׳ צבי בשעת ער האָט זיינע ספרים און תפלין געשריבען, פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען זעהן.

די ספר־תורות און די תפילין „פרשיות״, וואָס ר׳ צבי האָט געשריבען, ווערען אויף דעם בעל שם׳ס נאָמען גערופען, און זיי געפינען זיך נאָך עד היום אין אייניגע הויפען פון די היינטיגע צדיקים. אין די ספרי־תורות געפינען זיך

איינינגע שנויים אין פיעלע פלעצער, הן וואס בעלאנגט דעם וועג ווי מאנכע אותיות זיינען געשריבען און אויך אין דעם, וואס עס געפינען זיך אין מאנכע ווערטער מעהר אותיות, וויפיעל עס בעדארף דארטען זיין. די אלע שנויים זיינען אבער ניט פון אזא כאראקטער, זיי זאלען קענען די ספרי־תורות פסל'ענען.

# פינפטעס בוך

## טרוימער און קעמפפער

## א.

# דער מארד בלבול פון תק"ז און זיין ווירקונג אויף דעם בעל שם.

די סאציאלע און עקאנאמישע לאגע פון די אידען אין פאדאליען. — פלעגט אמאל א גוי אין כעס ווערען אויף א אידען, פלעגט ער לויערען אויף איהם אין וועג און דער'הרג'ענען. — דער „עלילת־דם" אין זאסלאוו אין יאהר תק"ז. — עטליכע אידען זיינען דורך דיעזען בלבול אומגעקומען. — צוויי אידען האבען זיך גע'שמד'ט, איידער מען האט איבער זיי זייער טויט־אורטהייל אויסגעפיהרט. — די גלחים האבען זיי צוגעזאגט, אז מען וועט זיי דערפאר שענקען דאס לעבען. — ווען די קרבנות האבען אבער געזעהן, אז מען האט זיי אבגענארט, האבען זיי חרטה געהאט דערויף וואס זיי האבען זיך גע'שמד'ט און זיינען אוועקגעגאנגען פון דער וועלט מיט דעם „שמע ישראל" אויף זייערע ליפען.

די בעוועגונג וואס דער בעל שם האט בעשאפען, איז שוין יעצט, נאכדעם, וואס דער בעל שם האט אין מעזשיבוזש עטליכע יאהר אבגעלעבט, נאכדעם וואס עס האט זיך איהם איינגעגעבען, מיט א גרויסען קרייז פון פיעלע פון די גרעסטע פערזענליכקייטען, וואס האבען אין זיין דור נעלעבט, זיך ארומרינגלען, אויף א פעסטען באדען אין אידישען לעבען געשטאנען. די טעטיגקייט פון בעל שם האט זיך יעצט פיעלפאכיג פערגרעסערט. ער האט זיין אויטאריטעט אויף א בעדייטענדען טהייל פון אידישען לעבען ארויפגעצוואונגען. איבעראל, וואו ער איז געקומען האט מען אויף איהם מיט זיינע תלמידים ווי אויף מלאכים געקוקט.

און אויך די גוי'אישע בעפעלקערונג פון דעם געגענד,

אין וועלכע ער האָט געלעבט, האָבן זיך צו איהם, ווי צו א געטליכן מאַן בעצויגן. וואָרום פון צייט צו צייט פלעגט ער זיין טהעטיגקייט אויך צווישן זיי אָנפיהרען. ער פלעגט זיי פערשידענע מעשיות און מאמרים דערצעהלען".

אין גאַנץ פּאָדאָליען, ווי אויך אין פיעלע ערטער, וואָס האָבן זיך אויסער די גרעניצען געפונען, איז דער בעל שם דער פאַלשטענדיגער בעל הבית איבער דעם אידישען לעבען געווען. אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז פון יעדען, ווי הייליג בעטראַכט געוואָרען. ער האָט געהאַט די פולע מאַכט שוחטים און חזנים פון זייערע פּלעצער מעביר זיין און אַנ־דערע אויף זייער אָרט בעשטימען. ער פלעגט זיך אָפטמאָל מיט דעם „חבריא" זיינער דורך „קפיצת־הדרך" אין פער־שידענע שטעדט אַוועקלאָזען, דאָרטען זיין טעטיגקייט אָנ־צופיהרען. פּאָהרען פלעגען זיי אפילו אין אַזאַ פּאַל — אין א פערד און וואָגען שטענדיג. די פערד מיט דעם וואָגען, אָבער, ווי אויך דער בעריהמטער אָנטרייבער פון בעל שם, „אַלעקסי" — דאָס אַלעס איז נאָר „לפנים" געווען. די גאַנצע נסיעה איז נאָר דורך א שם, דורך קפיצות הדרך פאָר־געקומען. די אַלע תלמידים פון בעל־שם פלעגען זייערע געזיכטער צום בעל־שם אויסדרעהען און דאָס זעלבע האָט אויך אַלעקסי געטהאָן. אויך ער פלעגט מיט דעם פּנים צום בעל שם זיצען. די לייצען פון די פערד האָט ער פון זיינע הענד ארויסגעלאָזט, און די פערד האָבען זיך אַליין אין וועג אַוועקגעלאָזט, און אין א קליינע ווייַלע איז דער בעל שם מיט זיינע תלמידים שוין געווען דאָרטען, וואו זיי האָבען בעדאַרפט.

וואוינענדיג אין מעזשיבוזש, האָט דער בעל שם געהאַט א גרויסע טהעטיגקייט אָנצופיהרען אויך אויף דעם עקאָנאָ־מישען געביעט פון אידישען לעבען.

די סאָציאַלע לאַגע פון אידישען פאָלק אין פּאָדאָליען, ווי בכלל אין גאַנץ קליין־רוסלאַנד, איז געווען אַ שרעקליכע דאַמאַלס. דיעזע תקופה איז ניט אויף אַ ווייטען דיסטאַנץ געווען פון דער צייט פון די היידאַמאַקען און כמעלניצקי, ווען דאָס אידישע לעבען איז הפקר געווען און עס האָבען זיך דאָן אין יענעם געגענד איבעראַל טייכען פון אידיש בלוט געגאָסען. האָט נאָך אויך אויף דיעזער תקופה דער גייסט פון יענע בלוטיגע צייטען גערוהט. האַס און פעראַכטונג צום אידען —דאָס איז די ירושה, וואָס עס איז אין דיעזער תקופה פון יענע צייטען פערבליבען. ניט נאָר דער פּריץ אַליין האָט אויף דעם אידען, ווי אויף זיין אייגענטום געקוקט; ניט נאָר ער אַליין האָט איהם אַלס ניעדעריגען אָביעקט פאַר זיין צינישען בייזען שפּאַט און געלעכטער בעטראַכט, נאָר אויך דער פּראָסטער חאַם, דער פּויער, האָט זיך אַזוי צום אידען בעצויגען. עס איז דער איד הפקר פאַר יעדען איינעם געווען, און עס איז גאָר קיין צאָהל ניט געווען צו די אַלע גגישות און בלבולים, דורך וועלכע דער פּריץ, בשותפות מיט דעם שקלאַף זיינעם, האָבען דעם אידען זיין לעבען פערביטערט.

פלעגט אַ פּויער אַמאָל — שרייבט דער גרויסער גאון, דער בעל „מאיר נתיבים", וואָס איז געווען איינער פון דעם בעל שם'ס בעליעבטעסטע תלמידים — ברוגז ווערען אויף אַ אידען, פלעגט ער אויף איהם לויערען אין וועג און דער־הרג'ענען איהם און זיין טויטען קערפּער פאַר די חיות פון פעלד איבערלאָזען. עס פלעגען אויך טרעפען פעלע, ווען די פּויערים פון דאָרף פלעגען אַ אידישע הויז אונטערצינ־דען, און בשעת דעם טומעל פלעגען זיי איינעם פון דער פאַמיליע דער'הרג'ענען און זיין טויטען קערפּער ערגעץ אין אַ בלאָטע פערוואַרפען. מאַנכעס מאָל פלעגען זיי זיך אויף

דעם ברוטאלסטען און שענדליכסטען אופן „איזדיקיוועו"
איבער דעם טויטען קערפער. אט אזוי האט מען אמאל
געפונען דעם קערפער פון א גע'הרג'עטען אידען, ביי וועלכען
א האלבער קאפ איז אפגעשניטען געווען. נאר די אויערען
מיט דער בארד זיינען פון דעם גאנצען קאפ איבערגעבליבען.

אמאל ווידער זיינען צוויי ברידער צוזאמען צופוס אין
וועג געגאנגען. זיינען זיי פויערען פון א דארף בעפאלען און
האבען איינעם פון די ברידער באלד אויפ'ן ארט דער'הרג'עט.
דער צווייטער אבער האט געפרובט אנטלויפען. האבען
זיי זיך נאכגעיאגט נאך איהם און האבען איהם אין תחום
שבת פון א צווייטער שטאדט געכאפט און באלד אויפ'ן
פלאץ גע'הרג'עט. דעם קערפער פון איין ברודער האט מען
אזוי ארום אין איין שטאדט בעגראבען, און דעם קערפער
פון צווייטען ברודער אין א צווייטער שטאדט.

די אידען האבען דארטען שטענדיג געהאט פיעל אויס־
צושטעהן פון פיעלע פערשידענע בלבולים וואס דער המון
פלעגט אויף זיי אויסטראכטען.

און יעדער בלבול האט געמיינט פיעל יסורים און ענויים
קשים פאר פיעלע אידישע קהלות. גאנצע עדות אידען פלע־
גען אמאל דורך אזוינע בלבולים צום טויט פערמאטערט
ווערען.

בעזאנדערס האט נאך זיך איבערגעלאזט א טרויעריגען
רעקארד אין דער אידישער געשיכטע דער בלבול, וואס האט
זיך אין יאהר תק"ז, ווי גאט'ס „תוכחה" אויסגעגאסען אויף
דעם קאפ פון דער אידישער קהלה אין זאסלאוו.

ארום זאסלאוו פלעגט מען אפט גע'הרג'עטע מענשען
געפינען, ווארום דער וועג דארטען איז זעהר א שלעכטער
און געפעהרליכער געווען. האט מען איינמאל אין יאהר
תק"ז איבער דעם וועג, וואס פיהרט פון זאסלאוו קיין בע־

לאַגאָראָדקאָ, געפונען דעם טויטען קערפּער פון אַ קריסט. דער קערפּער איז שוין דורך און דורך פערפוילט געווען, און האָט אויסגעזעהן צו ליגען שוין גאָר לאַנג.

דאַן איז געקומען אַ פּויער און האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט פריהער מיט אַ שטיק צייט געזעהן איבער דעם זעל־בען וועג, אוואו מען האָט דעם טויטען קערפּער געפונען, אַ שליטען פאָהרען, אין וועלכען עס זיינען אַ סך אידען געזעסען. דער שליטען איז צוגעפאָהרען, האָט ער ווייטער דערצעהלט, צו דער „קרעטשמע" אין דאָרף און איז דאָרטען די גאַנצע נאַכט געשטאַנען. און אין קרעטשמע איז ליכטיג און פרעה־ליך געווען, און אויף מאָרגען האָבען זיך די אידען אין זייערע טליתים איינגעוויקעלט און האָבען געדאַווענט. נאָכדעם, וואָס זיי האָבען אָבגעדאַווענט, האָבען זיי אַ סעודה געמאַכט, און האָבען זיך נאָכדעם צוריק קיין זאַסלאַוו אומגעקעהרט.

די געשיכטע האָט געטראָפען פאַר פּסח. די גרויסע צוררי ישראל די אַנגעשטעלטע פון פּירשט סאַנגושקאָ, צו וועמען זאַסלאַוו האָט בעלאַנגט, האָבען אַזוי אָרום געהאַט אַ מעגליכקייט צו מאַכען פון דער גאַנצער געשיכטע אַן עלילת־דם. זיי האָבען געזאָגט, אַז די אידען האָבען געקוילעט דעם גוי, זיי זאָלען האָבען זיין בלוט אויף פּסח. זיי האָבען ער־קלעהרט, אַז נאָר צו דיעזען צוועק האָבען זיך עס די אידען געהאַט אין „קרעטשמע" פערזאַמעלט, און דאָס וואָס זיי האָבען זיך געפרעהט דאָרטען איז געווען לכבוד דער מצוה, וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבען צו מקיים זיין.

דעם קרעטשמער האָט מען אין תפיסה באַלד איינגעזעצט. ווען מען האָט געמאַכט די חקירה ודרישה, האָט ער צוגעג־געבען, אַז ביי איהם איז צו יענער צייט ווירקליך אַ פערזאַמ־לונג געווען. עס איז ביי איהם אין שטוב אַ ברית מילה גע־ווען, און אויף דער סעודה איז געווען דער רב, דער חזן, דער

מוהל, דער שמש און נאך איייניגע מענשען, פון זיינע פריינד.
דאס האט נאך מעהר מעגליכקייט געגעבען די רשעים,
זיי זאלען מיט זייער בלוטיגען בלבול קענען אנגעהן.
מען האט צונויפגענומען די אלע לייט, אויף וועלכע
מען האט נאר געקענט די שטריק פון בלוטיגען בלבול פער־
ציהען און מען האט זיי געפייניגט און געמאטערט, זיי זאלען
זיך אויף זייער „פערברעכען" מודה זיין. מען האט זיי אזוי
עטליכע טעג נאכאנאנד געהאלטען אין איין פייניגען, און
י"ז אייר האט מען זיי אויף א שרעקליכען און ברוטאלען אופן
הינגעריכטעט. עס איז יעדר איינער פון זיי מיט א מיתה
משונה געשטארבען.
איינעם האט מען פערארטהיילט, מען זאל איהם לע־
בעדיגערהייד אויף שטיקער צושניידען. אנדערע האט מען
אוועקגעזעצט אויף סטויפעס, אויף דער שפיץ פון וועלכע
עס איז אין יעדען איינעם א שארפער אייזערנער פלאקען
אריינגעשטעקט געווען. צו די פיס האט מען זיי א שווע־
רע משא צוגעבונדען, וועלכע האט געשלעפט דעם גאנצען
גוף צו דער ערד, און עס האבען זיך דורך דעם ביי זיי די
געדערים פון בויך אויסגעגאסען. איינעם ווידער האט מען
מיט א שווערד דעם קאפ אראפגענומען.
צוויי אדער דריי, וואס האבען געזאלט הינגעריכטעט
ווערען, האבען זיך געלאזט אין לעצטען מאמענט איבעררעדען
פון די גלחים, זיי זאלען זיך שמד'ען. זיי — די גלחים —
האבען זיי צוגעזאגט, אז דורך דעם, וואס זיי וועלען אנגעה־
מען דאס קריסטליכען גלויבען, וועלען זיי שענקען זיי זייער
לעבען. די גלחים האבען אבער זייער ווארט ניט געהאלטען.
זיי זיינען אויסען געווען נאר די נשמות פון די אומגליקליכע
צו ראטעווען, אבער ניט זייער גוף. זיי האבען זיי געוואלט
מיט א חלק לעולם הבא פערזארגען, האבען זיי דעריבער צו־

געזאגט די קרבנות זייערע, אז זיי װעלען זיי זייער לעבען שענקען. נאכדעם אבער, װען זיי האבען דערגרייכט זייער צוועק, די קרבנות זייערע זאלען דאס קריסטליכע גלױבען אננעהמען, האבען זיי געהייסען, מען זאל אויך זיי — די גע׳שמד׳טע מארטירער — הינריכטען.

װען די אונגליקליכע האבען דאס דערזעהן, האבען זיי אויף זייער טהאט חרטה געהאט און מיט אלע כחות זייערע האבען זיי אנגעהויבען „שמע ישראל" צו שרייען.

נאר איינעם פון די, אויף װעלכע מען האט די שט־יק פון בלוטיגען בלבול פערװארפען, האט זיך איינגעגעבען זיין לעבען צו רעטען. דאס איז געװען דער רב פון זאסלאװ. ער איז אנטלאפען אין א דערבייאיגען שטעדטעל, װאס האט בעלאנגט צום דוכס טשארטאריסקי, און האט אזוי ארום אויסגעמידען דעם שרעקליכען טויט, װאס האט איהם אין זיין שטאדט ערװארטעט.

די דאזיגע שרעקליכע פאסירונג אין אידישען לעבען דאמאלס האט א געװאלדיגע װירקונג געהאט אויף דעם בעל שם. זי האט איהם א שטיק צייט אין א שרעקליך טרויערי־גער שטימונג געהאלטען, און ער איז דאמאלס שטענדיג פער־טיעפט אין מחשבות ארומגעגאנגען װעגען דער לאגע פון אי־דישען פאלק און װעגען שװערען גלות זייגעם.

דיעזע פאסירונג האט איהם נאך מעהר מיסטישער גע־נייגט געמאכט, און ער האט אנגעהויבען צו טראכטען דא־מאלס װעגען דעם „קץ". ער האט די אידישע לאגע דאמאלס בעטראכט אלס אזעלכע, װאס ערגער קען שוין גארניט זיין, און האט זיך אנגעהויבען ארומצוטראגען מיט געדאנקען, די גאולה פאר דעם אידישען פאלק צו ברענגען, צו בעפרייען איהם שוין אויף שטענדיג פון זיין טיעפען צער און טרויער. דיעזע אלע שטימונגען האבען זייער שארפען שטעמפעל

ארויפגעלעגט אויף זיין בעריהמטען בריעף, — אדער, ווי דובנאוו רופט איהם „מאניפעסט" — וועגען דער „עלית נשמה", וואס ער האט געהאט ראש השנה תק"ז. דיעזער בריעף איז א פראדוקט פון די שרעקליכע פאסירונגען, וואס זיינען אין יענעם יאהר אין אידישען לעבען פארגעקומען און פו דעם טיעפען מיסטיציזם, אין וועלכען דעם בעל שם איז אונטער זייער איינפלוס אריינגעפאלען.

אין בעצוג צום זאסלאווער בלבול געפינט זיך אין דיעזען בריעף די פאלגענדע שטעלע:

„און אט אזוי זיינען אויך שרעקליכע זאכען פארגעקומען בעוונותינו הרבים אין זאסלאוו. עס איז א בלבול אויסגע־טראכט געווארען אויף פיעלע אידען, און צוויי פון זיי האבען זיך גע'שמד'ט, און נאכדעם האט מען זיי גע'הרג'עט, און די איבעריגע האבען מקדש השם געווען מיט גרויסער קדושה און זיינען מיט „מיתות משונות" געשטארבען".

---

און אין אנקלאנג מיט דעם, ווי די אידען אין פוילען זיינען דאמאלס געזעלשאפטליך געשטעלט געווען, איז אויך דאן זייער עקאנאמישע לאגע געווען. אויב אין אלגעמיי־נעם אין די עקאנאמישע לאגע פון די אידען דארטען בעסער געווען, ווי די זעלבע איז אין ליטא געווען, אויב אין אלגעמיי־נעם האבען דארטען די אידען ניט אזוי שטארק פון ארימקייט אין דחקות געליטען, איז אבער דאך די עקאנאמישע לאגע ניט זיכער געווען. די אידען דארטען זיינען אין זייער מאטעריעלער עקזיסטענץ פערשידענע צופאלען און קאפריזען אונטערגעווארפען געווען. זיי האבען ניט גע־פיהלט קיין פעסטען עקאנאמישען באדען אונטער זייערע פיס. א גרויסער, גרויסער פראצענט פון דער אידישער בע־פעלקערונג דארטען האבען אין קליינע שטעדטלעך און דער־

פער געלעבט און האבען פון פריץ זייער חיונה בעדארפט ציהען. דער פריץ האט אבער צופיעל פעראכטונג צו זיין אידען געפיהלט און זיינע בעציהונגען צו איהם זיינען פון א צופיעל קאפריזנעם כאראקטער געווען. האט ער געוואלט — האט ער געלאזט דעם אידען זיינעם ציהען זיין חיונה נעבען איהם. האט זיך איהם אבער פערוואלט — האט ער ווידער אין איין מאמענט געקענט די גאנצע פאמיליע צוברעכען און פון דארף ארויסטרייבען. א סך אונזיכערקייט אין דער עקאָנאמישער אידישער לאגע האט אויך ארייגעטראגען דאס, וואס די אידישע ישוב׳ניקעס פלעגען אפט א ביטערע קאָנקורענץ אנפיהרען צווישען זיך. זיי פלעגען געהן צום פריץ און אנרעדען איינער אויפ׳ן צווייטען און אריינציאגען די ארענדע אין גרויסע געלדער.

האט דער בעל שם, אויף וויפיעל ער האט נאר געקענט, געסטארעט זיך אביסעל מעהר פערלייכטערען די לאגע פון אידישען מוכסן. ער פלעגט זיי עצות געבען, ווי אזוי זיי זאלען זיך מיט דעם פריץ בעגעהן און ווי אזוי זיי זאלען זיך מיט די פויערען האלטען. ווען עס איז נויטיג געווען, פלעגט ער אויך אליין צו דעם אדער יענעם פריץ געהן, פערזענליך איהם פאר דעם אדער יענעם אידישען ישוב׳ניק בעטען.

דערהויפט אבער האט ער געזעהן, די מיאוס׳ע קאָנקורענץ, וואס די ארענדאטארען האבען אנגעפיהרט צווישען זיך, צו פערניכטען. ער האט צו דיעזען צוועק זיין גאנצען מאראלישען איינפלוס אויסגעאיבט.

וועגען זיין טעהטיגקייט אויף דיעזען געביט צו יענער צייט איז אונז די פאלגענדע לעגענדע פערבליבען:

עס האט לעבען מעזשיבוזש א מוכסן געוואוינט. איז

אן אנדערער געקומען און האט געגעבען אן הוספה אויף דער ארענדא און האט זי ביים ערשטען אויסגעדונגען.

דער אלטער מוכסן האט אבער ניט געקענט דאס דארף פערלאזען. ער איז שולדיג געווען געלד דעם פריץ און ער האט ניט געהאט מיט וואס דעם חוב צו בעצאהלען. האט מען איהם דעריבער אין ערגעץ פון דארף ניט געלאזט ארויספאהרען.

האט זיך אין דער שטיל דער אונגליקליכער מוכסן צום בעל שם ארויסגעגנב'עט, ער זאל פון איהם הילף אין זיין גרויסער נויט בעטען.

האט דאן אויף איהם דער נייער מוכסן גע'מסור'ט צום פריץ, אז ער איז צו א מכשף געפאהרען בעטען איהם, אז ער — דער מכשף — זאל איהם — דעם פריץ — כשוף אבטהאן.

איז דער פריץ אין גרויס רציחה ארייגעפאלען, און האט דעם אלטען מוכסן'ס זוהן אין תפיסה פערשפארט.

און דער בעל שם איז דאמאלס געווען אבגעפאהרען פון מעזשיבוזש. ער איז דאן אין קאמינקא געווען.

איז איהם אהין דער מוכסן נאכגעפאהרען. ווען ער איז אבער אהין געקומען, האט ער שוין דארטען דעם בעל שם מעהר ניט געטראפען. ער האט שוין געהאט דאן קאמינקא פערלאזען.

איז דער מוכסן צוריקגעפאהרען און האט דעם בעל שם אויפ'ן וועג אנגעיאגט —

און האט פאר איהם זיין ביטער הארץ אויסגעגאסען. זאגט צו איהם דער בעל שם:

— וואס קען איך דא טהאן פאר דיר? לאמיר דער־וויל פאהרען ווייטער.

אין א קליינער ווילע ארום האט, פאהרענדיג, דער בעל

שם מיט זיינע ליכטיגע אויגען דערזעהן, אז דער פריץ האט דעם מוכסן'ס זוהן אין תפיסה פערשפארט.

האט ער זיך אנגערופען:

— יעצט איז קיין צייט ניטא צוווארטען.

איז ער צו א טייך צוגעגאנגען, און האט זיך דארטען גע'טובל'ט.

און ווען ער איז פון טייך ארויסגעגאנגען, האט ער זיך אנגערופען צום מוכסן:

— געה באלד אהיים. און באלד, ווי דו וועסט אין דארף אנקומען, זאלסט דו זיך צו דער פעסטונג לאזען.

האט ער געטהאן אזוי.

און ווי נאר דער פריץ האט איהם דערזעהן דורכ'ן פענסטער, איז אויף איהם א גרויסער פחד ארויפגעפאלען. ער האט מורא געהאט, ער זאל איהם ניט מזיק זיין מיט זיין כשוף. האט ער באלד זיין זוהן פון תפיסה ארויסגעלאזט און האט געשיקט צום קנעכט זיינעם, ער זאל דעם מוכסן מיט אלעם וואס ער פערמאגט פון דארף פערטרייבען.

נאכדעם האט דער פריץ געשיקט א בריעף צום מעזשי־בוזש'ער קאמיסאר, אין וועלכען ער האט דעם בעל שם אלס מכשף פער'מסר'ט. אנשטאדט אבער דער קאמיסאר זאל דעם בעל שם בעשטראפען, האט ער געשריבען צום גוט־בע־זיצער, ער זאל זיך בעסער מיט דעם בעל שם ניט איינרייסען. ווארום ער — דער בעל שם — איז ניט קיין מכשף, נאר א געטליכער מאן, און אלעס, וואס ער טהוט, טהוט ער עם מיט דעם כח פון הימעל.

נאך דיעזען בריעף וואס ער האט ערהאלטען, איז דער גוטבעזיצער פערזענליך צום בעל שם געקומען, און נאכהער האט ער א שעהנע מתנה דעם בעל שם געשיקט, — א גאנ־צען וואגען מיט פערשידענע מעהלען און עופות.

ב.

## דעם בעל שם'ס חבריא ווערט מיט איין וויכ־טיגען מיטגליעד וועניגער.

דעם בעל־שם'ס חבריא ווערט מיט איינעם וועניגער. — ר' גרשון קו־טאווער איז אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל. — זעקס יאהר האט ער געוואוינט אין חברון. — נאכהער איז ער געפאהרען אהיים זיך זעהן מיט זיינע חברים און אויסגעבען זיינע קינדער. — באלד נאכדעם האט ער זיך צוזאמען מיט זיינע קינדער צוריקגעקעהרט קיין ארץ ישראל. — די ירושלים'ער קהלה האט איהם יעצט ניט געלאזט פאהרען ווייטער. זי האט געוואלט, ער זאל וואוינען אין ירושלים. — ר' גרשון מיט דעם בעל שם האבען זיך יעצט פון דער־ווייטענס נאך מעהר ווי פריהער, ליעב געקראגען. — דער בעל שם האט קיין זאך פון זיין שוואגער אין זיינע בריעף ניט בעהאלטען.

און דערווייל איז דעם בעל שם'ס חבריא מיט איין וויכ־טיגער און גרויסער פערזענליכקייט וועניגער געווארען. ר' גרשון קוטאווער, דעם בעל שם'ס שוואגער, האט פערלאזט חוץ־לארץ און איז געפאהרען זיך בעזעצען אין ארץ ישראל.

אויסער דעם, וואס ר' גרשון איז א גרויסער גאון געווען, איז ער אויך געווען, ווי מיר האבען שוין געשריבען איינמאל, א גרויסער מקובל, און ווי די אלע גרויסע אידישע מקובלים האט אויך ער געגארט אין ארץ ישראל זיך בעזעצען. אין חוץ לארץ הערשט אומעטום, לויט דער קבלה, א רוח טומאה, ווערענד אין ארץ ישראל איז די לופט איבעראל מיט קדושה, טהרה און נבואה פול. אויסער דעם ליגען דארטען אויך די גרעסטע מקובלים בעגראבען, וואס זיינען ביי אידען גע־ווען, פון רבן שמעון בן יוחאי אן ביז צום האר"י הקדוש, און

עס שוועבען דאָרטען אי דער לופט די אַלע סודות און מיס־טעריען פון דער אידישער קבלה אַרום. זיין בענעהר צו קו־מען קיין ארץ ישראל איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז ווען ער איז, דערצעהלט מען, אום תשעה באב אָנגעקומען אַהין, האָט ער אין אַ ביטערען געוויין אויסגעבראָכען. און פון פיעל וויינען און קלאָגען איז ער עטליכע מאָל אין חלשות געפאַלען.

אין ארץ ישראל האָט מען ר׳ גרשון׳ען מיט גרויס כבוד אויפגענומען. אי די אשכנזים, אי די ספרדים האָבען זיך מיט איהם משמח געווען. די גרעסטע פערזענליכקייטען זיי־נען איהם אַנטקעגען אַרויסגעפאָהרען.

ר׳ גרשון האָט זיך בעזעצט אין חברון און האָט דאָרטען אַרום זעקס יאָהר געוואוינט אָהן דער פאַמיליע זיינער. ענד־ליך אָבער האָט ער זיך פערבענקט נאָך זיין פאַמיליע און נאָך זיינע חברים, וועלכע זיינען איהם ליעב און טהייער געווען, ווי זיין אייגענע נשמה. בעזונדערס האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך דעם שוואָגער זיינעם. ער שרייבט צו איהם אין איינעם פון זיינע בריעף פון יענער צייט: „מיין ליע־בער שוואָגער, דער פריינד פון מיין נשמה, וואָס איז מיר מעהר, ווי אַ ברודער נאָהענט. זאָלסט מיר צו פרידען דער־מאָנען. און די ליעבע רייד מיינע זאָלסט דו אָננעהמען פאַר אַ צייכען און סימן, דו זאָלסט אין מיר ניט פערגעסען, און זאָלסט מיר ביי דיר אין האַרצען איינגעקריצט האַלטען, וואָ־רום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליעבע מיינע צו דיר, שטאַר־קער און וואונדערבאַרער פון פרויען־ליעבע. און דו זאָלסט ניט דיין האַנד פערמאַכט האַלטען פאַר דיין ברודער, וואָס גאַרט צו טרינקען מיט דורשט דיינע זיסע רייד״ *).

*) אהובי גיסי, ידיד נפשי, דבק מאח לי, אה, אחיך תפקיד לשלום ואת עריבת לשוני תקח לך לאות ולמשמרת לבל תשכחני ושימני כחותם על לבך וכחותם על זרועך, כי עזה כמות אהבה, קשה ונפלאה יותר מאהבת נשים ואל תקמץ ידך מאחיך התאב לשתות בצמא את דבריך הנעימים.

ער האט דעריבער בעשלאסען פאהרען אהיים אויף א שטיקעל צייט זיך זעהן מיט זיינע פריינד און חברים און אויסגעבען זיינע קינדער מיט דעם תנאי, ער זאל זיי נאכ־דעם מיט זיך קיין ארץ ישראל מיטנעהמען.

און ער האט זיך ווירקליך באלד צוריק קיין ארץ ישראל אומגעקעהרט מיט זיין גאנצער פאמיליע.

ווען ער איז געקומען קיין ירושלים דאס צווייטע מאל זיינען צו איהם די פני פון שטאדט צוגעשטאנען, ער זאל ביי זיי אין ירושלים בלייבען. ר׳ גרשון האט דערויף איינגע־שטימט. האבען זיי זיך דאן אלע זעהר משמח געווען און האבען געשריען: „יחי המלך! יחי המלך!“ ר׳ גרשון האט זיך איינגעארדערט לעבען דער חברה יהודה חסיד. זיי הא־בען א בעזונדער בית מדרש געהאט, וועלכער האט זיך גערו־פען „מדרש חסידים“. ר׳ גרשון איז דארטען אן דער שפיצע פון דער „ישיבה“ געשטאנען ביז צו דער פטירה זיינער, אין די יאהרען תקי״ח—תקכ״ג.

---

און פונקט ווי אין אנהויב פון בעל שם׳ס טעטיגקייט איז ר׳ גרשון זיין גרעסטער געגנער געווען, אזוי איז ער יעצט זיין איבערגעבענסטער אנהענגער געווארען. אפילו, וואס אנבעלאנגט דעם פונקט פון סיגופים און תעניתים, האט ער, ר׳ גרשון, וואס האט דעם גרעסטען טהייל פון זיינע יאהרען געווייקט אין קבלת־האר״י, ביי וועלכער עס איז דער ענין פון פאסטען און מסגף זיין זיך דער הויפט־פרינציפ אין עבודת השם, דאך ענדליך אינגאנצען נאכגעגעבען.

ער האט דאן אליין צוגעגעבען, אז די אלע יאהרען פון זיין לעבען, אין וועלכע ער האט געדיענט גאט דורך פייניגען דעם גוף זיינעם, איז ער אויף א פאלשען וועג געגאנגען.

און די לעגענדע דערצעהלט פאלגענדעס:

ר' גרשון האט עטליכע מאָל געפאַסט פון שבת צו שבת. האט עס איינער פון זיין קרייז געזעהן און האט איהם נאָכ־טהון געוואָלט. האט ער אזוי לאַנג אין אזוינע תעניתים פערבראַכט, ביז ער איז פון אויסצעהרונג געשטאָרבען.

אין ר' גרשון געקומען איהם אויף דעם עולם האמת מלוה זיין. אויפ'ן בית־הקברות האט ר' גרשון א טאָפּע גע־טהאָן מיט גרוים כעס און האט אויסגעשריען צום מת אין דער אנוועזענהייט פון אַלע: „רשע, רשע! פאַר וואָס האסטו זיך מיט דיינע אייגענע הענד דער'הרג'עט? צו וואָס האסט דו זיך צו מיר פערגלייכט און האסט אויף זיך גע־נומען צו פאַסטען מעהר פון דיינע כחות?

אין ארץ ישראל האט ר' גרשון גרויס פרסום געמאַכט פאַר דעם בעל שם. ער האט דאָרטען זיין נאָמען בעריהמט געמאַכט.

דיין נאָמען — שרייבט ער צום בעל שם אין איינעם פון זיינע בריעף צו יענער צייט — איז שוין פון לאַנג אין די טויערען פון ירושלים בעוואוסט. די חכמים, וואָס געפינען זיך דאָ, האבען מיר געבעטען, אז איך זאָל דיר שרייבען און מזרז זיין, אז דו זאָלסט קומען אהער, צו בעזעצען זיך דאָ אויף שטענדיג. זיי גאַרען דיך פערזענליך צו זעהן. אין דעם זעלבען בריעף בעט ער איהם אויך, „ער זאָל איהם א „שטענדיגע" קמיע שיקען, ער זאָל ניט בעדאַרפען ביי איהם אַלע יאהר א נייע נעהמען".

טראָטץ דעם אבער, וואס ר' גרשון האט אזוי געגאַרט צו האָבען דעם בעל שם אין ארץ ישראל, טראָטץ דעם, וואָס ער האט איהם געבעטען, ער זאָל וואָס גיכער זיך בעזעצען דאָרטען, האט ער אָבער דאָך זעהר ווענינ אמונה געהאט, אז דער בעל שם וועט קיין ארץ ישראל קומען, ניט דערפאַר, נאַטירליך, וואס ער האט געדענקט, אז עס איז

ניט דעם בעל שם׳ס פערלאנג חוץ־לארץ צו פערלאזען. ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז אויך דער בעל שם אליין גארט מיט דער גאנצער נשמה זיינער אין ארץ ישראל צו לעבען. אויב ער האט דאך געצווייפעלט אין דער מעגליכקייט, דער בעל שם זאל קיין ארץ ישראל קומען, איז דאס געווען צוליעב אנדערע אורזאכען.

איך וויים דאך די טבע דיינע, — שרייבט ער צום בעל שם, — אז דו מוזט דאווגען אין דיין מנין. אויסער דעם, וויים איך, זיינען נאך אנדערע מניעות פארהאן. דעריבער האב איך מיך מיאש געווען פון דיין קומען קיין ארץ ישראל.

אויב אבער זיי האבען צוזאמען אין איין געזעלשאפט ניט געקענט לעבען, האבען זיי זיך אבער דאך גייסטיג צו־זאמען שטענדיג געפיהלט.

זיי פלעגן זיך זעהר אפט דורך בריעף איבערשרייבען. אויך דאס, וואס דער שוואגער זיינער האט אין ארץ ישראל געוואוינט, האט מיטגעבראכט דערצו, דער בעל שם זאל זיך צו איהם נאך מעהר ווי פריהער צו געבונדען פיהלען, ער זאל נאך מעהר טראכטען און דענקען וועגען איהם.

די לעגענדע דערצעהלט, אז דער בעל שם האט שטענדיג געהאט דעם שוואגער זיינעם אויפ׳ן אויג פאר דער גאנצער צייט, וואס ער האט אין ארץ־ישראל געלעבט. ער האט איהם שטענדיג געזעהן פאר זיך.

איינמאל, פרייטאג צו נאכטס ביים דאווגען, האט זיך דער בעל שם אנגערופען צו די מקורבים זיינע: „איך האב געזוכט ר׳ גרשון׳ען אין ארץ־ישראל און איך האב איהם ניט געפונען". אין דער פריה ביים דאווגען האט ער זיך ווידער אנגערופען צו זיי: „איך זעה יעצט ר׳ גרשון׳ען אין ארץ־ישראל".

נאכדעם איז דער ענין קלאהר געווארען.

ר׳ גרשון האט שבת געהאלטען אין עכו *), און דארטען זיינען „צוויי בתי־מדרשים פארהאן. איינער אין חוץ לארץ און איינער אין ארץ ישראל״. „האט ר׳ גרשון געדאווענט שבת, צו קבלת־שבת, אין בית־מדרש פון חוץ־לארץ און שבת אין דער פריה האט ער אין בית־מדרש פון ארץ ישראל געדאווענט״.

פון דערוויייטענס איז די ליעבע צווישען די שוואגערס נאך מעהר פערשטארקט געווארען. דער בעל שם האט יעצט פון זיין שוואגער גארניט בעהאלטען. אלעס, וואס האט איהם גליק און פרייד פערשאפט, אלעס, וואס האט איהם אונרוהיגקייט און גייסטיגע שמערצען פעראורזאכט, האט ער וועגן דעם אלעם אין זיינע בריעף צו זיין שוואגער געשרי־בען. ער האט איהם אלע זיינע פלענער און האפנונגען אנ־פערטרויעט. ער האט מיט איהם וועגען זיינע שטימונגען און געדאנקען גערעדט.

און אין יאהר תק״י האט דער בעל שם צו זיין שוואגער א בריעף געשריבען, וועלכע האט בשעתה די גאנצע חסיד׳ישע וועלט ווי אויף רעדלעך געהן געלאזט. דאס איז זיין בריעף וועגן זיין עלית נשמה אין ראש השנה פון יאהר תק״ז. דיע־זען בריעף בעצייכענט דובנאוו אלס דעם חסידישען מאני־פעסט. שטאלץ און דרייסט רעדט דארטען דער חסיד׳יזם מיט דעם מויל פון בעל שם וועגען זיינע שטרעבונגען און אויפגאבען. עס פיהלט זיך א מערקווירדיגער זיכערער טאן אין אלעם דעם, וואס דער בעל שם רעדט דארטען וועגען זיינע כחות און מעגליכקייטען דאס אידישע לעבען אויף זיינע וועגען צו פריהען.

---

*) עכו איז א גרעניץ־שטאדט צווישען סוריא און ארץ ישראל; ו׳עכענט זיך א טהייל פון איהר אלס ארץ ישראל און א טהייל אלס חוצה לארץ.

ביים ניסכיזשער צדיק איז געווען א חיוב דיעזען בריעף יעדען טאג צו לערנען. עס איז ביי איהם פארעכענט גע־ווען, פונקט ווי תפילין לעגען. און אנדערע צדיקים האבען אין איהם שמות געפונען, דורך וועלכע מען קען וויסען דעם סוד פו דער גאולה.

דיעזען בריעף האט דער בעל שם געשיקט צו זיין שוואגער דורך זיין תלמיד ר׳ יעקב יוסף, וועלכער האט זיך גע־קליבען פאהרען קיין ארץ ישראל. עס איז איהם אבער נים בעשערט געווען זיין וואונש צו פערווירקליכען, „און דער בריעף איז אין אונזערע הענד פערבליבען כדי מזכה צו זיין דורך איהם אונזער פאלק ישראל".

אין דיעזען בריעף שפיעגעלט זיך אב די גאנצע אינער־ליכע וועלט, אין וועלכער דער בעל שם האט געלעבט דא־מאלס. עס ליעגט אויף איהם דער שארפער שטעמפעל פון אלע זיינע שטימונגען און עמאציאנען צו יענער צייט און פון אלעם דעם, וואס האט דאמאלס אויף זיין הארץ גע־דריקט.

# דער בעל שם פאלט אין אלץ מעהר שטאר־ קערען מיסטיציזם אריין.

דער בעל שם האט אז עלית־נשמה געהאט. — האט דארטען אין הימעל משיח'ן געזעהן. — האט ער איהם געפרעגט: „ווען קומסט דו?" — דערויף האט איהם משיח געענטפערט, דאן, ווען די תורה זיינע — די תורה פון בעל שם — וועט איבעראל פערשפרייט ווערען. — מען האט איהם דערנאך פיעלע נייע סודות מגלה געווען. — האט ער זיך געבעטען, מען זאל איהם ערלויבען אייניגע פון זיי פאר זיין שוואגער מגלה זיין. — מען האט איהם אבער דערויף קיין ער־לויבניש ניט געגעבען.

דער מערקווירדיגער דאקומענט, וועגען וועלכען מיר האבען גערעדט אין פאריגען קאפיטעל, לייענט זיך ווי פאלגט:

צו מיין ליעבען שוואגער...

דיין ליעבען בריעף ערהאלטען... דארטען ווארט גע־זאגט, אז די אלע חדושים און סודות, וואס איך האב דיר געשריבען דורך דעם הרב המוכיח פון ק"ק פאלאנאה, האסט דו ניט ערהאלטען. האב איך דערפון זעהר גרויסען צער געהאט. ווארום דו וואלסט אודאי פיעל נחת געווען געהאט, ווען דו וואלסט געווען זיי ערהאלטען. אמת אפילו, אז דער־

*) לכבוד אהובי גיסי וכו'.
גי"ק קבלתי. שם נאמר, כי אותן החדושים והסודות, אשר כתבתי לך על ידי הרב המוכיח דק"ק פאלאנאה לא הגיעו לידך, וצער גדול היה

ווייל האב איך פיעלע פרטים פערגעסען. אייניגע פון זיי אבער, וואס איך גערענק נאך, וועל איך דיר דא בקיצור גדול שרייבען.

דעם ראש השנה פון תק"ז האב איך אן השבעה פאר אן עלית נשמה געמאכט, און איך האב וואונדערבארע זאַ־כען געזעהן און געלערענט, זייענדיג דארטען, עס איז גאר אונמעגליך אפילו פון מויל צו מויל אויסצודערצעהלען. ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט צום גן־עדן התחתון, האב איך געזעהן, ווי פיעלע נשמות, אהן א שיעור און אהן א צאהל, פון לעבעדיגע און טויטע מענשען, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפונען פיעלע, וואס איך קען זיי גוט ביי זייערע נעמען, לויפען אהין און אהער פון איין עולם צום צווייטען דורך דעם בעוואוסטען צו די יודעי חן זייל. און זייער לויפען איז מיט גרויסער פרייד געוועזן. עס איז גאר אונמעגליך צו בעשרייבען זי. און פיעלע רשעים האב איך געזעהן אין יענעם מאמענט חוזר בתשובה זיין און עס זיינען זייערע זינד פערגעבען געווארען. ווארום עס איז דאן א זעהר גרוי־סער עת רצון געוועזן, וועלכער האט אויך ביי מיר גרויס פערוואונדערונג ארויסגערופען. צווישען די, וואס זיינען דאן נתקבל בתשובה געווארען, האבען זיך געפונען אזוינע, וועלכע דו קענסט אויך. זיי האבען זיך אויך זעהר שטארק

---

לי גם כן על ידי זה, כי בודאי נהת גדול היה לך אם הגיעו לידיך. אמנם לעת עתה שכחתי כמה דברים מהם. אך פרטים מהם מה שאני זוכר אכתוב לך בקיצור גדול. כי בר„ה שנת תק"ז עשיתי השבעת עלית נשמה, כ י ד ו ע ל ך וראיתי דברים נפלאים במראה, מה שלא ראיתי עד הנה מיום עמדי על דעתי. ואשר ראיתי ולמדתי בהעלותי לשם בלתי אפשרי לספר ולדבר אפילו פה אל פה. אך בחזירתי לגן עדן התחתון וראיתי כמה נשמות החיים והמתים הידועים לי, ושמותם ידועים לי בלי שיעור ומספר ברצוא ושוב לעלות מעולם לעולם דרך העמוד הידוע ליודעי חן בשמחה רבה וגדולה אשר נלאה הפה לספר וכבד האזן הגשמי לשמוע. וגם רשעים רבים חזרו בתשובה ונמחל להם עוונותיהם באשר שהיה עת רצון גדול שגם בעיני יפלא מאד שכמה וכמה נתקבלו בתשובה,

משמח געוועז און זיינען אויך דורך אט יענעם לייטער נע־גאנגען.

די אלע נשמות האבען זיך געווענדעט דאן און זיינען צו מיר צוגעשטאנען מיט די פאלגענדע ווערטער: „גאט האט רום מעלתו און כבוד תורתו מיט בינה יתירה געבענשט צו פערשטעהן און צו בעגרייפען אזוינע ענינים. קום מיט אונז, דו זאלסט פאר אונז א שטיצע און א הילף זיין. און צוליעב דער גרויסער פרייד, וואס איך האב געזעהן צווישען זיי, האב איך געוואלט געהן מיט זיי. דערווייל האב איך דערזעהן, ווי דער ס״ם לאזט זיך מיט גרוים שמחה אויף אידען מקטרג זיין און האט זיין ארבייט געטהאן, עס זאלען גזירות שמד נגזר ווערען אויף פיעלע אידישע נפשות, זיי זאלען דורך מיתות משונות שטארבען. בין איך א דערציטערטער געווארען. איך האב מיר ממש מוסר נפש געוועזן; איך האב געבעטען דעם מורי ורבי — אחיה השילוני, אליהו׳ם רבי, — ער זאל געהן מיט מיר, ווארום זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, בין איך נאך אויף אזוינע הויכע מדרגות ניט געגאנגען. בין איך איין מדרגה נאך דער צוויי־טער געגאנגען, ביז איך בין אין היכל משיח אריינגעקומען, וואו משיח לערענט תורה מיט די אלע תנאים און צדיקים

---

שגם אתה ידעת אותם והיתה ביניהם גם כן שמחה רבה מאד ועלו גם כן בעליות הנ״ל. וכלם כאחד בקשו ממני והרצו בי עד בוש באמרם: לרום מעלת כבוד תורתך חנן ה׳ בבינה יתירה להשיג ולדעת מענינים האלה, עמנו תעלה להיות לנו לעזר ולסעד. ומחמת השמחה הגדולה, שראיתי בעיניהם אמרתי לעלות עמהם. וראיתי במראה, כי הס״ם עלה לקטרג בשמחה גדולה אשר לא היה כמוהו ופעל פעולותיו גזירת שמד על כמה נפשות שיהרגו במיתות משונות ואחזתני פלצות. ומסרתי ממש נפשי ובקשתי ממורי ורבי שילך עמי, כי סכנה גדולה לילך ולעלות לעולמות עליונים, כי מיום היותי על עמדי לא עליתי בעליות גדולות כמוהו ועליתי מדרגה אחרי מדרגה עד שנכנסתי להיכל משיח, ששם לומד משיח תורה עם כל התנאים והצדיקים וגם עם שבעה הרועים ושם ראיתי שמחה גדולה עד מאד ואיני יודע לשמחה מה זה עושה. והייתי

און אויך מיט די „שבעת הרועים". און איך האב דארטען א שמחה גדולה געזעהן. האב איך ניט געוואוסט, וואס איז דאס פאר א שמחה דארטען. האב איך געדענקט, אז די שמחה איז דערפאר, וואס איך געה פון דער וועלט אוועק. האט מען מיר מודיע געווען נאכדעם, אז איך וועל נאך ניט נפטר ווערען, ווארום זיי האבען הנאה אויבען דערפון, וואס איך ביז אונטען יחודים מיחד דורך דער הייליגער תורה. און ביז היינט וויים איך נאך ניט, וואס די גרויסע פרייד האט דאמאלס בעדייטעט.

נאכדעם האב איך געפרעגט משיח'ן: „ווען קומט דער האר?" האט ער מיר געענטפערט: 'דאס וועט דיר אלס סימן דיענען: ווען דיינע למודים וועלען אויף דער וועלט נתפרסם ווערען און דו וועסט נתגלה ווערען אויף דער וועלט און דיינע קוואלען וועלען פערשפרייטען איבעראל דאס, וואס איך האב דיר געלעהרענט און זיי וועלען משיג זיין דאס, וואס דו האסט משיג געווען, און זיי וועלען אויך יחודים און

---

סובר שהשמחה זו חס ושלום על פטירתי מהעלום הזה, והודיעו לי אחרי כך שאיני נפטר עדיין, כי הנאה להם למעלה, כשאני מיחד יחודים למטה על ידי תורותיהם הקדושות. אבל מהות השמחה איני יודע עד היום הזה. ושאלתי את פי המשיח: „אימתי אתי מר?" והשיב לי: בזאת תדע, בעת שיתפרסם למודך ותתגלה בעולם ויפוצו מעיונותיך חוצה מה שלמדתי אותך והשגת ויכלו גם המה לעשות יחודים ועליות כמוך, אז יכלו כל הקליפות ויהיה עת רצון וישועה. ותמהתי על זה והיה לי צער גדול באריכות הזמן כל כך, מתי זה אפשר להיות. אך ממה שלמדתי, בהיותי שם, שלשה דברים סגולות ושלשה שמות הקדושים והם בנקל ללמוד ולפרש, ונתקרר דעתי וחשבתי אפשר על ידי זה יוכלו גם כן אנשי גילי לבוא למדרגה כמותי, דהיינו, בהיותם יכולים לעליות נשמות וילמדו וישיגו כמוני. ולא ניתנה רשות כל ימי חיי לגלות זאת ובקשתי עבורך ללמד אותך ולא הורשתי לזו ומושבע ועומד אני על זה. אך זאת אני מודיעך והשם יהיה בעוזרך. לנוכח ה' דרכך ואל ילוזו ובפרט בארץ הקדושה: בעת תפלתך ולמודך וכל דבור ודבור ומוצא שפתיך תכוון ליחד שם, כי בכל אות ואות יש עולמות ונשמות ואלהות ועולים ומתקשרים ומתייחדים זה עם זה ואח"כ מתקשרים ומתיחדים האותיות ותענוג גדול לאין שיעור בהבינם בשמחת חתן וכלה בקטנות וגשמיות

עליות, ווי דו, קענען מאכען, דאן וועלען זיך אלע קליפות ענדיגען און עס וועט אן עת רצון וישועה זיין.

האב איך מיר זעהר פערוואונדערט דערויף און גרויסען צער געהאט דערפון, וואס עס בעדארף אזא לאנגע צייט נעהמען. ווען קען עס ערשט זיין? דערפון אבער, וואס איך האב געלעהרענט, ווען איך בין געווען דארטען, דריי סגולות און דריי שמות הקדושים, וועלכע עס איז גרינג אויסצולעהרנען און פערשטעהן, האב איך זיך בערוהיגט און האב זיך געטראכט, אפשר וועלען אויך דורך דעם די מענשען פון מיין דור צו דער אייגענער מדרגה, ווי איך, קומען; אויך זיי וועלען קענען עליות בשמות האבען און וועלען קענען לעהרנען און משיג זיין דאס אלעס, וואס איך בין משיג און לעהרען. מען האט מיר אבער קיין רשות נים געגעבען צו מגלה זיין דאס אלעס. האב איך געבעטען, מען זאל פאר מיר אן אויסנאהמע מאכען, איך זאל דיר די סודות מעגען איבערגעבען, האט מען מיר ניט ערלויבט. מען האט מיר בעשווארען, איך זאל עס ניט טהאן. דאס בין איך דיר אבער מודיע, און זאל דיר גאט זיין הילף געבען דו זאלסט אין זיינע וועגען געהן און זיי זאלען ניט קרום ווערען. בפרט נאך אין היילינגען לאנד. בשעת דו וועסט דאוונען און לעהרנען, מיט יעדעןווארט דיינעם, מיט אלעם דעם, וואס דו וועסט פון מויל ארויסברענ־

ונעשים תיבה ומתיחדים יחוד אמתי באלהות ותכלול נשמתך עמהם בכל בחינה ובחינה מהנ״ל ומיחדים כל העולמות כאחד ועולים ונעשים שמחה וכל שכן במעלה העליונה כזאת, ובודאי ה׳ יהיה בעוזריך, ובכל אשר תפנה תצליח ותשכיל. תן לחכם ויחכם עוד.

וגם התפללתי שמה על מה עשה ה׳ ככה ומה החרי הגדול הזה, על אשר נמסר להס״ם כמה נפשות להריגה ומהם כמה נפשות שנשתמדו ואח״כ נהרגו, ונתנו לי רשות לשאול את הס״ם בעצמו. ושאלתי את פי הס״ם: מה ראה על ככה ומה דעתו שימירו דתם ואחר כך נהרגין. והשיב לי, שכונתו לשם שמים. וכך היה בעוה״ר אח״ז שבק״ק זאסלאוו היה עלילה על כמה נפשות ושנים מהם המירו דתם ואח״כ הרגו אותם והשאר קדשו ש״ש בקדושה גדולה ומתו במיתות משונות. ואח״ז היו עלילות בק״ק

גען, זאלסט דו מכוון זיין א שם מיוחד, ווארום אין יעדען אות זיינען פיעל נשמה און געטליכקייט און עולמות גאנצע פארהאן און זיי שטייגען און פערבינדען זיך און זיינען זיך מתיחד איינער מיט דעם צווייטען. און נאכדעם פערבינדען זיך די אותיות און זיינען זיך מתיחד און זיי ווערען א ווארט און זיינען זיך מיט אז אמת'ן יחוד אין דער געטליכקייט מתיחד. זאלסט דו דיין נשמה כולל זיין מיט זיי און יע־דער פון דער אויבענדערמאנטער בחינה. און די אלע עולמות פעראייניגען זיך אלע צוזאמען און זיי שטייגען אלץ העכער און העכער. און עס ווערט א גרויסע שמחה איבעראל. גאט וועט אויף געוויס דיר צו הילף קומען, און אוואו דו וועסט זיך נאר קעהרען, וועסט דו מצליח זיין. גיעב דעם חכם, וועט ער נאך מעהר קלוגער ווערען.

און אויך האב איך דארטען מתפלל געווען: פאר וואס האט גאט געטהאן דאס אלעס? פאר וואס איז עס דער גרויסער צארן זיינער? פאר וואס איז דעם ס"ם איבערגעגע־בען געווארען אזוי פיעל אידישע נפשות, זיי זאלען אויס־

סוויטאווקי ובק"ק דונאוויץ, ואז לא המירו דתם אחרי ראותם מעשה הנ"ל דק"ק זאסלאוו, רק כלם מסרו נפשם על ק"ה וקדשו ש"ם ועמדו בנסיון. ובזכות זה יבוא משיח וינקום נקמתנו וכפר אדמתו עמו.

ובראש השנה תק"י עשיתי עליית נשמה, כידוע, וראיתי קטרוג גדול עד שכמעט ניתן להס"ם רשות לחרוב כללית מדינות וקהלות ומסרתי את נפשי והתפללתי: נפלה־נא ביד ה' ואל נפלא־נא ביד אדם. ונתנו לי רשות שיהיה תמורת זה חולשות גדולות ודבר מאד אשר לא היה כמוהו בכל מדינת פולין ושאר מדינות הקרובים לנו. וכך היה שנתפשטה החולשה עד למאד אשר אין לשער וגם הדבר בשאר מדינות, ונשאתי ונתתי עם החבורה שלי לומר קטורת בהשכמה לבטל הדיניז הנ"ל. וגילו לי מן השמים: הלא אתה ברית לך בעצמך „נפלה נא ביד ה' וכנ"ל", ולמה אתה רוצה לבטל. והלא אין קטיגור נעשה וכו'. ומאז לא אמרתי קטורת ולא התפללתי על זה. רק בהושענא רבא הלכתי לביה"כ עם כל העולם על ידי כמה השבעות מחמת פחד גדול ואמרתי פעם אחת קטורת, כדי שלא יתפשט הדבר לסביבותינו וכך עלתה בידינו בעז"ה וכו'.

**ישראל בעש"ט מק"ק מעזיבוז.**

גע'הרג'עט ווערען, און צווישען זיי געפינען זיך אויך אזוינע, וואס האבען זיך גע'שמד'ט, און נאכדעם האט מען זיי גע־הרג'עט, און די איבעריגע האבען מקדש השם געווען מיט גרויס קדושה און זיי זיינען מיט מיתות משונות געשטארבען. און נאכדעם זיינען בלבולים געווען אין סיוואטאווקי און אין דונאיעוויץ. דארטען אבער האבען זיי זיך שוין קיינער ניט גע'שמד'ט, נאכדעם וואס זיי האבען געזעהן דעם סוף, וואס די משומדים פון זאסלאוו האבען געהאט. אלע האבען זיי זיך געלאזט אויף קידוש השם מוסר נפש זיין און זיי זיינען דעם נסיון בייגעשטאנען. און בזכות זה וועט קומען אונזער משיח און ער וועט פאר אונז נקמה נעהמען, וכפר אדמתו עמו.

און אין ראש השנה תק"י האב איך, כידוע, אן עלית־נשמה געהאט און איך האב א גרויסען קטרוג געזעהן, אז עס איז שיער ניט ערלויבט געווארען, ער זאל גענצליך חרוב מא־כען א סך מדינות און קהלות און איך האב מיך מוסר נפש געווען און געבעטען: לאמיר בעסער אין די הענד פון גאט ארייגפאלען איידער ארייגצופאלען אין די הענד פון מענשען. האט מען מיר מבטיח געווען, אז יענע גזירות וועלען פערבי־טען ווערען אויף גרויסע קראנקהייטען און עפידעמיען, וואס אזוינע זיינען נאך קיינמאל ניט פארגעקומען, ניט אין דער מדינה פון פוילען און ניט אין די איבעריגע מדינות, וועלכע זיינען נאהענט פון אונז. און אזוי איז געווען. די „חולשה" האט זיך זעהר פערשפרייט. גאר אהן א שיעור. און אזוי איז דאס אויך פארגעקומען אין אנדערע מדינות. האב איך אנגעהויבען קלעהרען און טראכטען מיט דער חבורה מיינע וועגען זאגען „קטורת בהשכמה", צו מבטל זיין די „דינין". האט מען מיר מגלה געווען פון הימעל: דו האסט דאך פאר זיך אליין די ברירה אויסגעקליבען, אז דו ווילסט, איהר זאלט אין די הענד פון גאט ארייגפאלען, טא וואס־זשע ווילסט

דו יעצט מבטל זיין ? א קטיגור קען דאך קיין סניגור ניט ווערען. איז פון דאמאלס אן האב איך מעהר קיין קטורת ניט געזאגט און איך האב וועגען דעם מעהר ניט מתפלל געוועז. הושענא רבא נאר בין איך געגאנגען אין שוהל אריין צוזאמען מיט דעם גאנצען עולם דורך פיעלע השבעות צוליעב גרויסען פחד און איך האב איינמאל קטורת געזאגט, כדי עס זאל זיך ניט פערשפרייטען די עפידעמיע אין אונזער געגענד. און אזוי האט זיך אונז בעזרת השם יתברך איינגעגעבען צו פערטרייבען זי פון אונז.

נאום ישראל בעש"ט מק"ק מעזיבוז.

אין דיעזען מאניפעסט אבער הערט זיך ניט נאר די עכא פון זיין אייגענעם גלויבען אין די גרויסע כחות זיינע, הימעל און ערד צו צווינגען, צו זיין ווארט זיך צוהערען, נאר אויך פון דעם גרויסען גלויבען אין איהם פון דעם גאנ־צען קרייז זיינען. אויך זיי האבען ניט וועניגער, ווי ער, געגלויבט, אז דער בעל שם איז בכח די אידישע גאולה צו ברענגען, און אז די דאזיגע גאולה קען קומען דורך דעם, וואס דעם בעל שם׳ס שיטה זאל צווישען פאלק נתפרסם ווע־רען, דורך דעם, וואס דאס אידישע פאלק וועט אנהויבען איבער דעם בעל שם׳ס וועגען צו געהן.

און אייניגע פון זיינע תלמידים האבען דערויף א רמז אין דער תורה געפונען.

אויף דעם פסוק „ובני ישראל יוצאים ביד רמה" מאכט דער תרגום אונקלס: „בריש גלי". האבען זיי דיעזע שטע־לע אויף פאלגענדען אופן פערטייטשט: „בריש", האבען זיי געזאגט, איז די ראשי תיבות פון רבי ישראל בעל שם. דער תרגום מיינט אלזא צו זאגען. אז ווען רבי ישראל בעל שם וועט ווערען גלי, ווען זיין תורה וועט נתגלה ווערען, ווען

דאס וואסער פו זיינע קוואלען וועט זיך ווייט און ברייט פונאנדערשפרייטען — דאן וועלען די אידען אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

און איניגע פון זיי זיינען נאך ווייטער אין זייער גלויבען אין בעל שם געגאנגען. זיי האבען געגלויבט, אז דער בעל שם אליין וועט עם דער צוגעזאגטער משיח זיין. און אפילו נאך דעם טויט פון בעל שם האבען זיי פון איהם דעם משיח־מאנטעל ניט אראבגענומען. זיי האבען געגלויבט, אז דער בעל שם „וועט נאך אמאל אויף דער וועלט זיין און וועט מיט א סך מדרגות גרעסער זיין צווישען די אידען, ווי עס איז פריהער געוועזן" *).

וואס פאר א מיינונג זיינע תלמידים זיינען וועגען זיינע תורות געוועזן, זעהט מען אויך דערפון, וואס די תלמידים זיינע האבען זיך אנדערש ניט געקענט פארשטעלען, נאר, אז אויך אין הימעל שטעלט מען מויל און אויערען אן זיינע תורות צו הערען.

„יעדען שבת קודש, האבען זיי דערצעהלט, דרש'עט דער בעל שם חידושים און רזין דאורייתא אין דער מתיבתא דרקיע. און בשעת שלש סעודות דרש'עט ער דיעזע חידושים פאר דעם עולם". די אלע היכלות זיינען פאר איהם אפען: יעדען מאל געהט ער אריין און ארום אין היכלא דדוד מלכא און אין היכל פון קץ צפור. דארטען אויפ'ן הימעל הערט מען, וואס ער רעדט, און די מלאכי מעלה קומען צו איהם און רעדען מיט איהם. און איינמאל, צוליעב דער סיבה פון דער עלילה פון ק"ק פאוולאוויטש האט דער בעל שם מתפלל געווען מיט א זעהר פערביטערט הארץ קבלת שבת און מערב. איז

*) דער בעל שם אליין האט דערויף מרמז געווען, זאגענדיג, אז אויב משיח וועט ניט קומען, וועט ער „מוזען" נאכאמאל אויף ד ע ר וועלט קומען.

דורך דעם א גרויסער רעש אין גן עדן געווארען און מען האט אנגעהויבען צו לויפען אין די אלע היכלות, ווי פון א פייער. איז באלד ארוים א קול פון הימעל: מען זאל גיך דעם בעל שם בערוהיגען און די טרעהרען זיינע איינשטילען".

ה.

# די געזעלשאפט אין אויסלאנד געגען דעם בעל שם.

די געגנערשאפט פון „נודע ביהודה" און ר׳ חיים סאנצער צום בעל שם. — זיי האבען גערופען אן אסיפה פון רבנים אין בראד, דעם בעל שם אין חרם אריינצוּוואַרפען. — דער בעל שם האט דאס דערפיהלט, האט ער געשיקט ר׳ וואלף קיצים קיין בראד, ער זאל זייער פלאן צו נישט מאכען. — אויף אן אסיפה פון ועד ארבע הארצות האט מען געשיקט רופען דעם בעל שם. — דארטען האט מען איהם געפרעגט, ווי איז דער דין וועגען דעם, ווען איינער פערגעסט יעלה ויבוא זאגען. — דערויף האט זיי דער בעל שם געענטפערט, אז דער דין איז אינגאנצען אן איבעריגער. — ער פערגעסט קיינמאל סיי ווי ניט. — זיי, ווידער, די רבנים, ווען זיי זאלען אפילו נאכאמאל זיך שמונה עשרה שטעלען, וועלען זיי ווידער אמאל פערגעסען יעלה ויבוא צו זאגען.

צוזאמען דערמיט אבער, וואס דעם בעל שם׳ס איינפלוס איז א בעדייטענדער פאקטאר אין אידישען לעבען געווארען, צוזאמען דערמיט, וואס דיעזער איינפלוס איז וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר שטארקער געווארען — צוזאמען דערמיט האט אויך אט די נייע שיטה זיינע און די נייע וועגען זיינע, איבער וועלכע ער האט געוואלט דאס אידישע פאלק פיהרען, א גרויסע געגנערשאפט אנגעהויבען געגען זיך ארויס־צורופען. אויף דעם ברייטען און פרייען וועג, וואס האט זיך פאר דעם בעל שם׳ס איינפלוס געעפענט, האט ער זיך דא און דארטען אויך אין שטארקע פעלזען געמוזט אנשלאגען.

אממעהרסטענס האבען א גרויסע געגנערשאפט ארויס־געוויזען צום בעל שם די בעריהמטע גאונים ר׳ יחזקאל לאנדא, דער נודע ביהודה, און ר׳ חיים סאנצער.

און עס זיינען אויך וועגן דעם די פאלגענדע צוויי לע־
גענדען פערבליבען:

דער נודע ביהודה — דערצעהלט די ערשטע לעגענדע —
און ר' חיים סאנצער האבען געשריבען צום גאון ר' חיים
בנימין הכהן ראפאפארט, אז ער זאל צו א בעשטימטען טאג
קיין בראד קומען וועלען זיי דריי מיט נאך איניגע גדולים
פון דער גרויסער קלויז דק"ק בראד ארייגווארפען דעם בעל
שם אין חרם.

האט דער בעל שם דערפיהלט דאס אלעס.

האט ער זיך פערשטעלט אלס אן ארימאן און האט
זיך אויך אהין אוועקגעלאזט.

אויפ'ן וועג האט ער בעגעגענט ר' חיים בנימין'ען. האט
דער בעל שם זיין וואגען אבגעשטעלט און געבעטען דעם גאון,
ער זאל איהם מיט זיך נעהמען.

דער רב האט איהם ערלויבט זיך אוועקזעצען. דער
בעל שם האט באלד אנגעהויבען צו רעדען מיט דעם רב וועגען
פערשידענע נארישע זאכען, און ער האט דורך דעם ביי
ר' חיים'ען אין די אויגען אויסגעזעהען, ווי א משוגע'נער, און
ער האט איהם אין די אויגען אויסגעלאכט".

האט דער בעל שם זיך אנגערופען צו איהם:

— וואס לאכט איהר? די חז"ל האבען דאך געזאגט, אז
איינער האט א טעות אין „אתה חונן", זאל ער א גאנצע וואך
פערזארגט ארומגעהן.

איז דער גאון זעהר איבערראשט געבליבען. דער בעל
שם האט איהם צוגעטראפען. ער האט זיך דערמאנט, אז
מוצאי שבת קודש האט ער זיך ווירקליך ביי דער מעריב־שמונה־
עשרה אין דער ברכה „אתה חונן" טועה געווען.

האט זיך דער רב דאן אנגערופען צו איהם:

— זאג דעם אמת, ווער ביזט דו ?

האט איהם דער בעל שם געענטפערט :

— איך בין עס דער, צוליעב וועמען דער רב איז זיך עס יעצט אומזיסט און אומנישט מטריח. מעלת כבודו זאל וויסען זיין, אז איך בין ברוך השם ניט קיין בטלן, איך בין א יודע נסתרות. אונזערע וועגען, די חסיד׳ישע וועגען, זיינען פערהיילען פון אייך. מעלת כבודו זאל זעהן, אייערע לייט זאלען זיך אהיים צופאהרען, ווארום מעלת כבודו וועט חס ושלום חרטה האבען, ווארום עס וועט ניט מיר און ניט אייך דערפון א טובה ארויסקומען.

און אזוי איז עס טאקי געווען.

ר׳ חיים איז געקומען קיין בראד און האט געהייסען די פערזאמעלטע רבנים זיך צופאהרען אהיים. ער האט זיי ניט געלאזט אויספיהרען דעם געדאנק, וואס זיי האבען פערטראכט.

און א צווייטע לעגענדע דערצעהלט פאלגענדעס וועגען דעם.

דער בעל שם טוב האט דערפיהלט, אז גאר נאהענט וועט זיין א גרויסע אסיפה פון רבנים אין בראד, זיי זאלען איהם מחרים זיין. האט ער געהייסען ר׳ וואלף קיצים, ער זאל געהן קיין בראד. ער האט איהם אבער ניט געזאגט, צוליעב וואס ער שיקט עס איהם אהין.

איז ר׳ וואלף אוועקגעפאהרען אהין און האט זיך אבגעשטעלט אין א דארף נעבען בראד, דארטען איבערצונעכטיגען. האט ער געזעהן, ווי דער בעל האכסניא איז געווען זעהר בעשעפטיגט מיט הכנות, חשוב׳ע געסט אויפצונעהמען.

אויף ר׳ וואלף׳ס פראגע האט איהם דער בעל האכסניא געענטפערט, אז פיעלע רבנים, מיט א בעריהמטען רב פון לעמבערג אן זייער שפיצע, בעדארפען קומען אהער.

האט ר׳ וואלף געגומען זיין טארבע און האט זיך אוועק־געזעצט אין א ווינקעל אין קיך הינטער דער הרובע, און נאכ־דעם, ווי ער האט עפעס איבערגעביסען, איז ער איינגעשלא־פען.

אין מיטען שלאף האט זיך ר׳ וואלף אויפגעכאפט צו־ליעב דעם גרויסען טומעל פון די רבנים, וועלכע זייגען דא־מאלס אנגעקומען און האבען זיך אוועקגעזעצט ביי די טישען, אין עסען און טרינקען צו פערברענגען.

ווען די אלע רבנים זיינען אוועקגעגאנגען שלאפען, האט ר׳ וואלף אנגעהויבען אבצוריכטען חצות. האט דער הויפט־רב, וועלכער איז נאך אין בעט ניט געלעגען, דאס קול פון הינטער דעם אויווען דערהערט, און איז צוגעגאנגען אהין, האט ער געזעהן, ווי עס זיצט אן ארימאן אויף דער ערד און ריכט אב חצות.

— ווער ביזט דו?

— אן ארימאן.

— וואוהין פאהרסט דו?

— קיין בראד.

— געלערענט תנ״ך?

— יא.

— האסט דו פיעל תורה געלערענט?

— יא.

און דערווייל האבען זיי צווישען זיך א לומד׳ישען שמועס פערפיהרט.

דער רב איז נבהל ונשתומם געווארען פון ר׳ וואלפ׳ס חריפות. ער האט פאר זיך א „צנא דמלא ספרא" דערזעהן.

גאנץ פריה האט ר׳ וואלף זיין שטעקען און טארבע גענומען און איז אין בית המדרש געגאנגען. ארום צוועלף אזייגער האבען זיך די רבנים פערזאמעלט און זייגען אין

דער גרויסער קלויז געקומען, און דער רב, דער אב בית דין, איז אויך צווישען זיי, צו מחרים זיין דעם בעל שם. א שטיק צייט איז אוועקגעגאנגען. עס איז שוין נאך אלע הכנות געווען און דער ראש הרבנים האט נאך אלץ געשוויגען. צו־לעצט האט ער זיך אנגערופען צו די רבנים:

— איך וויים, אז עס געפינט זיך דא היינט א גרעסערער תלמיד חכם פון מיר. טאר איך קיינעם אין חרם ניט אריינ־לעגען, אויב ער וועט דערצו ניט מסכים זיין.

האט מען אנגעהויבען צו זוכען ר' וואלף'ן. ערשט אין א צייט ארום האט מען איהם געפונען אין שוהל הינטערן בית המדרש און מען האט איהם אין קלויז געבראכט. דאר־טען איז ער אלזא ערשט געוואהר געווארען, ווער די געסט זיינען עס געווען, און צוליעב וואס זיי זיינען עס איז בית המדרש געקומען.

האט ער דאן אויף זיך זיינע קליידער צוריסען און האט אויף א הויך קול אנגעהויבען צו שרייען:

— וואס ווילט איהר טהאן? איך בין דאך דער קלענסטער פון בעל שם'ס תלמידים.

און דער חרם איז אזוי ארום בטל געווארען.

און נאך א לעגענדע דערצעהלט פאלגענדעס:

אויף איינער פון די אסיפות פון די ד' ארצות האט פאר־געלעגט דער בעריהמטער רב און נגיד ר' אברהם אבא, מען זאל רופען צו דער אסיפה דעם בעל שם און פארהערען איהם.

ווען ער איז געקומען אהין, האבען די רבנים צו איהם די פאלגענדע ווערטער געזאגט:

לויט דער הנהגה דיינער זעהט מען, אז עס רוהט אויף דיר א רוח הקודש. אנדערע זאגען אבער, אז מעלתו איז אן עם הארץ, ווילען מיר דעריבער דיר פערהערען, צו דו וויסט עפעס א דין. און דאס איז פארגעקומען אום ראש חודש,

האבען זיי איהם געפרעגט, ווי איז דער דין, אויב איינער האט פערגעסען ביי שמונה עשרה יעלה ויבוא צו זאגען.

האט זיי דערויף דער בעל שם א מערקווירדיגען ענט־פער געגעבען:

— ווער בעדארף עס, — האט ער צו ר' אברהם אבא'ן געזאגט, — נאר אינגאנצען אט דעם דין. ניט איך בעדארף איהם און ניט איהר בעדארפט איהם. איך וויל זיכער קיינ־מאל ניט פערגעסען יעלה ויבוא צו זאגען, און מעלתו אפילו, ווען ער וועט זיך שטעלען נאכאמאל די שמונה עשרה זאגען, וועט ער ווידער אמאל פערגעסען.

נאטירליך, איז די גאנצע געשיכטע ניט מעהר, ווי א לעגענדע. אויב אפילו עס איז אמת, אז מען האט דעם בעל שם צו איינער פון די אסיפות פון דעם ועד ארבע הארצות גערופען, ער זאל דארטען דין וחשבון פאר די רבנים אבגעבען וועגען זיין נייער שיטה און זיין נייער תורה, וואס ער האט אנגעהויבען צווישען פאלק פערשפרייטען, איז זיך דאך שווער פארצושטעלען, אז דער גאנצער עקזאמען זאל געווען בע־שטעהן נאר אין דעם, זיי זאלען איהם פרעגען א דין, וואס אפילו א חדר־אינגעל בעדארף איהם וויסען. עס שפיגעלט זיך דאך אב אין דיעזער לעגענדע די גרינגשעצענדע בעציהונג, מיט וועלכער מען האט זיך אין געוויסע רבנ'ישע קרייזען צום בעל שם בעצויגען דערפאר, וואס ער האט ניט אויסגע־שריען זיין גרויסקייט אין נגלה. די רבנים, הייסט עס, האבען גארניט געפונען פאר נויטיג צו צערעמאניען זיך מיט דעם בעל שם פיעל און האבען איהם א פשוט'ען דין געפרעגט.

ניט וועניגער איז דיעזע לעגענדע כאראקטעריסטיש צו־ליעב דער שארפער פעפערדיגער תשובה, וואס דער בעל שם האט די רבנים געגעבען. זיי האבען איהם מיט נגלה־נאדלען געשטאכען, האט ער זיי צוריק געשטאכען מיט נסתר־נאדלען.

# די געגנערשאפט צו איהם אין זיין אייגענע געגענד.

**א שוואכער אבקלאנג פון דער געגנערשאפט צום בעל שם אין אויסלאנד, האט פאר זיך אויך ארום דעם בעל שם׳ס טעריטאריע פלאץ גע־פונען. — אונטער דעם איינפלוס פון גרויסען אויטאריטעט פון „נודע ביהודה" איז דער בעל שם פון צייט צו צייט אויף זיין אייגענעם באדען בעקעמפפט געווארען. — דער דאקומענט וועגען דעם חרם, וואס מען האט אויף דעם בעל שם אין אוסטראה ארויפגעלעגט. — דער וועג, ווי דער בעל שם האט אויף די זלזולים פון זיינע געגנער געענטפערט. זיי ווילן איהם אין חרם אריינלעגען, און ער האלט זיך זיי אין איין ערקלעהרען אין ליעבע שטענדיג.**

און א שוואך עכא פון דער נעגנערשאפט צום בעל שם אין אויסלאנד, האט אויך ארום דער געגענד וואו דער בעל שם האט געוואוינט אבגעקלונגען.

אמת, אין מעזשיבוזש אליין און אין דער סביבה ארום האט דער בעל שם קיין מתנגדים ניט געהאט. אין מעזשי־בוזש איז געווען דאמאלס דער ראש אב בית־דין, דעם בע־ריהמטען גאון, ר׳ חיים הכהן ראפאפארט׳ס אן אייניקעל, דער גאון ר׳ דוב בער ראפאפארט. ער האט מיט דעם בעל שם זעהר פריינדליך אין א זעהר שטענדיגען שלום געלעבט. אויך די רבנים און גאונים פון די ארומיגע שטעדט האבען גרויסען רעספעקט און גרויסען כבוד דעם בעל שם אבגעגעבען, און פיעלע פון זיי זיינען זיינע תלמידים געווען. אין די „שאלות ותשובות" „מים חיים" געפינט זיך א שאלה צום גרויסען

גאון ר׳ מאיר, ר׳ יעקב עמדין׳ס א זוהן. דיעזע שאלת־תשובה ווערט בעשטעטיגט פון בעל שם, וועלכער שרייבט זיך דארטען אונטער: נאום ישראל בעל שם מטלוסט". טיטולירט דעם עמדינער׳ס זוהן דעם בעל שם אין זיין תשובה אויף יענער שאלה מיט פאלגענדע ווערטער: „אלוף ביהודה ובישראל עושה חיל קטן וגדול שם הוא. ממציא מזור ותרף לגבר אין איל. גדול הוא בששך ושם לו ברקת וגבר בכל, ה"ה הרב המופלג המפורסם בש"ט מו"ה ישראל נ"י *).

עס איז אונז אבער דאך פערבליבען א דאקומענט פון יענער צייט, וועלכער זאגט עדות, אז דער בעל שם האט אויף א געוויסער געגנערשאפט זיך אנגעשטויסען אויך אויף — אדער ריכטיגער: ארום — זיין אייגענער טעריטאריע. טראץ דעם, וואס די ברייטע שיכטען פון פאלק האבען איהם פערגעטערט און פערהייליגט, טראץ דעם, וואס אויך די איידישע קהלות פון יענע שטעדט, ארום וועלכע דער בעל שם האט געוואוינט האבען אלס גאנצע ארגאניזמען דעם אויטאריטעט פון בעל שם אנערקענט, האט אבער דאך דער גרויסער אויטאריטעט פון די גרויסע גאונים אין אויסלאנד, וועלכע האבען דעם בעל שם בעקעמפפט מיטגעבראכט דערצו, עס זאלען זיך דא אדער דארטען איינצעלנע פערזאנען געפינען, פאנאטיקער, וועלכע זאלען פון צייט צו צייט אין דער אדער יענער פארם אויף דעם בעל שם אנפאלען.

אין דעם דאקומענט, וועלכען מיר האבען ערשט דערמאנט ווערט דערצעהלט, אז די אידישע קהלה אין אסטראה,

*) א הויפט אין יהודה, האט ערפאלג צווישען ישראל. אוואו גרויס און קליין, דארטען איז אויך ער. ברענגט היילונג און רפואות צו שוואכע מענשען. ער איז גרויס אין ששך און האט א נאמען אין רקת און איז אימער א מאן, הרב המופלג המפורסם בעל שם טוב מוה"ר ישראל נרו יאור.

וואהלין, האט דעם בעל שם אין חרם אריינגעלעגט, און לעזט זיך, ווי פאלגט *):

„צו דער פאהן פון אידישען פאלק... די ראשים, וואס זיינען די פיהרער פון זייערע קהלות... עס הערט זיך א טומעל און א רעש פון דער פרעהליכער שטאדט... דא זיי־נען פיעלע גדולים אין תורה געווען... אונזער הערה, דער ראש פון כל בני הגולה, דער מהרש״א ז״ל... און יעצט א, פון גארנישט לאנג, אלע פריהמארגען קומען נייע אן, שטארק אין זייער גלויבען אין אלעס... און ווי מיר האבען עס מיט אונזערע אויגען געזעהן, עס האבען איהם געזעהן אונזערע מענשען און כל ישראל האט דעם שלעכטען און הפקרות׳דיגען מענשען געזעהן אין ווידערשפעניגקייט און פעלשונג, גא, רשע און לץ איז דער נאמען זיינער... פיעלע קרבנות האט ער אומגעבראכט מיט זיין גלאטען צונג, די נאראנים, וואס גלויבען אין אלעס, לויפען איהם נאך און האבען ליעב זיינע פוסטע רייד. און אט דער שלעכטער מענש ימח שמו, דער עוכר י ש ר א ל, אמאל זאגט ער, אז ער קומט פון ק״ק

---

*) אל אצילי בני ישראל... רוזני מנהיגי עדתם... הן קול שאון מעיר העליזה... כאן היו רבים בתורה... אדוננו רשבבה״ג המרש״א ז״ל... ועתה מקרוב בא חדשים לבקרים, רבה אמונתם מאמינים לכל דבר... וכאשר בעינינו ראינו, ראוהו ב״ב וכל ישראל את האיש רע ובליעל במרד ובמעל, זד יהיר לץ שמו... רבים חללים הפיל בחלקלקות פיו, עד שהפתאים המאמינים לכל דבר ירוצו אחריו ומחבבים דבריו דברי רוח. וזה איש רע ימ״ש עוכר י ש ר א ל, פעם אומר שהוא מק׳ שקלאוו, ופעם אומר שהוא מק׳ שוואטש. והנה כי בא פה לקהלתנו פעמים דרש פה ופיו הכשילו בדברי שוא ותפל עד שחששנו לו מחטאת פן נזרקה בו מינות וחפשנו אחריו ומצאנו כי... רשע הוא ומתפאר בשטותו, כי נביא שכור הוא ומשתגע... ופה נתגלה קלונו אשר אכל ושתה והשתכר בתוך היא״צ וכל דבריו רוח ושוא... ונתעטף לבנים... טמא טמא יקרא עד שקנאינו קנאת ה׳ צבאות ואנחנו לומדי תורת ה׳ החרמנו ונדינו בכל חומר את האיש רע ובליעל ישראל ימ״ש הנ״ל. בכן, בכל מקום שדברינו מגיעים, מי אשר ירא וחרד לדבר ה׳, יתן מקום לדברינו אלה... כתרוהו, רדפוהו, החרימוהו, יבדל מקהל הגולה, חפשוהו במטמונות וימצא מלא תוך מרמה ואפיקורסות.

שקלאוו און אמאל זאגט ער, אז ער קומט פון ק"ק שוואטש. און ער איז געקומען אהער צו אונזער קהלה. צוויי מאל האט ער דא גע'דרש'עט, און זיין מויל האט איהם געשטרוי־בעלט מיט נארישע און זינלאזע רייד, אז מיר האבען זיך פאר זינד געשראקען, צו איז ער ניט פון אפיקורסות אנ־געשטעקט. האבען מיר נאכגעזוכט נאך איהם און מיר האבען אויסגעפונען, אז... ער איז א רשע און בעריהמט זיך מיט זיינע שטותים, ווארום ער איז א נביא ש י כ ו ר און פיהרט זיך אויף, ווי א משוגע'נער... עס האט זיך דא זיין שאנדע ארויסגעוויזען. ער האט געגעסען און געטרונקען און האט זיך אנגע'שכור'ט, ווען ער האט יאהרצייט געהאט. און אלעס, וואס ער רעדט, איז שוא ושקר... ער האט זיך אין ווייסען אנגעטהאן... טמא, טמא — בעדארף מען איהם רו־פען. האבען מיר זיך אנגענומען קנאת ה' צבאות, און מיר, לומדי תורת ה', האבען מחרים און מנדה געווען אויף דעם הארבסטען אופן דעם איש רע ובליעל, ישראל ימח שמו, הנ"ל. בכן ווילען מיר, אז אומעטום, וואו אונזערע רייד וועד לען אנקומען, יעדער איינער, וואס האט מורא און ציטערט פאר גאט'סווארט, זאל פלאץ פאר אונזערע רייד געבען... רינגעלט איהם ארום, יאגט איהם נאך, לעגט איהם אין חרם אריין, זאל ער אבגעשיידט ווערען מקהל הגולה. זוכט איהם גוט ארום וועט ער זיך ארויסווייזען איבערפילט מיט פאלש־קייט און אפיקורסות".

דובנאוו צווייפעלט אין דער עכטקייט פון דיעזען דא־קומענט. ער דערלאזט די מעגליכקייט, מיר זאלען דא פאר זיך א געפעלשטען דאקומענט האבען. ר' מענדעל ביבער, דער גרויסער אויטאריטעט, וואס אנבעלאנגט דער געשיכטע פון אסטראה, געהט אין זיין בריעף צו א. ש. הארארעצקי, וועגען דעם נאך ווייטער. ער איז זיכער, אז דיעזער דא־

קומענט ענטהאלט אין זיך ניט קיין היסטארישען אמת, אז ער איז געפעלשט איינגאנצען. ער בעגרינדעט דיעזע מיינונג דערמיט, וואס אין פאלק זיינען ניט פערבליבען קיינע לעגענדען אזוינע, וואס זאלען עהנליך זיין אין זייער אינהאלט אויף אלעם דעם, וואס ווערט אין אט יענעם דאקומענט דערצעהלט. פערקעהרט, אין אסטראה טראגט זיך ארום א לעגענדע, אז איינמאל איז דער בעל שם אהין אום ערב שבת אנגעקומען, איז איהם די גאנצע שטאדט אנטקעגען געגאנגען און האבען איהם מיט גרוים כבוד אויפגענומען. ער האט דאן נאך האלבען טאג מנחה געדאווענט און האט אויך באלד מקבל שבת געווען.

נערעכט איז אבער דאך ש. א. האראדעצקי ווען ער גלויבט, אז מען קען דאך אט יענעם בריעף אלס היסטארישען דאקומענט בעטראכטען. ווארום עס איז מעגליך, אז עס האבען זיך דאן איינינע פאנאטישע לומדים געפונען, וואס האבען געשריעבען דיעזען בריעף אויף זייער אייגענער אחריות. עס האט זיך, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, א גאנץ שוואכער אבקלאנג צו דער געגנערשאפט צום בעל שם אין אויסלאנד אויך אויף זיין אייגענעם באדען פערטראגען. אויב עס איז ניט מעגליך געווען, דער בעל שם זאל געווען קענען ביי זיך אין דערהיים אויף אן ארגאניזירטער און שטארקער געגנערשאפט זיך אנשטויסען, איז דאך מעגליך צו דערלאזען, אז איינינע פערזאנען, זייענדיג בעאיינפלוסט פון דער געגנערשאפט צום בעל שם פון אזא גרויסען גאון, ווי דער „נודע ביהודה" איז געווען, זאלען האבען געווען אנפאלען אויף איהם אין דעם אדער אין יענעם מאמענט.

---

סיי ווי אבער איז די גאנצע געגנערשאפט צום בעל שם, ווען ער האט געלעבט, אפילו אין אויסלאנד פון א זעהר

שוואכע כאראקטער געווען און האט לאנג ניט אנגעהאל־טען. אין פערגלייך מיט דעם פייערינען קאמפף, וואס האט זיך ארום דעם חסידיזם צופלאקערט נאך דעם בעל שם'ס טוידט, איז די געגנערשאפט צום בעל שם ביי זיין לעבען אפילו קיין שוואכער פונק ניט געווען.

מיט זיין טאקטיק, מיט דער ארט און ווייזע, ווי ער האט זיך צו זיינע שונאים און געגנער בענומען, האט ער אונמעג־ליך געמאכט, עס זאל זיך געווען קענען ביי זיין לעבען נאך א שטארקער קאמפף געגען חסידיזם צופלאקערען. אויך אין די מאמענטען, ווען ער איז ביטער פון זיינע שונאים בע־קעמפפט געווארען, אויך דאן זעהען מיר די מערקווירדיגע כאראקטער־שטריכען פון זיין גרויסער פערזענליכקייט אין זייער פולען גלאנץ פאר אונז ארויסטרעטען. אויך דאן, ווען זיינע שונאים האבען אין איהם זייערע פיילען געציעלט, האט ער, ווי אין די אלע מאמענטען אין זיין לעבען, זיין גלייכ־גילטיגקייט, זיין רוהיגקייט ניט אנגעווארען. ער האט געקענט זיינע עמאציאנען קאנטראלירען. ער האט געקענט אבטהיי־לען דאס סוביעקטיווע פון דעם אביעקטיווען, דאס פערזענליכע פון דעם אלגעמיינעם. ער האט זיך ניט אין זיינע אידעען און אנשויאונגען פערלארען. ער האט שטענדיג געהאט פאר זיינע אויגען די ציעלען און צוועקען, וואס ער האט זיך אין לעבען געשטעלט. ער האט דעריבער געקענט בלייבען ניט אויפגערעגט אויסהערענדיג די אלע זלזולים, וואס האבען זיך אויף איהם פון מויל פון זיינע שונאים נעשאטען. מען האט איהם פון געדולד ניט געקאנט ארויסברענגען. ער האט זיך וועגען זיין אייגענעם כבוד גאר וועניג געקימערט. מיט דער פולסטער שלימות האט ער דערגרייכט אט יענע מדרגה, צו וועלכער ער הייסט יעדען איינעם שטרעבען, ווען ביים מענ־שען ווערט אלעם איינס, צו מענשען זידלען איהם אדער זיי

ליבען איהם. ניט וועגען זיך האט ער אין די אלע מא־מענטען פון זיין לעבען געטראכט: ער האט שטענדיג גע־טראכט נאר וועגען דעם וואוקס פון דער בעוועגונג, וואס ער האט בעשאפען.

עס האט איהם ארויסגעהאלפען א שארפען קאמפף גע־גען זיך אויסצומיידען, דאס, וואס ער איז א גרויסער פסיכאלאג און מענשען־קענער געווען, וואס ער האט די אלע פערשידענע וועגען און מיטלען געוואוסט, פאר זיינע ער־ווארבענע פאזיציאנען אין לעבען צו קעמפפען. ניט נאר האט ער זיינע פריינד און אנהענגער אונטער א געוויסען היפנאז געקענט האלטען, נאר אויך זיינע שונאים און געג־נער. אויב ער האט זיי אין פריינד און אנהעננער ניט גע־קענט פערוואנדלען, האט ער אבער מיט זיין האלטען זיך נעגען זיי, מיט דער גאנצער טאקטיק זיינער, ווי ער האט רע־אגירט אויף זייערע אנפאלען, דאך געקענט זייער כעס שטי־לען און אונשעדליך מאכען זיי פאר דער בעוועגונג, וואס ער האט בעשאפען. זיי שטעהען און שליידערען איהם שווע־רע שטיינער אין קאפ, און ער בעשיט זיי אונאויפהערליך מיט קאמפלימענטען. זיי ווילען איהם אין חרם ארייגלעגען און ער האלט אין איין זינגען לויב־געזאנגען פון זייער כבוד וועגען.

דער נודע ביהודה — האט זיך דאמאלס דער בעל שם וועגען זיין געגנער אויסגעדריקט — פערמאגט נאר א גאנץ נייע נשמה, וועלכע איז נאך קיינמאל אויף דער וועלט ניט געווען. זי איז אויפ׳ן הימעל געלעגען בעהאלטען, ביז ער איז אויף דער וועלט געקומען. א צווייטען מאל האט ער געזאגט וועגען איהם, אז א גאנץ דריטעל פון דער וועלט עק־זיסטירט און לעבט אין זיין זכות.

און אויף ר׳ חיים סאנצער האט ער געזאגט בדרך הלצה, אז ער איז א געוואלדיגער שקרן: „ווי קען ער עס זאגען

אלע טאג „אשמנו“, ווערענד איך וויס, אז ער האט אויף זיין לעבען ניט געזינדיגט קיינמאל. ער האט אויף איהם אויך געזאגט, אז ער פערמאגט א ניצוץ פון ר' יוחנן בן זכאי.

געגען א געגנער, וואס קעמפפט צוריק מיט אזא מאד־נעם כלי־זין איז אונמעליך גיפטיג צו זיין. ער צווינגט דיר, דו זאלסט אליין מיט דיינע אייגענע הענד דאס פייער פון דער מחלוקת אויסלעשען. וואס פאר א ביטער געפיהל זיי האבען ניט געמעגט פיהלען צו די נייע דרכים, וואס דער בעל שם האט געפרעדיגט, וואס פאר א פראטעסט די שיטה זיינע האט ניט געמעגט ארויסרופען ביי זיי, האבען זיי אבער דאך געמוזט בעוואונדערען די גרויסע מאראלישע פערזענליכקייט פון דעם טרעגער זייערען. זיי האבען גע־מוזט זייער קאפ בויגען פאר דעם גוואלדיגען כח זיינעם. וואס ער איז בעזעסען, צו קענען קאנטראלירען זיך, צו קע־נען בלייבען רוהיג און גלייכגילטיג אפילו דאן, ווען די שונאים זיינע ציעלען אין איהם די שארפסטע פיילען זייערע. דער אופן, ווי ער האט זייער קאמפף געגען איהם אויפגע־נומען, דאס, וואס ער האט מיט קיינע זלזולים אויף זייערע זלזולים ניט געענטפערט, האט געמוזט אויף זיי, ווי וואסער אויף פייער ווירקען. צוליעב איהם האבען זיי דעריבער אויך געגען דער שיטה זיינער א שארפען און לאנגדויערענדען קאמפף ניט געקענט אנפיהרען. ניט דער זכות פון זיין תורה האט אויף איהם מגין געווען, נאר, פערקעהרט, זיין זכות האט אויך אויף דער תורה זיינער מגין געווען.

ג.

# זיינע געגנער צווישען זיינע אייגענע קרייזען.

די געגנערשאפט פון ר' יצחק דראהוויטשער און ר' נחמן קאסאווער צום בעל שם. — דורך דעם מלאך, וואס איז ממונה אויף די מחשבות פון מענשען, האט דער בעל שם צוטומעלט ר' יצחק'ס געדאנק. — ר' יצחק מיינט אויף פרייטאג, אז עס איז ערשט דאנערשטאג, און לאזט זיך אין וועג אריין. אין מעזשיבוש האט ער זיך זיין טעות דערוואוסט, און האט דארטען געמוזט שבת האלטען. — אין דאן צווישען איהם און בעל שם שלום געווארען. — ר' יצחק דראהוויטשער האט איינמאל בעשווארען די מלאכים אין הימעל, זיי זאלען דעם בעל שם ניט פאלגען. — שבת בייטאג איז איינמאל דעם בעל שם'ס נשמה ארויף אין הימעל. — האט איהם דארטען זיין געשטארבענער פריינד ר' נחמן קאסובער אנגעהויבען צורעדען, ער אזל שוין דארטען אויף שטענדיג בלייבען און לאזען זיין גוף טויט אויף דער ערד. — ער האט שוין דערויף שיער ניט איינגעשטימט. — פונקט אין דעם מאמענט האט איהם זיין פרוי פון שלאף אויפגעוועקט.

עס האבען זיך אבער אויך אין די קרייזען, וואס זיינען אמנאהענטסטען צום בעל שם געשטאנען, אויך אין די קרייזען, וועלכע האבען זיך שטענדיג אין חסידות און קבלה געווייקט, נאך אלץ איניגע פערזענליכקייטען געפונען, וואס האבען א לאנג־דויערענדע געגנערשאפט צום בעל שם ארויסגעוויזען.

און, נאטירליך, איז זייער געגנערשאפט צום בעל שם ניט געווען פון דעמזעלבען שארפען כאראקטער, פון וועלכען עס איז די געגנערשאפט פון די רבנים געווען צו איהם. נאטירליך, איז זי אויך ניט געווען צוליעב די זעלבע מאטיווען, צוליעב וועלכע זיי — יענע רבנים — האבען דעם בעל שם

בעקעמפפט. יענע האבען געוואלט דעם בעל שם אלס מסית ומדיח בעטראכטען, וועהרענד די האבען נאר אין זיין הייליגקייט און גרויסקייט ניט געוואלט גלויבען. ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, איז ער נאך אויך אין דיעזער שפעטערער תקופה פון זיין טעטיגקייט פון מענשען, וואס האבען צוזאמען מיט איהם צו איין לאנגער בעלאגגט, בעקעמפפט געווארען. אויך דאן נאך האבען זיך געפונען עטליכע עקשנים צווישען די גרויסע חסידים און מקובלים, וואס האבען נאך אלץ ניט געוואלט דעם בעל שם אנערקענען, וואס האבען זיין אויטאריטעט ניט געוואלט אננעהמען.

די גרעסטע צווישען דיעזע געגנער פון בעל שם זיינען געווען: ר' יצחק דראהוויטשער און ר' נחמן קאסאווער. דער בעל שם האט געדארפט פיעל ארבייטען, ביז ער האט ענדליך אויך זיי פאר זיך ערווארבען, ביז ער האט, ענדליך, אויך זיי פון געגנער און שונאים אין זיינע תלמידים און חברים פערוואנדעלט.

ר' יצחק דראהוויטשער האט געוואוינט אין אסטראה און ער איז געווען איינער פון די עשרה בטלנים אין בית מדרש פון בעריהמטען נגיד ר' יוזיפעל אסטראהער. נאכהער איז ער געווארען מגיד אין שוהל פון דעם זעלבען ר' יוזיפעל. עס זיינען וועגען איהם פיעלע לעגענדען אין פאלק געבליבען. דער בעל שם האט וועגען איהם געזאגט, אז מען האט איהם געגעבען פון הימעל א זעהר קליינע נשמה, אז עס איז, כמעט, נאך א צווייטע צו איהר, זי זאל זיין ווי די ערשטע קליין, אין יענעם דור ניט געווען. ער האט אבער אזוי לאנג איבער זיך געארבייט, ביז ער האט די נשמה זיינע צו דער מדרגה פון דער נשמה פון הייליגען תנאי רבן שמעון בן יוחאי דערהויבען.

איז דיעזער ר' יצחק דראהוויטשער די גאנצע צייט

א גוואלדינער געגנער פון בעל שם געווען. די אלע מיטלען, וואס דער בעל שם האט אנגעווענדעט, ער זאל איהם אין זיין קרייז אריינברענגען, זיינען אהן ערפאלג געבליבען. אויף וויפיעל דער בעל שם האט איהם גוואלדיג געשעצט, זעהען מיר דערפון, וואס די לעגענדע דערצעהלט, אז דער בעל שם איז געפאהרען צו איהם, איהם משמש זיין. בעדינענדיג איהם, דערצעהלט ווייטער די לעגענדע, האט ער איהם געבראכט א גלאז קאפע און נאכדעם ווי ר׳ יצחק האט אויסגעטרונקען די קאפע, האט גענומען דער בעל שם די לעדיגע גלאז און אוועקגעטראגען זי צוריק אין קיך אריין. ווען מען האט איהם געפרעגט, צו וואס ער האט דאס געטהאן, האט ער גע־ענטפערט, אז „דאס אומקעהרען פון דער לעפעל אין דער עבודה פון בית המקדש, יום כפור, איז אויך פאר איינע פון די עבודות פעררעכענט געווען“.

ר׳ יצחק האט ניט געהאלטען פון בעל שם דערפאר, וואס ער האט קמיעות געשריבען. און די לעגענדע דערצעהלט, אז ער האט בעשווארען די מלאכים אין הימעל, זיי זאלען דעם בעל שם׳ס פערלאנג ניט ערפילען. האט זיך געמאכט, אז צו יענער צייט האט דער בעל שם געהאט פאר זיך א זעהר וויכטיגען ענין צו ערלעדיגען. ער האט זיך אבער ניט גע־קענט העלפען, ווארום עס זיינען פון איהם אלע מדרגות אב־גענומען געווארען. האט ער פערשטאנען, אז דאס האט עס איהם ר׳ יצחק אזוי אבגעטהאן. צום גליק אבער האט ר׳ יצחק אין איילעניש פערגעסען צו בעשווערען דעם מלאך, וואס איז ממונה אויף די מחשבות פון מענשען. האט ארום יענער צייט ר׳יצחק דראהוויטשער דורך מעזשיבוזש בעדארפט דורכפאהרען. האט דער בעל שם דורך דעם מלאך, וואס איז דער ממונה אויף די מחשבות פון מענשען, ר׳ יצחק׳ס געדאנק מבלבל געווען. אין אן ערב שבת בייטאג האט זיך

איהם געדאכט, אז עס איז ערשט דאנערשטאג געווען, און ער האט זיך אין וועג ארייגעלאזט. ערשט אין מעזשיבוזש איז ער דורך א צופאל געוואהר געווארען, אז ער האט זיך ערב שבת אין וועג געלאזט. ער איז געצוואונגען געווען צו בלייבען אויף שבת אין מעזשיבוזש און איז געגאנגען אין בעל שם׳ס שוהל דאווענען, און אזוי ארום איז צווישען איהם און בעל שם שלום געשלאסען געווארען.

א צווייטע לעגענדע דערצעהלט פאלגענדעס:

יעדער נאכט פלעגט ר׳ יצחק באלד איינשלאפען אויף זיין געלעגער נאכדעם, וואס ער האט געהאט דעם „בידך אפקיד רוחי" אבגעזאגט. טאמער פלעגט אבער טרעפען, אז ער האט ניט געקענט איינשלאפען באלד, האט ער עס אנגענומען אלס סימן, אז ער האט עפעס אויף אן עבירה עובר געווען, און ער האט דעריבער פאר דעם שלאף נאך תשובה געטהאן. האט זיך איינמאל געמאכט, אז ער האט ניט געקענט איינשלאפען, האט ער איבערגעווידירט אלעס, וואס ער האט פאר דעם טאג אבגעטהאן. ער האט אבער אין אלעם דעם קיין עבירה ניט געקענט געפינען, אויסער דעם, וואס ער איז געשטאנען צווישען א חברה לצים, וועלכע האבען פון בעל שם ליצנות געטריבען, און ער האט געשוויגען און האט ניט פראטעסטירט. איז ער באלד אוועקגעפאהרען צום בעל שם און עס איז צווישען זיי שלום געווארען.

אויך דער צווייטער, ר׳ נחמן קאסאווער, איז א גוואלדיגער געגנער פון בעל שם געווען. פונדעסטוועגען פלעגט איהם פערדריסען שטארק, ווען ער האט געהארכט, ווי די אנשי שלומו רעדען אויף דעם בעל שם.

ער פלעגט זיי וועגען דעם פאלגענדען משל ברענגען:

צוויי גרויסע שררות האבען א קרוין פאר דעם קעניג

געמאכט. צו ענדע האט אויסגעבראכען צווישען זיי א מחלוקת, ווי אזוי מען זאל אין איהר דעם בעסטען שטיין איינזעצען. האבען זיך געפונען מענשען פון פאלק, וואס האבען אנגעהויבען אז אנטהייל נעהמען אין דער מחלוקת. די האבע געזאגט, אז דער שר איז גערעכט און אנדערע האבען דעם צווייטען גערעכט אבגעגעבען.

האבען זיך דאן די שררות בייז צושריען אויף זיי, זא־גענדיג דערביי צו זיי:

מילא, אויב מיר קריעגען זיך וועגען דעם, ווייסען מיר כאטש גוט די גרויסקייט פון קעניג. עס ווייזט זיך דעריבער יעדען איינעם פון אונז אויס, אז לויט זיין גרויסקייט בע־דארף אזוי און אזוי זיין. וואס ווייסט איהר אבער וועגען אלעם דעם?

און דאס זעלבע איז אויך בנוגע דעם נמשל.

איהר בעדארפט זיך ניט מישען. אונזער מחלוקת איז אן אלטע מחלוקת, די איינגענע מחלוקת, וואס איז געוועזן צווי־שען שאול און דוד המלך, און נאכדעם צווישען הלל און שמאי. ווי קענט איהר אלזא אין דעם אלעם אייערע קעפ אריינ־ברענגען?

די געגנערשאפט פון ר׳ נחמן קאסאווער צום בעל שם איז אזוי גרויס געווען, אז איינמאל האט זיך דער בעל שם אנגערופען: „דער רב מוהר״ן רודפ׳ט מיר. ער וויל מיר הרג׳ענען״. נאטירליך, איז דיעזע פראזע מעהר ניט, ווי א גוזמא געווען. זי בעווייזט אבער דאך, אז ר׳ נחמן האט ביטער געגען בעל שם געקעמפפט, אזוי, אז ווי פארנעביג דער בעל שם האט ניט געקענט זיין, ווי ער האט זיך ניט שטענדיג ביז צו גאר אנגעשטרענגט, ער זאל אפילו די גרעס־טע שונאים זיינע מיט זיידענע הענדשקעס בעהאנדלען, האט ער דאך ניט געקענט גאר איינגאנצען דערשטיקען אין זיך

דאס געפיהל וואס האט איהם בעהערשט, כאטש אירגענד־וועלכע נקמה זעהן אין ר׳ נחמן׳ען.

איינמאל, דערצעהלט אונז די לעגענדע, איז דער שם געוואהר געווארען, אז ר׳ נחמן פאהרט ערגעץ. איז ער אויך באלד איהם נאכגעפאהרען, כדי זיי זאלעןביידע אויף איין אכסניא זיך געפינען. און אזוי ווי ער — דער בעל שם — וועט נאך דעם מוהר״ן קומען, וועט ער דעם לעצטענס אורח הייסען, און דער מוהר״ן וועט ניט האבען קיין פיש אויף שבת, וועט ער דורך דעם חרפת־פנים האבען.

ענדליך אבער האבען אויך זיי צווישען זיך שלום גע־שלאסען.

און אויף פאלגענדען אופן — דערצעהלט אונז די לעגענ־דע — איז דאס פארגעקומען:

ר׳ נחמן האט זיך איינמאל אנגערופען צום בעל שם:

— ישראל, איז דאס אמת וואס דו זאגסט, אז דו ווייסט די געדאנקען פון די מענשען?

האט איהם דער בעל שם געענטפערט:

— יא!

— טא זאג־זשע מיר, וועגען וואס טראכט איך יעצט. — האט זיך דאן צו איהם ר׳ נחמן אנגערופען.

— אויב דו וועסט קאנצענטרירען דיין געדאנק אויף איין זאך, וועל איך דאן וויסען. — איז דערויף דעם בעל שם׳ס ענטפער געווען.

האט ר׳ נחמן געטהאן אזוי.

האט דער בעל שם זיך דאן אנגערופען צו איהם:

— דו האסט יעצט דעם שם „הויה" ביי דיר אין גע־דאנק.

זאגט צו איהם דאן דער מהר״ן:

— וואס איז דער וואונדער, וואס דו האסט געטראפען, איך בעדארף דאך שטענדיג וועגען גאט טראכטען.

— יא. — האט איהם דער בעל שם געענטפערט — ווי־פיעל אנדערע שמות זיינען אבער פאראן. דו וואלסט דאך געקענט געווען איינעם פון די אלע אנדערע אויסקלייבען.

האט דאן דער מהר"ן געדעכט געגעבען דעם בעל שם, און נאכדעם האבען זיי איז געשפרעכען וועגען פערשידענע סודות־התורה פרבראכט.

און פון דאן אן זיינען זיי גרויסע ידידים און אוהבים פערבליבען.

און אויך נאך דעם טויט פון ר' נחמן איז זייער פריינד־שאפט נים איבערגעריסען געווארען. איך דאן נאך פלעגען זיי דענקען און טראכטען איינער וועגען דעם אנדערען.

איינמאל, אין א שבת בייטאג נאכ'ן עסען — דערצעהלט די לעגענדע — איז דער בעל שם זיך געגאנגען צולעגען, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען. אין א שטונדע ארום האט מען דעם בעל שם שרייען דערהערט. זיין פרוי איז צו איהם אויף דער גיך צוגעלאפען און האט איהם פון שלאף אויפ־געוועקט. האט ער זיך צו איהר אין א פאר מינוט ארום אנגערופען:

— דו האסט זעהר גוט געטהאן, וואס דו האסט מיך פון שלאף אויפגעוועקט. ווען ניט, וואלט איך געווען גע־שטארבען.

און ער האט דאמאלס צוזאמענגערופען די „חבריא" און האט זיי דערצעהלט, וואס מיט איהם איז פארגעקומען.

„איהר ווייסט דאך, — האט ער זיין ערצעהלונג אנ־געהויבען, — אז אלע שבת ביי דער שטילער שמונה־עשרה ביי מוסף, ווען מיין נשמה געהט דורך יחודים אויפ'ן הימעל ארויף, ווייזט מען מיר די עולמות העליונים און איך זעה,

ווי די הייליגע נשמות זיצען און פערברענגען בישיבה של מעלה און זיינען עוסק אין דער פרשת התורה און אין סודות העליונים. מען ערלויבט מיר צו הערען און צו לערנען דאר־טען און אלעם איבערגעבען נאכדעם אויף דער וועלט, צו די מענשען פון מיין דור. אין דער תורה, וואס איך זאג ביי שלש סעודות, גיב איך איבער אביסעל פון דעם אלעם, וואס איך לערען דארטען. זיינען שוין פיעלע יאהרען ביי מיר אוועקגעגאנגען אין בענקעניש צו זעהן דעם פריינד מיי־נעם, דעם אויסדערוועהלטען פון גאט, ר' נחמן קאסאווער און צו וויסען, וואס ער טהוט אויף דעם עולם הנצחי. איך האב אבער אלץ דעם געליעבטען פון מיין נשמה ניט גע־קענט געפינען. האב איך געבעטען אין די יחודים מיינע, מען זאל ארויפברענגען די נשמה מיינע צום פלאץ, אוואו ר' נחמן געפינט זיך. מען האט אבער מיין פערלאנג ניט ערפילט. עס איז קיין ערלויבעניש ניט געגעבען געווארען.

האב איך געבעטען גאט דאמאלס, ער זאל מיר מזכה זיין צו זעהן דעם צדיק. דערויף האב איך א תשובה געקרא־נען, איך זאל אזוינע יחודים, ווי ער, מאכען. האב איך עס היינט די יחודים געמאכט. האב איך, ווי א שרעקליכע זע־הונג געזעהן. איך בין אויף א נייעם פלאץ אין די עולמות העליונים אנגעקומען. אין מיין לעבען האב איך אזוינע שעהנע בנינים ניט געזעהן, געבויט פון גאלד און גינגאלד און פון טייערע שטיינער פון נופך און ספיר געשניטען. אין די אלע פאלאצען האבען זיך פיעלע הונדערטער בתים מדרשים געפונען, וועלכע זיינען אונגעהויער גרויס געווען אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך.

און די אלע בתי־מדרשים זיינען פול מיט תלמידי־חכמים געווען. יעדער איינער האט ווי א מלאך אלהים אויס־געזעהן, און זיי האבען תורה געלערענט, יעדער איינער מקרא,

משנה, גמרא און אגדה. און צווישען זיי זיינען לומדים מופלגים געווען, וואס האבען די סודות התורה געלערענט. אייניגע האבען געזאגט תהלים, שירות ותשבחות אין די טוי־זענדער און צעהנדליג טויזענדער אין די אלע בתי מדרשים. בין איך שטארק דערשראקען געווארען פון דעם גרויסען טומעל, ווארום די קולות האבען זיך זעהר ווייט און ווייט גע־טראגען.

האב איך געפרעגט:

— צו וועמען בעלאנגען עס אט דיעזע אלע טייערע אוצרות?

האט מען מיר געענטפערט:

— צום חסיד, דער געליעבטער פון גאט, דער הייליגער ר׳ נחמן קאסאווער.

און אז איך בין צו זיין מחיצה צוגעקומען, האט ארום איהם אן עדעלער און רויטער פלאם־פייער געברענט. אזוי, אז די אויגען מיינע האבען די גרויסע העלקייט ניט געקענט אויסהאלטען און איך בין שיער ניט בלינד געווארען. נאכ־דעם האב איך איהם פנים אל פנים געזעהן, האט ער אויס־געזעהן, ווי א מלאך אלקים, זעהר שרעקליך, אנגעטהאן אין ווייסען, און האט געשיינט, ווי דער הימעל. און אויפ׳ן קאפ האט ער א טלית געטראגען, וואס האט געגלאנצט און גע־לויכטען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען.

האב איך זיך צו איהם אנגערופען:

— צו וועמען געהערט עס אט דיעזער גאנצער אוצר פון הייליגע נשמות? ווער זיינען עס אט יענע אלע הייליגע חברים?

האט ער מיר געענטפערט:

— ברודער, דאס זיינען די נשמות, וואס איך האב מתקן געווען ביי מיין לעבען. צווישען זיי זיינען פיעלע

פאראַן, וואָס זיינען דוקא צדיקים גמורים געווען. זיי האָבען אָבער ניט אויף ריכטיג גאָט געוואוסט. האָב איך זיי דעם דרך הטוב והישר געוויזען. אייניגע פון זיי זיינען ווידער לומדים מופלגים בתורה געווען. האָב איך זיי מחזיר למוטב געווען. און פיעלע פון זיי זיינען אויך רשעים גמורים גע־ווען, בעלי עבירה און בעלי תענוגים. און מיט מיינע גוטע רייד, וואָס איך האָב צו זיי בדרך כבוד גערעדט, אָהן בזיון, האָב איך זיי מחזיר למוטב געווען. זיי זאָגען עס יעצט תהלים און לויבען און זינגען צום אל חי וקים.

און ער האָט צו מיר ווייטער געזאָגט:

אויב דו ווילסט מיט מיר זיין אויף דעם עולם הנצחי, אויף דעם עולם העליון, גיב איבער דיין נשמה צום מלאך, וואָס איז דיר ידוע, וועט דיין גוף איבערבלייבען טויט אויף דעם עולם השפל, און איך מיט דיר וועלען דאָ מאַכען יחודים צום רבונא של עולם, אַזוי ווי מיר פלעגען טהאָן, ווען מיר זיינען אויף דעם עולם השפל געווען. און אפשר וועט דער אויבערשטער מגלגל זיין אַ זכות צוליעב אונז, עס זאָל דער ווילען פון אויבערשטען נתגלה ווערען, צו העלפען די פער־שטויסענע, ווארום ביז וואַנען נאָך וועט דער קץ אָבגעלעגט ווערען. דו וועסט נאָך דערפון מרויח זיין. דאָס, וואָס דו וועסט דעם מלאך המות ניט זעהן. דאַן וועל איך צוזאַמען מיט די אַלע איבעריגע נשמות פון די צדיקים פיהרען דיר צום פּלאַץ, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דיר און עס וועט אויך אויף דעם עולם הנצחי אַ חבורה ווערען.

האָב איך זיך דאַן צו איהם אָנגערופען:

— וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אַז די נשמה מיינע וויל, איך זאָל אין ארץ ישראל בעגראָבען ווערען, ווארום פון דאָר־טען קען די נשמה אַז עליה האָבען, ווי עס שטעהט געשריע־בען, ווי עס איז ידוע.

האט ער מיר דאן דערויף געענטפערט:

— דו זאלסט וויסען זיין, אז דו וועסט אין חוץ לארץ שטארבען, ווארום איך האב עס איינינע מאל אין דער ישיבה של מעלה געהערט. דעם טעם קען איך דיר יעצט ניט מגלה זיין דערפאר, וואס דיין נשמה איז נאך אין דיין גוף בע־העפט, ווארום אויך אויף מיר איז צוליעב דעמזעלבען בע־האלטענעם טעם נגזר געווארען צו שטארבען אין חוץ לארץ. ווען דו וועסט דיין נשמה אט יענעם מלאך איבערגעבען, ווי איך האב דיר געהייסען, וועט פאר דיר אלעס קלאהר ווערען. איך האב אבער גרויס קלעמעניש געפיהלט וועגען מיין בן יחיד און מיין בת יחידה, צו שטארבען אהן דעם, איך זאל פאר זיי מיין צואה און הדרכה איבערלאזען, אהן דעם, איך זאל זיי זאגען, וואס עס וועט אין דער צוקונפט טרעפען. איז דאמאלס א גרויסער קאמפ פאָרגעקומען ביי מיר אין געדאנק, צו איך זאל טהאן, ווי ער האט מיר געהייסען, אדער איך זאל ווי אלע מענשען פון דער וועלט אוועקגעהן.

און ער איז נאך אלץ צו מיר צוגעשטאנען.

..אב איך דאן ביטער אנגעהויבען צו שרייען און אין א גרויס געוויין אויסגעבראכען, וואס איך בעדארף זיך אב־שיידען פון מיין פרוי, פון מיין זוהן און טאכטער און פון מיין אייניקעל, בפרט נאך פון מיינע חברים. אמת, מיין נשמה איז נאך אלץ געווען דאן צו מיין גוף צוגעבונדען. ווען ניט מיין פרוי אבער, וואס האט מיך פון שלאף אויפגעוועקט, האב איך בדעה געהאט צו טהאן, ווי דער מהר״ן האט מיר געהייסען. דורך איהרע געשרייען אבער, האט זיך די נשמה צוריק צום גוף אומגעקעהרט *).

*) הלא ידעתם, שבכל שבת בתפלת מוסף בלחש, בהעלות נשמתי ביחודים מראים לי עולמות עליונים ונשמות יושבים בישיבה של מעלה ועוסקים בפרשת התורה בסודות העליונים ונותנים לי רשות ללמוד וללמד

בעוה"ז לבני גילי וקצת שאני מגלה בסעודה השלישית. אמנם כמה שנים היו לי געגועים לראות את ידידי בתורה, ר' נחמן קאסובער, מה הוא בעולם העליון הנצחי ולא מצאתי את שאהבה נפשי, ושאלתי כיחודים להעלות נשמתי למקום מנוחתו של החסיד הנ'ל ולא הגעתי, כי לא ניתנה רשות. ואתחנן אל ה' בעת ההיא שיזכני לראות את הצדיל. וקבלתי תשובה לעשות יחודים כאלה, הדומים לו, וכה עשיתי היום, וראיתי כמו מראה נוראה ובאתי למקום חדש בעולמות עליונים ומימי לא ראיתי אותן בנינים מפוארים מזהב ומפז ומאבני יקר, נופך, ספיר גזרתם, והמה נכונים לכמה מאות בתי מדרשים מלאים ת"ח. כל אחד מראהו כמראה מלאך אלהים, והם לומדים תורה כ"א מקרא, משנה וגמרא ואגדה, ומהם לומדים מופלגים לומדים סודות התורה. ומהם אומרים תהלים שירות ותשבחות לאלפים ולרבבות בכל בתי מדרשים. נבהלתי מקול הקוראים, כי קולם הלך למרחוק. ושאלתי: למי החמודות האלה? והשיבו לי, שהוא להחסיד ידיד ה' הק' ה"ר נחמן קאסובער. והיה כי באתי למחיצתו והנה כלהבת אש נוגה סביב צח ומצוחצח. וכמעט שכהו עיני מראות עד שראיתיו פנים אל פנים ומראהו כמראה מלאך אלהים נורא מאד, לבוש לבנים ומזהיר כזוהר הרקיע וטלית על ראשו מבהיק ומאיר מסוף העולם ועד סופו. ואמרתי אליו: למי כל האלה הנשמות שבכל החברים? ואמר לי: אלו הנשמות, שתלנתי אותם בעודי בחיים. ויש מהם צדיקים גמורים, אך לא ידעו את ה' לאמתו והוריתי להם דרך הטוב והישר. ויש מהם, שהיו לומדים מופלגים בתורה, והחזרתים למוטב. יש מהם שהיו רשעים גמורים, בעלי עברה ובעלי תענוגים, ובדברי הטובים, שדברתי להם בדרך כבוד, בלא בזיון, עד שהחזרתים למוטב. והם שאומרים תהלים, משבחים ומזמרים לאל חי וקיים! ואמר לי עוד, אם תרצה להיות עמי בעולם הנצחי, עולם העליון הזה, מסור נשמתך להקב"ה, כמו שעשינו, כשהיינו בעולם השפל. ואולי יגלגל זכות על ידינו, שיתגלה רצון העליון להושיע נדחים, כי עד מתי קץ הפלאות. ועוד תרויח בזה, שלא תראה את המלאך המות. ואז אני ושאר נשמות הצדיקים מוליכין אותך למקום, המוכן לך, ותהיה חבורה גם בעולם הנצחי. אמרתי לו: מה אעשה, שנפשי חשקה להיות נקבר בארץ ישראל, כי משם יש לנשמה עליה, ככתוב, כידוע? אמר לי: דע, שתמות בחו"ל, כי כך שמעתי כמה פעמים בישיבה של מעלה, והטעם אין לי רשות לגלות, מאחר שנשמתך קשורה בגופך, כי גם עלי נגזר מטעם הכמוס למות בחו"ל. ואם תמסור נשמתך, אז יוודע לך כל. וכששמעתי הדבירם יוצאים מפיו הקדוש, נפשי חשקה מאד למסור נשמתי למלאך הידוע, אך היו לי געגועים על בני יחידי ובתי יחידתי למות בלי צואה והנהגות, להגיד להם מה שיליה באחרית הימים. והיתה מלחמה גדולה במחשבתי, אם לעשות כנ"ל או אם פקודת כל האדם יפקד עלי, והפצר לי למאד. צעקתי בקול מר ובבכיה גדולה על פטירתי מאשתי ובני ובתי ונכדי ובפרט מאנשי גילי. אמנם הייתה עדיין נשמתי קשורה בגופי ואם לא שאגת אשתי תחיה העירה אותי משנתי, היתה דעתי לקנות העולם כנ"ל ולפעול כנ"ל, אך מחמת גודל צעקתה חזרה נשמתי לגופי.

# זעקסטעס בוך

## זונענאונטערגאַנג

## א.

# דער „אור החיים".

די וואונדערליכע פערזענליכקייט פון „אור החיים". — א מאן פון שעהנעם און ברייטען סטיל אין זיין נשמה. — זיין גלויבען אין זיך איז פאבעלהאפט. — ער האט געגלויבט, אז ער איז משיח. — אין זיינע ספרים שילט ער מיט קללות יעדען איינעם, וואס וועט וואגען האבען אן אנדער מיינונג, ווי ער. — דער „פרי־מגדים", וועלכער רעדט וועגען יעדען פוסק מיט דעם גרעסטען רעספעקט און הכנעה, האקט אבער איהם זעהר אפט גאר קורץ און קאלט אב

און צו יענער צייט האט געלעבט אין ארץ ישראל דער גרויסער גאון און מקובל, ר׳ חיים בן עטר, וועלכער האט פאר זיך אונשטערבליכע בעריהמטהייט ערווארבען דורך זיין ספר „אור החיים" אויף דער תורה. עס זיינען וועגען איהם אין פאלק אונצעהליגע לעגענדען געבליבען, וועלכע שילדערען איהם אלס וואונדערבארען מענשען און גרויסען מקובל און בעל מופת. „ער פלעגט גוזר זיין אויף דער פייגענבוים, — דערצעהלט וועגען איהם די לעגענדע — פלעגן איהרע פרוכט אין שטויב פערוואנדעלט ווערען". ער האט קיינמאל קיין גאנצע האלבע נאכט, אפילו אין די קורצע תמוז־נעכט, אין שלאף נים פערבראכט. „ער פלעגט דעם גרעסטען טהייל פערברענגען אין קלאגען און וויינען, ווי אן אשה אלמנה, אויף דעם חורבן בית המקדש, און די איבעריגע צייט פלעגט ער מיט לערנען תלמוד פערענדיגען".

ער איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע פערזענ־

ליבקייטען, וואס די אידישע געשיכטע פערמאגט. ער איז געווען א מאן פון אן אונבעגרעניצטער פאנטאזיע, און האט פיעל שעהנעם און ברייטען סטיל אין זיין נשמה און אין זיין שרייבען פערמאגט. בעזונדערס איז ער מערקווירדיג אינ־טערעסאנט מיט דעם טאן, אין וועלכען ער האט שטענדיג גערעדט וועגען זיך. ער האט וועגען זיך א גוואלדיגע הויכע מיינונג געהאט. זיין גלויבען אין זיך, אין זיין גרויסקייט און הייליגקייט, איז ווירקליך פאבעלהאפט. דאס פאלק האט קיינע פארבען ניט געקארגט זיין געטליבקייט און הייליגקייט צו שילדערען. מעהר אבער, ווי אנדערע האבען עס געטהאן, האט ער אליין עס געטהאן. אויף יעדער שורה, כמעט, רעדט ער אין נאמען פון רוח הקודש אליין. אהן דעם רוח הקודש גיט ער זיך קיין ריהר ניט. אויף יעדער מיינונג זיינער, אויף יעדען געדאנק וואס ער זאגט ארויס, ברענגט ער באלד די הסכמה פון רוח הקודש. „דער רוח הקודש האט מיין געדאנק בעשטראהלט — איז א פראזע, וואס מען קען ביי איהם איבעראל געפינען. „נפתחו השמים ואראה מראות אלהים" — עס האבען זיך די הימלען געעפענט און איך האב דאס, וואס גאט האט מיך בעוויזען, געזעהן — איז אויך א פראזע, וואס מען בעדארף ביי איהם ניט מיט קיין ליכט זוכען. און שטענדיג, ווען ער האט זיין אמת געוואלט ארויסצווינגען האט ער דערצעהלט, אז פון הימעל האט מען איהם מודיע געווען, אז דער אמת איז מיט איהם.

און אינטערעסאנט איז, וואס ער האט דאס אלעס גאר אויף א ברייטען מאסשטאב פראקטיצירט אפילו אויף אזוינע פעלדער פון שאפען, אוואו עס איז געוועהנליך ניט אנגענו־מען אין דער אידישער וועלט אין נאמען פון „רוח הקודש" צו רעדען, אויף די הימלען זיך צו שטיצען, אויך אויף אזוינע געביטען, וואס ווען אפילו א בת־קול פון הימעל פרובט זיך

דארטען אמאל אויף זיין אייגענעם אחריות יא ארייננמישען, שעהמט מען זיך איהם ניט צו זאגען, ער זאל זיין דעה פאר דעם הימעל האלטען.

דער „אור החיים" האט כסדר מיט גאט אין הימעל גע־רעדט ניט נאר אין „נסתר", נאר אויך אין „נגלה". אויך אין לומדות און הלכה. ער האט א מאדנעם כאראקטער־שטריך פערמאגט. שוין נאר דער געדאנק אליין וועגען דער מעגליכקייט, אז זיין מיינונג זאל זיך אויף א געגנערשאפט אנשטויסען, האט איהם אין אן אויפגערעגטער שטימונג ארייננעבראכט. ער האט זיך געקאכט און געקעמפפט פאר זיינער א מיינונג, נאך איידער ער האט פאר זיך א געגנער געזעהן.

אין די הקדמות צו זיינע ספרים, ווי אויך אין ספרים אליין, שעלט ער מיט טויטע קללות יעדען איינעם, וואס וועט וואגען צו זיין ניט איינשטימיג מיט איהם אין וועלכען עס איז פונקט. ער פאדערט, מען זאל מיט איהם אין אלעם איינשטימען, ווארום אלעס, וואס ער זאגט און שרייבט, איז גלייך, — פערזיכערט ער, — ווי עס וואלט מפי הגבורה גע־זאגט געווארען. אויף אלעם האט ער די הסכמה פון הימעל. יעדער געדאנק זיינער, יעדע מיינונג זיינע איז דורך דער השפעה פון רוח הקודש צו התגלות געקומען.

אט אזוי פיהרט ער זיך אין זיין ספר „חפץ חיים" אויף מסכת „שבת".

און מיט דעם זעלבען טאן רעדט ער וועגען זיך אויך אין זיין ספר „פרי תואר" אויף דער „יורה דעה".

אין זיין הויכער מיינונג וועגען זיך איז ער אזוי ווייט דערגאנגען, אז ער האט געגלויבט, אז ער וועט די אידישע גאולה ברענגען, אז ער איז משיח. משיח השם — שמו

חיים, — דער משיח פון גאט, איז זיין נאמען חיים — זאגט ער אויף איין ארט אין זיין פירוש „אור החיים" *).

ווען ר׳ גרשון קוטאווער איז קיין ארץ ישראל געקומען, האט דער „אור החיים" שוין מעהר ניט געלעבט. אין זיי־נעם א בריעף צו זיין שוואגער, דעם בעל שם, שרייבט ער פאלגענדעס:

מיין געליעבטער שוואגער. איך האב מיך דערמאנט עפעס: ווען איך בין אין דיין מחיצה געווען, האסט דו מיר איינמאל געזאגט, אז דו האסט געזעהן מיט דיין גייסט, ווי א גרויסער חכם איז געקומען קיין ירושלים, זי זאל אמן, גיך, אין אונזערע צייטען אויפגעבויט און אויפגעשטעלט ווערען, פון מדינת מערב, און ער איז א ניצוץ פון משיח׳ן, כאטש ער אליין ווייסט ניט דערפון — און אז ער איז א גרויסער

*) אינטערעסאנט איז דא צו בעמערקען, ווי דער גרויסער עניו, דער „פרי מגדים", בעהאנדעלט דעם „פרי תואר" צוזאמען מיט דעם מחבר נאך די אלע קללות און חרמות זיינע, מיט וועלכע ער בעשווערט יעדען, מען זאל זיך איהם ניט געגען שטעלען. דער „פרי מגדים" האט ניט קיין צווייטען צו זיך אין דער רבנישער ליטעראטור, וועלכער זאל זיך קענען מיט איהם פערגלייכען אין ענִיוות און הכנעה, ווען עס קומט איהם צו דרמאנען אירגענד־וועלכען גאון אדער פוסק. וועמען פון די פוסקים אדער גאונים ער זאל ניט דערמאנען, אפילו אזוינע, וועלכע זיינען, כמעט, זיינע צייט־גענאסען געווען, אפילו אזוינע, וועלכע ער האט אלס זיינע חברים געקענט בעטראכטען, אזוינע, וואס זיינען אפשר פיעל נידעריגער פון איהם אין גאונות און חריפות געשטאנען, טהוט ער עס מיט גרויס כבוד און דרך ארץ, און פאר יעדען דערמאנטען נאמען שיקט ער פריהער א לאנגען צעטעל פון טיטולען און שבחים. און ווען עס קומט איהם אוים איינעם אמאל מיט איינעם פון די פוסקים מחולק זיין, מעג ער זיין אפילו אן אחרון שבאחרונים, האלט ער זיך פריהער אין איין פערענטפערען, האלט ער זיך אין איין קניהען און בוקען און אין ענטשולדינען זיך. עס ווארפט זיך דעריבער שטארק אין די אויגען דער אופן, ווי ער בעהאנדעלט דעם „פרי תואר". מיט איהם צע־רעמאניעט ער זיך גאר ניט. יעדען מאל דריקט ער אוים זיין אונ־איינשטימיגקייט מיט איהם און טהוט עס נאך דערביי אזוי פריי, עפעס אזוי, ווי ער וואלט איהם וועלען מיט איין פינגער אין א זייט אוועק־שטעלען. ו„דלא כפרי תואר סימן אזעלכער און אות אזוינער" — ניט ער זיך אמע מאל א זאג אב, אהנע דעם, ער זאל פריהער מיט גרויסע שבחים דעם אור החיים טיטולירען, אהנע דעם, ער זאל כאטש אויף

חכם אין נגלה און אין נסתר און א בעל בכי. נאכדעם האסט דו מיר געזאגט, אז דו זעהסט איהם ניט. און דו האסט געזאגט דאן, אז עס דאכט זיך דיר, אז ער איז געשטארבען. און ווען איך בין אהער געקומען, האב איך נאכגעפא־שט נאך דעם. האט מ׳ען מיר דערצעהלט וועגעי דיעזען מאן פלאי פלאות. און זיין נאמען איז ר׳ חיים בן עטר געוועזן. און ער איז געוועזן א גרויסער חסיד און א חריף און א בקי א גרויסער אין נגלה און אין נסתר, און די אלע חכמי ירושלים זיינען אנטקעגען איהם, ווי א מאלפע אנטקעגען א מענשען, און מען האט וועגען איהם גאנצע גוזמאית דערצעהלט. ער איז געקומען קיין ירושלים מיט פיעלע תלמידים און חכמים גרויסע. און זיי זיינען אלע געוועזן צוזאמען. און עס איז צווישען זיי פיעל הייליגקייט און פרישות געוועזן. און בעו״ה האט ער ניט מאריך ימים געוועזן אין ירושלים. ער האט נאך איין יאהר געלעבט און פינף יאהר זיינען שוין אוועקגע־גאנגען זינט ער איז נפטר געווארען, ממש אין דער צייט, ווען דו האסט מיר געזאגט״.

---

וועלכען אופן אויסדריקען זיין בעדויערען, וואס ער מוז איהם אפפרעגען.

און פערגלייכסטו דעם אופן, ווי ער — דער „פרי מגדים“ — בעהאנדעלט דעם „אור החיים“ מיט דעם אופן, ווי ער בעהאנדעלט א סך קלענערע פערזענליכקייטען פון איהם, פיהלסטו, אז ער האט דאס אלעם מיט א כיוון געטהאן. ער האט אזוי ארום געוואלט פראטעסטירען נעגען דעם אור־החיים, אמאי ער רופט אין זיינע פסקי־הלכה דעם הימעל צו הילף, אמאי ער האט נעוואלט אריינטראגען דעם עלעמענט פון געטליכקייט דארטען, וואו ער בעדארף ניט אריינגעטראגען ווערען. ער האט אזוי ארום געוואלט אונטערשרייכען די אלטע טראדיציעס פון „אין משגיחים בבת קול“ פון „לא בשמים הוא“. דו פאדערסט גרויסען רעספעקט פאר דיינע מיינונגען דערפאר, וואס דו האסט אויף זיי די הסכמה פון הימעל. טאקע דערפאר אבער ווילען מיר זיך מיט זיי גיט רעכענען.

## ב.

# דער בעל שם פאהרט קיין ארץ ישראל זיך זעהן מיט דעם „אור החיים"

דער בעל שם פאהרט קיין ארץ ישראל, זיך זעהן מיט דעם „אור החיים", זיי זאלעןביידע מיט פעראייניגטע כחות די גאולה מיט געוואלד ברענגען. — פון הימעל האט מען דעם בעל שם מרמז געווען, ער זאל ניט פאהרען. — ער האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט. — קיין ארץ ישראל איז ער אבער טאקע ניט פערפאהרען. — ער איז קוים א לעבעדיגער צוריק אהיים געקומען.

די פאלקס־פאנטאזיע האט אבער וועגען דיעזע אלע פאקטען גארניט געוואלט וויסען. זי האט ניט געקענט דורכלאזען די געלעגענהייט מיט לעגענדארישע פעדים דאס לעבען פון בעל שם מיט דעם לעבען פון „אור החיים" צו פערבינדען. צו דער בעל שם איז געקומען אין וועלכער־עס־איז בעריהרונג מיט דעם „אור החיים", צו ער האט גאר אינגאנצען ערשט נאך דעם טויט פון לעצטען אנגעהויבען צו הערען וועגען איהם — דאס אלעס איז פאר דעם חסידיזם ניט וויכטיג געווען. דער פאקט אליין, וואס עס האט אין יענעם דור אזא גרויסע און וואונדערבארע פערזענליכקייט, ווי דער אור החיים געלעבט, איז שוין פאר דעם פאלקס־פאנטאזיע א גינסטיגער באדען געווען, זי זאל אויף איהם שעהנע לעגענדען שאפען, זי זאל דעם בעל שם צוזאמען מיט דעם „אור החיים" אין געוויסע בעציהונגען שטעלען. די פאלקס־פאנטאזיע האט ניט געקאנט דורכלאזען די געלעגענהייט, דאס

לעבען פון בעל שם מיט דעם לעבען פון אור החיים צו פער־בינדען.

אזוי ארום איז די פאלגענדע שעהנע לעגענדע געשאפען געווארען:

דער בעל שם האט אויף די עלטערע יאהרען די גאולה געוואלט ברענגען. ער האט אויף דער עלטער, ווען ער האט אנגעהויבען, ווי קיינמאל פריהער, אין זיינע גרויסע כחות גלויבען, ווען ער האט זיך צו אלץ מעהר מיסטישע שטימונגען איבערגעגעבען, אונטער דער ווירקונג פון די פערשידענע בלבולים, וואס די אידען האבען דאן אין פוילען אויף זיך געהאט, געוואלט דעם קץ מיט גוואלד ברענגען. ער האט ניט געוואלט ווארטען, ווי מען האט איהם אין הימעל געזאגט, ביז זיין תורה וועט איבער דער גאנצער אידישער וועלט נתפרסם ווערען. ער האט געוואלט, די גאולה זאל נאך ביי זיין לעבען קומען. זאל איינמאל פאר אלע מאל אן ענדע צו די אידישע צרות נעמען.

ער האט אבער אויף דעם גאר זיכערסטען וועג געוואלט געהן. ער האט זיך געוואלט בעווארענען, אז זיין ארבייט זאל בשום אופן קיין דורכפאל ניט קענען זיין.

האט ער בעשלאסען, ער זאל צו זיך נעהמען פאר א שותף ר' חיים בן עטר.

ווארום אין דעם איז ער זיכער געווען, אז אין דעם מא־מענט, וואס ער וועט זיך מיט דעם אור החיים צוזאמענקומען, מוז די גאולה קומען.

ווארום דער שורש פון אור החיים'ס נשמה איז געווען אין „רוח" פון דוד המלך און דער שורש פון בעל שם'ס נשמה איז געווען אין „נפש" פון דוד המלך.

האט דער בעל שם געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל זיך זעהן מיט דעם „אור החיים", כדי זיי זאלען זיך מתקשר

זיין צוזאמען „נפש ברוח", וועט די גאנצע נשמה פון דוד המלך אין איהר פולען גלאנץ דאמאלס נתגלה ווערען, וועט דאן קענען די אמת'ע גאולה קומען.

האט דאן דער בעל שם זיך אנגעפרעגט ביים „אור החיים" דורך זיין שוואגער ר' גרשון, צו ער זאל פאהרען קיין ארץ ישראל זיך זעהן מיט איהם.

דערויף האט איהם ר' חיים געענטפערט, ער זאל איהם מודיע זיין, צו ער זעהט פאר זיך דאמאלס, ווען ער זעהט דאס געשטאלט זיינס אויף דעם הימעל, די אלע אברים זיינע און זיין גאנצע פיזיאנאמיע, אדער ער זעהט איהם ניט אינ־גאנצען.

דער בעל שם האט איהם געענטפערט, אז ער זעהט ניט זיינע פיאטעס.

האט איהם ר' חיים דאן געענטפערט, אז ער זאל קיין ארץ ישראל ניט פאהרען, ווארום עס וועט זיין אומזיסט זיין טרחה.

דער בעל שם האט אבער דיעזען בריעף פון אור החיים ניט ערהאלטען. דער בריעף איז פערלארען געגאנגען.

האט זיך דער בעל שם אין וועג געלאזט און האט מיט־גענומען מיט זיך זיין טאכטער אדעל און דעם שרייבער זיי־נעם ר' צבי. זיין פרוי האט שוין דאמאלס מעהר ניט גע־לעבט. זי איז געשטארבען אין יאהר תק"י. און דער בן־יחיד זיינער האט ניט אין דערזעלבער שטאדט, וואו דער בעל שם, געוואוינט.

אז מען האט אויבען געזעהן, אז דער בעל שם גרייט זיך קיין ארץ ישראל פאהרען, האט מען איהם א וואונק גע־געבען, אז ער זאל ניט פאהרען. ער זאל דעם קץ ניט דוחק זיין. דער דור איז נאך די גאולה ניט ווערטה.

ער האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט. ער האט זיך זיינס געטהאן.

„ער האט זיך מוסר־נפש געווען און אין ווינטער־צייט פון דער היים אבגעפאהרען".

אויף פסח איז ער געווען אין סטאמבול און האט דאר־טען וואונדערליכע און גרויסע מופתים געוויזען.

זיינען זיינע מופתים אנגעקומען צום קיסר אין הויז.

האט איהם דער קיסר געוואלט אין תפיסה אריינזעצען.

אי. דאן דער בעל שם אויף גיך אין א שיף אנטלאפען.

האט מען איהם פון הימעל געזאגט, ער זאל זיך צוריק אהיים אומקעהרען.

ער האט אבער ניט געוואלט.

האט מען דאן פון איהם אלע זיינע מדרגות צוגענומען. אפילו זיין תורה ותפלה. ער האט אפילו קיין „ברוך" אין „סדור" ניט געקענט זאגען. ער האט אפילו די אותיות ניט פערשטאנען.

עס האט אבער ניט געהאלפען.

— זאל זיין אזוי, — האט דער בעל שם געזאגט דא־מאלס — וועל איך אז עס הארץ און בור צום צדיק א:ר החיים און הייליגען לאנד פאהרען.

ער האט אויף זיך דעם גזר־דין מקבל געווען.

אין מען פון הימעל געגאנגען נאך ווייטער.

זיין שיף איז צובראכען געווארען, און זיין טאכטער, די צדקת אדעל, האט זיך אנגעהויבען טרינקען אין ים און האט געשריען: „דערבארימדיגער פאטער, אוואו ביזט דו, וואס דו זעהסט צו דעם אונגליק מיינעם!"

און ווען דער שטן האט געזעהן דעם גרויסען צער פון בעל שם, פון דעם אונגליק, אין וועלכען זיין טאכטער האט זיך געפונען, ווי אויך דאס, וואס עס זיינען פון בעל שם

אלע זיינע מדרגות צוגענומען געווארען, איז ער צו איהם צוגעשטאנען און האט איהם אנגעהויבען מסית ומדיח צו זיין. ווען דער בעל שם האט זיין גרויסען אונגליק דערזעהן, אז די נשמה זיינע שטעהט אויף דעם ברעג פון א טיעפען אבגרונד, האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

„שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. רבון העולמים, איך פאהר שוין צוריק".

האט זיך צו איהם באלד זיין רבו המובהק בעוויזען, אחית השילוני, דער נביא, און האט איהם געוויזען, אוואו ער האט זיך געפונען. או האט איהם אין איין מאמענט צוריק קיין קושטא געבראכט. און פון דארטען איז ער באלד אהיים געפאהרען.

אן אנדער לעגענדער דערצעהלט פאלגענדעס, ווי אזוי מען האט פון הימעל ניט געלאזט דעם בעל שם, ער זאל דורכ־פיהרען זיין פערלאנג, צו פאהרען קיין ארץ ישראל.

נאכדעם, ווי זיי האבען פערבראכט — דערצעהלט די לעגענדע — די ערשטע טעג פסח אין סטאמבול, האט ער זיך אנגערופען צו ר' צבי סופר, אז ער וויל פאהרען באלד אין הייליגען לאנד. ער איז געגאנגען מיט איהם צום בארט און זיי האבען קיין שיף ניט געקענט געפינען.

האט זיך דאן דער בעל שם צו זיין סופר אנגערופען:

אויב דו ווילסט, וועל איך אויסשפרייטען מיין פאטשיילע איבער דעם ים. דו זאלסט אבער נזהר זיין צו טראכטען שטענ־דיג וועגען דעם שם, וואס איך וועל דיר זאגען. אויף קיין איין רגע אפילו זאלסט דו דעם שם פון דיין געדאנק ניט ארויסלאזען. ווארום אויב דו וועסט חלילה דיין געדאנק פון איהם אוועקנעהמען, וועלען מיר אלע, איך און דו און די טאכטער מיינע, פערלארען געהן.

ר' צבי סופר האט אבער זיין לעבען אין אזא גרויסער

סכנה ניט געוואלט איינשטעלען. האבען זיי געווארט, ביז עס איז אנגעקומען א שיף, וואס איז קיין ארץ ישראל גע־גאנגען. באלד איז אבער א גוואלדיגער שטורם־ווינד געוואַ־רען און האט די שיף ערגעץ ווייט פערטראגען.

האבען זיי אזוי צוויי טעג געבלאנדזשעט.

אויפ׳ן דריטען טאג איז דער שטורם־ווינד שטיל גע־ווארען. די שיף איז צוגעקומען צו איינעם פון די אינזלען. זיינען די אלע מענשען, וואס זיינען אין שיף געווען, גע־גאנגען זעהן דעם אינזעל. איז דער בעל שם מיט זיין סופר אויך געגאנגען. זיי זיינען אבער ווייט פון די איבעריגע מענשען פערגאנגען און האבען אנגעהויבען בלאנדזשען.

דערווייל זיינען אויף זיי אנגעפאלען גזלנים און האבען זיי מיט גראבע שטריק געבונדען און האבען אנגעהויבען שארפען די מעסערס. עס האט זיי אבער — די גזלנים — פלוצלונג פערקלעמט ביים הארצען און זיי האבען זיך אוועק־געזעצט עסען.

האט זיך דאן ר׳ צבי אנגערופען צום בעל שם:

— וואס שווייגט איהר?

האט איהם דער בעל שם געענטפערט:

— איך האב אלעס פערגעסען. איך הויב ניט אן צו וויסען, וואס צו טהאן. אפשר קענסט דו מיר כאטש דעם אלף־בית דערמאנען?

האט ר׳ צבי, וועלכער האט אליין אויך אלעס, אויסער דעם אלף־בית, פערגעסען, אנגעהויבען פארלעזען פאר איהם דעם אלף־בית.

ער האט פארגעזאגט און דער בעל שם האט איהם יע־דען אות נאכגעזאגט אויף א הויך קול און מיט גוואלדיגער התלהבות, כדרכו בקודש, ביז ער איז צוריק צו אלע זיינע פריהעריגע כחות געקומען.

האט זיך דאן פלוצלונג אן אלטער קאפיטאן בעוויזען און האט מציל געווען דעם בעל שם מיט זיין סופר און האט זיי צום שיף צוגעפיהרט.

דער בעל שם האט דאן געזעהן בחוש, אז מען לאזט איהם פון הימעל בשום אופן נים פאהרען קיין ארץ ישראל. ער האט דעריבער געמאכט די נסיעה זיינע צוריק אהיים.

און יענער קאפיטאן — פערענדיגט די לעגענדע — איז דאס אליהו הנביא געווען.

ג.

# די פראַנק באַוועגונג.

**די פראַנקבעוועגונג. — שבתי צבי און יעקב פראַנק. — די טענדענץ** פון דער פראַנק בעוועגונג איז שוין פון אנהויב אַן געווען, דאָס אידישע פאָלק צו שמד פיהרען. — די פראַנקיסטען האָבען אין שרעקליכען סעקסועלען שמוץ געלעבט. — אין 1757 האָבען זיי אַ וכוח מיט די אידען געהאַט. — דעמבאָווסקי האָט פעראָורטהיילט דעם תלמוד צו פערברענען. — אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז דעמבאָווסקי געשטאָרבען. — מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָבען **די** פראַנקיסטען זייער פאַלשטענדיגע מפּלה געהאַט.

מיט אַ צובראָכענע האַרץ איז דער בעל שם צוריק אַהיים געקומען. ער האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון געדאַנק, מיט גוואַלד די אידישע גאולה ברענגען. ער האָט איינגעזעהן, אַז עס איז נאָך ווייט, ווייט צום קץ, אַז ניט פאַר זיין לעבען נאָך וועט משיח אויף דער וועלט קומען.

האָט דאָס אַלעס איהם אין גרויסען טרויער איינגע־הילט. אַזוי פיעל און אַזוי שטאַרק איז זיינע אייגענע כחות נעגלויבט, מיט אַזוינע שעהנע האָפנונגען זיך געשפּייזט, אַזוי זיכער געווען, אַז זיי וועלען ניט אין הימעל געגען זיין ווי־לען זיך שטעלען, ווען ער וועט פאַר איהם מיט גרוים עקשנות קעמפּפען, און דאָך איז פון אַלעס שטויב און רויך געוואָרען. זיי האָבען איהם פון הימעל אפילו קיין ארץ ישראל ניט גע־לאָזט פערפאַהרען.

איז געוואָרען דער בעל שם, נאָכדעם וואָס ער איז צוריק געקומען פון נסיעה קיין ארץ ישראל נאָך מעהר אין זיך איינ־

געשלאסען, האט ער דאמאל אין א נאך מעהר טיעפער מיס־טישער וועלט אנגעהויבען צו לעבען.

ער האט זיך דאן מיעד און צובראכען אנגעהויבען צו פיהלען.

נאך מעהר אבער האבען איהם די גאר לעצטע עטליכע יאהרען פון זיין לעבען צובראכען.

עס איז אין אידישען ארגאניזם, דורך דער פראנק־בעוועגונג, וואס האט זיך דאמאלס אין אידישען לעבען פלאץ גע־פונען, א שרעקליכע אפעראציאן פארגעקומען. דאס אידישע פאלק האט דאן דורך דיעזער בעוועגונג פיעלע שרעקליכע גזירות און נגישות איבערגעלעבט, און א גאנצער אבר איז דורך איהר פון אידישען גוף אבגעפאלען.

די פראנק־בעוועגונג איז געוועזען א המשך פון דער שבתי־צבי־בעוועגונג, וועלכע האט א צוויי דורות פריהער די גאנצע אידישע וועלט געשטורעמט און האט נאך זיך פיעלע טליהענ־דע פונקען נאך אויך אין דער צייט פון יעקב פראנק איבער־געלאזט *).

יעקב פראנק האט עטליכע יאהר פערבראכט אין טער־קיי. ארומדרעהענדיג זיך דארטען אין די קרייזען פון שבתי־צבי שטענדיג, איז אויך ער אן אנהענגער פון שבתי־צבי גע־ווארען, און ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פוילען, האט ער דאן בעשאפען די בעוועגונג, וועלכע ווערט אין דער אידישער געשיכטע אלס די פראנק־בעוועגונג בעצייכענט.

און די פראנק־בעוועגונג האט נאך מעהר, ווי די שבתי־צבי־בעוועגונג זיך אין טומאה געוויילקט. זי האט נאך מעהר,

*) שפורען פון דער שבתי־צבי בעוועגונג זיינען נאך אויך א סך שפעטער געבליבען. אזוי שפעט ווי אין אנהויב יעצטיגען אידישען יאהרהונדערט האבען זיך נאך אין זאסלאוו בעהאלטענע שבתי־צבי'ניקעס געפונען.

ווי די ערשטע, איהר יניקה פון דער „סטרא אחרא" געצויגען.

אמת, שוין די שבתי־צבי בעוועגונג איז ניט קיין ריינן אידיש־מיסטישע בעוועגונג געווען. שוין זי האט אין די ווייטערדיגע עטאפען פון איהר ענטוויקלונג איהר גאנצען חיות פון דעם מקור הטומאה געצויגען. שוין זי האט אין זיך פיעלע קריסטליכע עלעמענטען געהאט. די שבתי־צבי בעוועגונג איז מיט ביידע פיס, כמעט, אויף דעם באדען פון דער קריסטליכער דריי־איינינקייט געשטאנען. שבתי־צבי טרעט פאר אונז, ווי אלס א מין יעזוס ארוים. ער איז — האבען זיינע אנהענגער צוזאמען מיט איהם אליין געגלויבט — ניט נאר א הייליגע פערזענליכקייט געווען, נאר אויך א געטליכע פערקערפערונג. ער איז ניט נאר א משיח אליין געווען, נאר אויך א שטיק גאט. ער איז דער „המלך הקדוש" *) געווען, דער צווייטער במדרגה צום „עתיק יומין" **).

זי האט זיך אויך נעגאטיוו צום היסטאריש־טראדיציאנעלען אידענטום בעצויגען, שטרעבענדיג צו שטעלען דעם אויטאריטעט פון שבתי צבי געגען דער אויטאריטעט פון אלע די, וואס זיינען די שעפפער פון אידענטום געווען, פערזיכערענדיג, אז די מיסיאן פון שבתי־צבי איז געווען, די אלטע תורה מבטל צו זיין און א נייע תורה אויף איהר פלאץ צו געבען. אין די ווייטערדיגע עטאפען פון איהר ענטוויקלונג האט זי אויך שרעקליך ניעדעריג אין נעשלעכטליכען שמוץ נעזונקען.

אין אנהויב אבער איז די שבתי־צבי בעוועגונג אן אמת׳ע אידישע בעוועגונג געווען. ווי אלע אנדערע עהנליכע בעוועגונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין אידישען לעבען,

*) דער הייליגער קעניג.
**) דער אורעלטער.

איז זי דאן דורכאויס נאר אן אידישע משיח־בעוועגונג געוועז. דאס אידישע בלוט, די אידישע טרערען, וואס זיינען אין יע־נער תקופה פערגאסען געווארען, האבען זי צום לעבען ארויס־גערופען. פאר דער „נפילה" זיינער האט שבתי צבי נאר א אידישער משיח געוואלט זיין. ער האט געוואלט די גאולה דעם אידישען פאלק ברענגען. ער האט דאן קיינע פרעטענ־זיעס נים געהאט, מען זאל איהם אלס גאט בעטראכטען. די שבתי צבי בעוועגונג איז דאן אויך נאר פאזיטיוו געוועזן. זי איז דאן נאך נים געשטאנען מיט א האק אין האנד, די אלע הייליגע פעסטונגען פון אידענטהום צו ברעכען. און נים נור האט זי נאך דאן אויך אין געשלעכטליכער הפקרות נים געזונקען. נאר פערקעהרט נאך. זי איז דאן שטרענג אסקעטיש געוועזן.

שבתי צבי איז אין די אלע מאמענטען פון זיין דערהויי־בען זיך און פאלען א טיעפער מיסטיקער און טראגישע פיגור געבליבען, וועהרענד יעקב פראנק איז דעם גאנצען לע־בען זיינעם מעהר שארלאטאן, ווי מיסטיקער געוועזן, מעהר אוואנטוריסט, ווי שטרעבער.

זיין פערקעהרען א לאנגע צייט אין די שבתי־צבי׳ער קרייזען האבען איהם פאר א כופר און הפקר מענשען גע־מאכט.

און כפירה און הפקרות זיינען געוועזן די הויפט־פרינ־ציפען פון דער גאנצער טהעטיגקייט זיינער.

עס האט קיינמאל זיין הארץ נים בעלעבט די שטרעבונג, ער זאל דער אידישער משיח זיין. נים דער אידישער צער האט זיין טהעטיגקייט צום לעבען ארויסגערופען, נאר זיין אמביציע זיין נאמען דורך א גרויסען טהאט, גרויס צו מא־כען.

שוין באלד אין אנהויב פון זיין טהעטיגקייט איז

ער אוועק אויף דעם וועג פון צו זיין א מסית און מדיח פאר דעם אידישען פאלק. שוין באלד אין אנהויב האט מען גע־זעהן, אז די בעוועגונג זיינע ציעלט צו פערשפרייטען שמו־צווישען די אידען. ווי יעזוס, לויט ווי עס ווערט וועגען איהם אין עוואנגעליום דערצעהלט, האט אויך ער זיך מיט צוועלף מענשען ארומגערינגעלט, און פון אלעם דעם, וואס ער האט גע־לערענט און געפּרעדיגט, האט זיך קריסטליכע דאגמא גע־הערט.

איינהילענדיג די אלע מעשי־תעתועים זייערע אין א מיסטעריעזען קבלה־מאנטעל, האבען זיי — פראנק מיט זיינע אנהענגער — די אלע געזעצען פון מאראל און עטהיק מיט די פיס געטראטען. זיי האבען שטענדיג אין אונבעשרייבלי־כען מאראלישען שמוץ און זנות געלעבט.

און ווען זייערע מחנות האבען זיך אנגעהויבען צו פער־גרעסערען, האבען זיי אנגעהויבען איבער פערשידענע אידישע שטעדט ארומצופאהרען, צו מאכען אגיטאציע פאר זייער בעוועגונג.

האבען זיי איינמאל אזוי פערבראכט א גאנצע נאכט אין זייערע מעשים תעתועים אין דער שטאדט לונצקערען. האבען זיך דאן פיעלע פון די אידישע איינוואוינער ארייגגע־ריסען אין הויז, וואו פראנק מיט זיין באנדע האבען זיך גע־פונען, און האבען זיי אלע מיט שטריק געבונדען און פער־שפארט זיי אין תפיסה. דער אויפזעהער איבער די גיטער פון גוטבעזיצער, צו וועמען די שטאדט האט בעלאנגט, האט זיי דערויף זיין ערלויבניש געגעבען.

און אט דיעזער קליינער פונק האט זיך שנעל אין א העליש פייער צופלאקערט, וועלכער האט שיער ניט דעם גרעסטען חורבן אין דער אידישער וועלט אריינגעטראגען.

נאכדעם, וואס פראנק מיט זיינע חברים זיינען א שטיק

צייט אבגעזעסען אין תפיסה, זיינען זיי בעפרייט געווארען. האט זיך פראנק דאן אוועקגעלאזט אין פערשידענע שטעדט, אויפפאדערען זיינע מקורבים, זיי זאלען נקמה נעהמען אין די תלמוד־אידען, ווי די פראנקיסטען פלעגען רופען זייערע געגנער, היות זיי אליין האבען שוין מעהר אין תורה שבעל פה ניט געגלויבט.

פון דער צווייטער זייט האבען אויך די רבנים בעשלאָסען, מען זאל וואס שנעלער די פראנק־בעוועגונג מיט די ווארצלען פון אידישען לעבען אויסרייסען.

האבען זיי זיך פערזאמעלט און ארויסגעגעבען א קול־קורא, וועלכער איז בעשטעטיגט געווארע פון דעם ועד ארבע הארצות, אז עס זאל פערבאטען זיין ביי אידען יעדער מגע ומשא מיט די פראנקיסטען, מען זאל זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין און בעגעגענען און מען זאל זיי אין אלעם, ווי ארייננע־לעגטע אין חרם, בעטראכטען. אין דעם זעלבען קול־קורא האבע די רבנים פערבאטען צו לערנען דעם זוהר, אויף וועל־כען די פראנקיסטען פלעגען זיך שטיצען.

דיעזער קול־קורא האט אויף דער אידישער בעפעלקערונג אין פאדאליען, וואו פראנק האט זיין טהעטיגקייט אנגעפיהרט, א גרויסע ווירקונג געהאט. זיי האבען אבגעזוכט יעקב פראנק אין קאפטשינצי און האבען איהם צוזאמען מיט זיינע מקורבים הענד און פיס געבונדען און געהאלטען זיי פער־שפארט זעקס טעג אין תפיסה.

פראנק האט די שאנדע ניט געקענט איבערטראגען און האט בעשלאסען ביז צום לעצטען טראפען דעם בעכער פון נקמה נעהמען אין זיינע געגנער אויסצוטרינקען.

ער האט זיך געווענדעט צום קריסטליכען גלויבען, פון דארטען הילף צו זוכען אין זיין קאמפף מיט זיינע געגנער.

ער איז אוועקגעגאנגען צום קאמיניצער בישאף, דעמבאווסקי, וועלכער איז געווען א גוואלדיגער פאנאטיקער און האט זיך שרעקליך אונטאלעראנט פערהאלטען צו אלע אנדערע גלויבענס. ער האט זיך בעקלאגט פאר איהם אויף די רדיפות, וואס ער האט פון די אידען אויסצושטעהן, דערפאר, וואס זיינע אידעען און אנשויאונגען זיינען אויף די דאגמען פון דעם קריסטליכען גלויבען עהנליך.

דעמבאווסקי האט זיך ניט אבגעזאגט פון צו זיין א מתוך צווישען פראנק'ען און זיינע געגנער, און ער האט פעררופען צו זיךביידע צדדים. זיי זאלען זיך פאר איהם משפט'ען. די רבנים האבען זיך אבגעזאגט זיין פערלאנג צו ערפילען. זיי האבען דאס געטהאן ניט נאר דערפאר, וואס זיי וואלטען געווען בעדארפט ביי זיך אליין אין די אויגען זעהר לעכערליך אויסזעהן, ווענדענדיג זיך צו א קריסטליכען בישאף, ער זאל דער פוסק אחרון זיין אין ענינים, וואס בעריהרען דעם לעבענס־נערוו פון דער אידישער אמונה, נאר אויך דערפאר וואס זיי האבען פערשטאנען, וואס פאר א „משפט צדק" זיי קענען פון דעמבאווסקי'ן ערווארטען, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז די גאנצע גערעכטיגקייט זיינע וועט דעמבאווסקי פאר די פראנקיסטען האלטען, דערפאר, וואס ער האט אין איהם און אין זיינע אנהענגער קאנדידאטען אויף שמד געזעהן.

דעמבאווסקי איז זעהר אויפגערעגט געווארען דערפון, וואס די רבנים האבען זיך אבגעזאגט, צו אנערקענען איבער זיי זיין אויטאריטעט אלס שופט און האט איינגעשטימט דער־רויף, וואס די פראנקיסטען האבען איהם געבעטען, ער זאל בעשטימען אן עפענטליכען ויכוח צווישען זיי, די געגנער פון תלמוד, און צווישען די רבנים.

די רבנים האבען זיך געפרובט עטליכע מאל אויסצור־

דרעהען פון וכוח, און דער בישאף האט דערפאר אויף זיי יעדען מאל א גרויסע שטראף פון געלד ארויפגעלעגט.

ענדליך אבער זיינען זיי דאך געצוואונגען געווען צו קומען צום ויכוח, וועלכער איז פארעקומען דעם צוואנציג־סטען יוני, 1757. גאנצע אכט טעג, אין דער פריה און נאכ־מיטאג, אויסער שבת און יום טוב, זיינען די זיצונגען פאר־געקומען און פיעלע מענשען פלעגען אויף יעדער זיצונג קו־מען, דעם ויכוח צוהערען. עס איז זיך גרינג פארצושטעלען, וואס פאר א מין ויכוח דאס איז געווען. די רבנים זיינען די גאנצע צייט, כמעט, געזעסען און געשוויגען. זיי האבען געמוזט די מעהרסטע צייט א שלאס אויף זייערע ליפען האל־טען. זיי האבען, נאטירליך, אזוינע זאכען, ווי די קריסטליכע דאגמא וועגען דער דרייאייניגקייט, אדער וועגען דעם אידי־שען גלויבען אין משיח, ניט געקענט בעריהרען גאר אינגאנ־צען, אויס מורא פאר די קריסטען, וועלכע האבען בייגע־וואוינט דעם ויכוח. דאגעגען האבען זיך די פראנקיסטען די גאנצע צייט ווי אמת'ע בעלי־בתים געפיהלט. זיי האבען געטהאן אלעס, וואס זיי האבען געוואלט. זיי האבען געקענט שימפפען און שילטען דעם תלמוד און די רבנים, וויפיעל עס האט נאר זייער הארץ געגלוסט.

זיינען זיי, אלזא, די זיעגרייכע ארויס.

און דעמבאווסקי, וועלכער איז דערווייל אלס ארכי־בישאף בעשטימט געווארען האט בעשטימט דעם טאג, ווען דיביידע קעמפפענדע צדדים זאלען קומען זיין פסק־דין אויסהערען.

די רבנים, וועלכע האבען גוט די סיטואציאן פערשטא־נען, וועלכע האבען גוט געוואוסט, וואס פאר א מין פסק עס וועט זיין, האבען זיך אויך דאס מאל ארויסגעדרעהט, זיי זאלען ניט בעדארפען דעם פסק־דין הערען.

ענדליך אבער האט מען זיי מיט גוואלד געצוואונגען, זיי זאלען מיט גמרות אין די הענד, דעם פסק־דין אויסהער־רען. דעמבאווסקי האט דאן אין זייער אנוועזענהייט ער־קלעהרט דעם תלמוד אויף דעם גרונד פון די טענות און בעוויזע פון די פראנקיסטען, אלס פערברעכערישע ספרים, און האט זיין אורטהייל ארויסגעטראגען, אז מען זאל אלע גמרות פון איבעראל עפענטליך אין מיטען שטאדט פערברע־נען. און אלע די, וואס ער האט געפונען שולדיג אין דעם אנפאל אויף פראנק׳ען אין לינצקערען, האט ער שווער בע־שטראפט.

די פראנקיסטען האבען דאן זייער איינפלוס אויף דעם ריכטער פון שטאדט אויסגעאיבט, ער זאל וואס גיכער דאס פערברענען פון תלמוד אויספיהרען.

די פראנקיסטען זיינען דאן געגאנגען פון איין אידישע הויז צו דער צווייטער, פון איין בית־מדרש צום צווייטען, מיט שפאט און געלעכטער, מיט שימפפערייען און זידלערייען, און האבען מיט גוואלד יעדער גמרא אוועקגענומען. ארום טויזענד גמרות פון תלמוד האבען זיי אזוי צונויפגענומען און פער־ברענט זיי אלע אויף א גרוים פייער אין מארק.

עס איז דאן אין קאמענעץ א נייע מין אינקוויזיציע איינ־געריכטעט געווארען. מען האט דארטען נים אויף די אידען, נאר אויף דעם אידענטום א נעיעג ארגאניזירט. מען האט דארטען אן אויטא־דע־פע איינגעריכט נים פאר דעם אידי־שען גוף, נאר פאר דער אידישער נשמה.

גאט׳ס צארן האט אבער נים אויף לאנג אנגעהאלטען.

אין נאוועמבער פון 1757 איז דעמבאווסקי פלוצלונג געשטארבען, פונקט אין דער צייט, ווען ער האט זיך גע־גרייט צו פאהרען אין לעמבערג צו פערנעהמען זיין נייעם

צווישען דיזע בקשות האט זיך אויך געפונען א בקשה פון ר׳ גרשון קוטיווער אליין, אז דער בעל שם „זאל פאר איהם מתפלל זיין צו גאט, ער זאל איהם פון חוץ לארץ ארויספיהרען און זאל איהם אין גיכען קיין ארץ ישראל ברענגען“.

דאן האט זיך דארטען אויך די פאלגענדע בקשה פון די ברידער מרגליות געפונען.

*) ער זאל אונז געדענקען צו מתפלל זיין פאר אונז די ברידער, החתומים מטה, און פאר אונזערע קינדער יעקב שמואל, שאול, מרדכי און נפתלי, אז גאט זאל שטארקען אונ־זער הארץ, מיר זאלען דיענען דעם נאמען זיינעם באהבה וביראה, אמן כן יהי רצון.

הק׳ יצחק דוב בער בה״ה המנוח מו״ה צבי הירש זצלה״ה ושם אמי פיינא בת ייטא.

הק׳ מאיר בה״ה הרבני המנוח מו״ה צבי הירש זצ״ל הכ״מ**) ושם אמי כנזכר לעיל ושם אשתי דינה בת חיה.

אנגענומען איז אין דער חסידישער וועלט, אז אין די־זען מין בקשות זאל דער מבקש זיך רופען אויף דער מוטערס נאמען, כדי מען זאל פון אויבען ריכטיג וויסען, ווער דער מבקש איז. עס קען אמאל טרעפען, חלילה, אז א איד זאל ניט זיין דער זוהן פון זיין פאטער. ער איז אבער דער זוהן פון זיין מוטער שטענדיג.

און דאך האבען די ברידער מרגליות אלס א יוצא מן הכלל אויך דעם נאמען פון זייער פאטער געשריבען צוליעב

---

*) להיות לזכרון להתפלל עבורנו האחים החתומים מטה עם בנינו יעקב ושמואל ושאול ומרדכי ונפתלי שיחזק ה׳ את לבנו לעבדו באהבה וביראה את שמו אמן כן יהי רצון הק׳ יצחק דוב בער בה״ה המנוח מו״ה צבי הירש זצלה״ה ושם אמי פיינא בת ייטא. הק׳ מאיר בה״ה הרבני צבי הירש זצ״ל הכ״מ. ושם אמי כנ״ל. ושם אשתי דינה בת חיה.

**) הריני כפרת משכבו. זיין פאטער איז דאס יאהר געשטארבען.

אז דער אידישער גאט איז שוין גאר אינגאנצען אז אויסגע־שפיעלטער. טראכטענדיג דעריבער וועגען די אונענדליכע צרות, וואס ער האט דעם אידישען פאלק געבראכט, זעהענ־דיג פאר זיינע אויגען די הויפענס אש, אין וועלכע ער האט דעם תלמוד פערוואנדעלט, איז איהם א שרעק בעפאלען, האט ער פאר גאט׳ס שטראף אנגעהויבען מורא צו האבען, און האט אין דיעזער גרויסער שרעק זיינער טאקי שוין אויך זיין עונש בעקומען.

ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, מיט דעם טויט פון דעמ־באווסקי האבען די אידען פרייער אבגעאטהעמט. זיי זיינען יעצט פון פערפאלגטע אין פערפאלגער פערוואנדעלט געווא־רען. עס איז זייער אויפגאבע געווארען, זיי זאלען גענצליך די פראנקיסטען פערניכטען, זיי זאלען זיי אינגאנצען פון דעם אידישען מקור אבשניידען, דאס, וואס האט זיך זיי מיט צוויי יאהר שפעטער פאלשטענדיג איינגעגעבען.

אין 1759, פון זיעבצעהנטען יולי ביז דעם צעהנטען סעפטעמבער איז ווידער אמאל פארגעקומען אן עפענטליכער ויכוח צווישען די רבנים און די פראנקיסטען, און דאס מאל האבען די פראנקיסטען זייער פאלשטענדיגע מפלה געהאט. דער ויכוח איז פארגעקומען אין לעמבערג און איז געפיהרט געווארען אין דער אנוועזענהייט פון גלחים און שררות. די אידען זיינען פון פיערציג רבנים פערטראטען געוועזן, וועלכע האבען פון זייער זייט נאר דריי אויסגעקליבען פון זיך, זיי זאלען דעם ויכוח מיט פראנקיען אנפיהרען. דיעזע דריי זיינען געוועזן: ר׳ חיים הכהן ראפאפארט, דער ראש הרבנים פון לעמבערג, ר׳ דוד בער, דער רב פון יאנילאוויצי און דער ב ע ל ש ם. דיעזע דריי פערטרעטער פון די רבנים הא־בען מיט גרויסען טאקט און געשיקטקייט דעם ויכוח אנגע־פיהרט און האבען דעם ווערטער קאמפף געוואונען. די

גזירה פון פערברענען דעם תלמוד, אויף וועלכען פראנק האט אנגעוויזען, ווי אויף א קוואל, פון וועלכען עס שטראמט זינד און פערברעכען ארויס, אט יענע גזרה, וואס דעמבאווסקי האט פריהער מיט צוויי יאהר ארויסגעגעבען, איז בטל געווארען. און די פראנקיסטען זיינען געצוואונגען געווען, לויט דעם תנאי וואס די גלחים האבען מיט זיי פריהער אויסגענומען, איינגאנצען דאס אידישע גלויבען פערלאזען. ארום טויזענד מענשען פון זיי האבען דאן דאס קאטוילישע גלויבען אנ־גענומען.

„און נאכהער" — דערצעהלט זיך אין דער לעגענדע, וואס דעם חסידיזם האט געשאפען וועגען דער ראלע, וואס דער בעל שם האט אין דער פראנק־געשיכטע געשפּיעלט — „איז פארגעקומען א ויכוח פאר דעם בישאף פון לוואוו. עס איז איהם אבער דער פחד פון דער תורה בעפאלען און ער האט ניט מרשיע געווען. און פון דער כת הרשעה האבען זיך אלע אויסגע׳שמד׳ט, ווארום מען האט זיי גרויס חרפה און בזיון אנגעטהאן דערמיט, וואס מען האט זיי איין פאה און א האלבע בארד אבגעגאלט, כדי מען זאל דערקענען, אז זיי זיינען ניט קיין אידען און ניט קיין גוים".

## ז

# יעקב פראנק און שבתי צבי.

**דער פסיכאלאגישער חוש פון בעל שם צו פערשטעהן דעם אמת׳ען כאראקטער פון גרויסע היסטארישע פערזענליכקייטען און ערשיינונגען. — זיין מיינונג וועגען שבתי צבי און יעקב פראנק. — שבתי צבי האט געבעטען דעם בעל שם, ער זאל איהם מתקן זיין. — ענדליה האט דער בעל שם צוגעשטימט. — ער האט אנגעהויבען זיין נשמה מיט דער נשמה פון ש״צ מקשר זיין. — האט דער לעצטער געפרובט דעם בעל שם פערפיהרען. — האט איהם דער בעל־שם א שטארקען שטויס פון זיך געגעבען, און יענער איז דערפון אין שאול תחתית פערפלויגען.**

די פראנק־געשיכטע האט דעם בעל שם זיין לעבען פערביטערט. עס איז אלעם פאר זיינע אויגען און ארום זיינע דל״ד אמות פארגעקומען. ער האט מיט די אלע פיברען פון זיין נשמה בעקעמפפט די שפורען, וואס זיינען נאך אין אידענטום פון שבתי־צבי פערבליבען, און דא האט זיך פלוצלונג א נייע עהנליכע בעוועגונג ביי אידען בעוויזען, וועלכע איז נאך פון פיעל מעהר טומאה דורך און דורך דורכגעזאפט געוועזן. אין איהם האט יעדעס מאל זיין הארץ געבלוטיגט, ווען ער האט בעמערקט א שבתי־צבי׳אישען פונק אין אידישען לעבען נאך טליען, און דא האבען זיך פלוצלונג די שטילע פונקען אין אזא גרויסען און שטארקען פייער צופלאקערט. די פראנק־געשיכטע האט איהם קראנק און מיעד געמאכט. די גאנצע צייט איז זיין געדאנק נאר אין

דיעזען פונקט קאנצענטרירט געווען, און דער חסידיזם האט אונז פיעלע שעהנע לעגענדען איבערגעלאזען וועגען דער ראלע זיינער, וואס ער האט געשפיעלט, די פראנק־בעוועגונג צו פערניכטען. דער חסידיזם האט אויך איינגעהיט פאר אונז די מיינונג, וואס דער בעל שם האט וועגען שבתי צבי און יעקב פראנק ארויסגעזאגט און די פאראלעלען, וואס ער האט צווישען זיי געצויגען.

און ווי איבעראל, זעהען מיר אויך דא זיין שארף אויג, ווי עס האט אין דעם טיעפסטען תוך פון יעדער זאך גע־קענט אריינדרינגען. און די אבשאצונגען זיינע, וואס ער גיט אונז וועגען דער שבתי־צבי און וועגען יעקב פראנק זעהען מיר, וואס פאר א טיעפען פסיכאלאגישען חוש ער איז בעזעסען דעם אמת׳ען כאראקטער פון היסטארישע פער־זענליכקייטען און היסטארישע ערשיינונגען צו שילדערען, און דערביי אלעם אין אזא קאנצענטרירטער פארם, אין אזוי ווייניג ווערטער.

דער בעל שם — דערצעהלט אונז דער חסידיזם — האט שרעקליכע יסורים געהאט דערפון, וואס ער האט גע־זעהן פערשפרייט שבתי־צבי׳ס ספרים צווישען פאלק.

האט ער איינמאל, — דערצעהלט ער אונז ווייטער — געזעהן אין חלום, אז איינער פון זיין מנין האט זיך גע־שמד׳ט. איז ער אויף מארגען אין שרעק און ציטערניש פון בעט אויפגעשטאנען און האט געהייסען באלד זיין גאנצען מנין אויפוועקען. ער האט געזעהן, אז זיי זיינען אלע א דאנקען גאט געזונד און שטארק — האט ער זיי געפרעגט:

— אפשר האט, חלילה, ווער פון אייך אן עבירה גע־טהאן? און ער האט זיי דעם חלום דערצעהלט.

האט איין צדיק פון דער חבריא זיך אנגערופען, אז

יענע נאכט פאר דעם שלאף האט ער אין „חמרת־הימים" פון שבתי צבי מעיין געווען.

דער בעל שם האט אלזא קלאהר דעם אמת'ען אינהאלט פון דעם שבתי־צבי'איזם געזעהן. דאס גלויבען אין שבתי צבי האט ער מיט דעם גלויבען אין קריסטענטהום אידענטיפיצירט.

נאך שארפער כאראקטעריזירט ער דעם שבתי צבי אין א צווייטע לעגענדע, וואס ווערט וועגען איהם דערצעהלט.

איינמאל — דערצעהלט דיעזע לעגענדע — איז דער שבתי צבי געקומען צום בעל שם א תיקון פון איהם צו בעטען. און אזוי ווי דער תיקון איז געווען צו מתקשר זיין זיך „נפש בנפש, רוח ברוח און נשמה בנשמה", האט דער בעל שם זיך זעהר געשראקען, ווארום „דער שבתי צבי איז זעהר א גרויסער רשע געווען".

פונדעסטוועגען האט ער זיך אין סכנה געשטעלט, און האט זיך פאמעליך אנגעהויבען צו מתקשר זיין מיט איהם.

איז איינמאל געקומען דער שבתי צבי צום בעל שם און האט איהם אנגעהויבען „מפתה" צו זיין. ער האט איהם אנגעהויבען מסית ומדיח צו זיין.

האט איהם דאן דער בעל שם א גוואלדיגען שטויס געטהאן פון זיך, אזוי, אז יענער איז אין דער „שאול תחתית" פערפלויגען.

„האט דער בעל שם א קוק געטהאן און געזעהן, אז דער פלאץ, וואו דער שבתי־צבי האלט זיך דארטען איז שאול תחתית אויף, איז אויף איין ברעט מיט ישו הנוצרי".

און פונקט, ווי דער בעל שם האט פאר זיך קלאהר

געזעהן דעם ריכטיגען אינהאלט פון דעם סוף פון דער שבתי־צבי בעוועגונג, אזוי האט ער אויך קלאהר פאר זיך גע־זעהן דעם ריכטיגען אינהאלט פון אנהויב איהרען. פונקט ווי ער האט געוואוסט דעם ריכטיגען כאראקטער פון דער טומאה, וואס דער שבתי־צבי האט אין זיך געטראגען, אזוי האט ער אין איהר אויך געזעהן דאס ביסעל קדושה, וואס ער האט אין זיין נשמה פערמאגט.

ער האט איהם ניט גאר אינגאנצען מבטל געווען. ער האט מודה געווען, אז שבתי־צבי האט אין זיך א הייליגען ניצוץ פערמאגט, נאר דורך זיין „גדלות" און „כעס" אבער האט איהם דער ס"ם אין זיין נעץ פערכאפט, און עס איז זיין נפילה געקומען.

גאנץ אנדערש האט זיך אבער דער בעל שם צו דער יעקב פראנק בעוועגונג בעצויגען. אין זיין נשמה האט ער קיין איין ניצוץ אפילו פון קדושה ניט געפונען. ער האט איהם אלס דורכאוים טומאה בעטראכט. מען האט איהם פון הימעל געזאגט, האט ער פאר זיינע מקורבים דערצעהלט, אז די כת פראנק ימח שמה איז א סך גרעסער אין טומאה, ווי דער בעל שם איז גרויס, להבדיל אלפי הבדלות, אין קדושה.

און אויב ער האט נאך אויף דעם צום שבתי צבי א געוויסען געפיהל פון רחמנות געפיהלט, דערפאר, וואס ער האט כאטש א הייליגען ניצוץ פערמאגט, און ער האט זיך געפרובט איהם מתקן צו זיין, האט ער אויף פראנק'ען קיין רחמנות געהאט און האט איהם גאר אינגאנצען געוואלט עוקר מן השורש זיין.

ווי שטארק אבער דער בעל שם האט ניט אין זיינע אייגענע כחות געגלויבט, האט ער געפיהלט, אז ער וועט ניט בכח זיין אליין דעם רשע מכניע זיין.

ער איז דעריבער שטענדיג נידערגעשלאָגען ארומגע־גאַנגען און אַלץ געטראַכט וועגן דעם, ווי די טומאה פון אידישען לעבען צו פערטרייבען.

ענדליך — דערצעהלט די לעגענדע — האָט מען איהם פון הימעל מגלה געווען, אַז ער, דער בעל שם, און ר' מאיר פרימישליאַנער דער ערשטער מיט נאָך איינעם, ר' משה פאַסטוד, „וועלען אין דרייען קענען מכניע זיין דעם רשע פראַנק ימח שמו.

איז דער בעל שם צו ר' מאיר פרימישליאַנער געגאַנ־גען און זיי ביידע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אויפזוכען דעם ר' משה פאַסטוד.

ענדליך האָבען זיי איהם אויפגעזוכט.

האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דיעזער ר' משה איז אַ פּראָסטער און גראָבער נפש געווען. זיי האָבען איהם גע־טראָפען פּאַשענדיג שאָף אויף אַ באַרג. די שאָף זיינען געווען צושפּרייט אַרום דעם ברעג, און ער איז ביים ברעג פון אַ גרויסען גרוב געשטאַנען און מיט די אַלע כחות זיינע, האָט ער געהאַלטען אין איין שרייען: —

זיסער גאָט מיינער, מיט וואָס קען איך דיר דיענען? ווען דו וואָלסט שאָף געהאַט, וואָלט איך זיי דיר אומזיסט געפּאַשעט.

ער האָט אַלע מאָל דעם גרויסען גרוב איבערגעשפּרונ־גען און האָט מיט דעם גאַנצען כח זיינעם געשריען:

— דאָס אַלעס טהו איך צוליעב זיין נאָמען יתברך.

און, היות, ער האָט דאָס געטהאָן מיט גרויסען חשק און מיט געוואַלדיגער התלהבות אַ גאַנצען טאָג, האָט דער בעל שם געזעהן, אַ ז די עבודה פון ר' משה פאַסטוד איז גרעסער פון זיין אייגענער עבודה.

איז דאן דער בעל שם צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געזאגט, אז ער וויל מיט איהם עפעס רעדען.

האט איהם ר׳ משה פאסטוך געענטפערט:

— איך בין א „שכיר־יום" און איך טאר ניט אוועק־נעהמען מיין צייט אויף צו רעדען מיט דיר.

האט זיך דער בעל שם דאן צו איהם אנגערופען:

— פונדעסטוועגען שטערסט דו זיך דאך פון דיין אר־בייט, צו שפרינגען אלע מאל איבער דעם גרוב.

האט ער איהם געענטפערט:

פון השם יתברך׳ס וועגען מעג איך.

האט זיך צו איהם דער בעל שם אנגערופען דאמאלס:

אויך איך וויל מיט דיר פון גאט׳ס וועגען רעדען.

איז באלד דער פאסטוך אין א גוואלדיגער התלהבות אין זיין עבודה אריינגעפאלען, און יעדען מאל איז די התלהבות זיינע נאך אלץ מעהר שטארקער און גרעסער געווארען. און דער בעל שם האט געזעהן, ווי די עבודה זיינע שפאלט די פענסטער פון די הימלען און צוברעכט די קליפות.

האט זיך צו איהם דאן דער בעל שם אנגערופען:

עס איז פאראן א מאן, וואס וויל אונטערברעכען די יסודות פון אונזער אמונה.

ר׳ משה פאסטוך האט איהם געפרעגט, ווער עס איז דער מאן און איז ווידער אמאל אין גוואלדיגער התלהבות אריינגעפאלען.

אז דער בעל שם האט געזעהן, אז זיינע ווערטער מא־כען א רושם אויף דעם פאסטוך, האט ער מיט איהם אנגע־הויבען לערנען ראשי פרקים פון אידישען גלויבען.

ער האט א פרעג געטהאן דעם פאסטוך:

איז דא פאראן א ברונעם און א קוואל, צו וואשען

זיך און טובל'ען זיך, וועל איך מיט דיר נאכדעם גאט'ס תורה לערנען.

דער פאסטוך האט איהם צוגעפיהרט צו א קוואל וואסער, וואס האט זיך אונטער דעם בארג געפונען —

און זיי האבען זיך דארטען אבגעטובל'ט.

נאך דער טבילה האט דער בעל שם איהם אנגעהויבען צו לערנען דעם אלף־בית. נאכהער האט ער איהם דערצעהלט וועגן דעם חורבן בית המקדש און גלות ישראל און גלות השכינה און האט איהם געזאגט, אז עס איז שוין געקומען די ריכטיגע צייט, צו בעטען וועגען דער גלות השכינה.

און אט אזוי האבען זיי אין גוואלדיגער התלהבות פערבראכט און האבען אין דרייען מתפלל געווען און עס איז א גרויסער רעש אין הימעל געווען.

האט דער שטן, נאטירליך, ניט געוואלט ליידען עס.

און כדי די דריי צדיקים זאלען פונאנדערגעשיידט ווערען, כדי אבצושוואכען דעם רושם, וואס זייערע תפלות האבען אויפ'ן הימעל געמאכט, האט ער אונטערגעצונדען די שטאדט, און די גלעקער האבען אנגעהויבען צו קלינגען. זיינען זיך דאן די שאף און רינדער צעלאפען און האבען זיך אין פערשידענע ווינקעלער פון פעלד אויסבעהאלטען.

דאן האט ר׳ משה פאסטוך איבערגעלאזען דעם בעל שם און ר׳ מאיר פרימישליאנער און איז געלאפען די שאף צונויפקלייבען.

און מעהר האט דער שטן ניט בעדארפט.

עס איז זייער עבודה בטל געווארען, און די טומאה איז ביי איהר גאנצען פריהעריגען כח געבליבען.

ענדליך אבער האט דוקא ער — דער בעל שם — אליין דעם רשע אין הימעל בעקעמפפט.

איינמאל — דערצעהלט די לעגענדע, — ערב יום כפור,

האט דער בעל שם א גרויסען קטרוג אויף די אידען געזעהן, אז עס דראהעט זיי א געפאהר, עס זאל ביי זיי די תורה שבעל פה ניט צוגענומען ווערען.

איז ער דעם גאנצען טאג אין גרויסען טרויער ארומגע־גאנגען.

פארנאכט, ווען די איינוואהנער פון שטאדט זיינען געקומען צום בעל שם ער זאל זיי בענשען, האט ער א פאר פון זיי געבענשט, און האט זיך אנגערופען צום פובליקום, אז פאר גרויסען צער און שברות־הלב, וואס ער האט יעצט, קען ער מעהר קיינעם ניט בענטשען.

נאכדעם איז דער בעל שם באלד אין שוהל אוועקגע־גאנגען און האט דארטען דברי מוסר פאר דעם עולם גע־זאגט. נאכדעם איז ער צום ארון־קודש צוגעפאלען, און האט אנגעהויבען צו שרייען:

ווערה, ווערה, מען וויל ביי אונז די תורה צונעהמען. ווי אזוי וועלען מיר דאן קענען עקזיסטירען צווישען די אומות א האלבען טאג אפילו. ער האט זיך גרויסער הקפדה גע־פונען און האט אויך אייניגע שטרדות געגען די רבנים גע־רעדט און געזאגט, אז „צוליעב זיי איז דאס דער קטרוג, ווארום זיי טראכטען שקרים אוים בעגרינדעט אויף פאלשע הנחות" *). ער האט דאן אויך געזאגט, אז מען האט אויבען געשטעלט צום דין די אלע תנאים און אמוראים.

נאכהער איז ער פון שוהל אין בית־מדרש געגאנגען. און אויך דארטען האט ער דברי מוסר געזאגט.

נאכדעם האט מען זיך געשטעלט כל־נדרי זאגען. נאך כל־נדרי האט ער געזאגט, אז דער קטרוג ווערט אלץ שטאר־קער און שטארקער.

*) ער זאל מיינען מיט דיעזע ווערטער די צופיעל חומרות און גזירות, וואס מען וויל פון דער תורה ארויסטייטשען.

אויף מארגען האט ער די אלע בעלי תפלות געאיילט, כדי מען זאל זיך שטעלען צו תפלת־נעילה, ווען עס וועט נאך גרויסער טאג זיין. ווארום ער אליין פלעגט שטענדיג תפלת־נעילה דאווענען. פאר נעילה האט ער ווידער פאר דעם עולם דברי־מוסר געזאגט, און געהאלטען אין איין וויינען. ער האט ביים עמוד דעם קאפ אויף אונטען פער־ווארפען און נאכדעם האט ער אנגעהויבען צו זאגען די הויכע שמונה עשרה.

און דער מנהג זיינער פלעגט זיין אום ימים נוראים, אז ער פלעגט אין מחזור ניט קוקען. ווארום דער מעזשיבו־זשער רב, ר' יעקיל, פלעגט פאר איהם פארזאגען דעם פיוט פון מחזור און ער פלעגט איהם נאכזאגען.

און אז ער איז געקומען צו די ווערטער „שערי שמים פתח" אדער „פתח לנו שער" האט ר' יעקיל בעמערקט, אז דער בעל שם זאגט איהם ניט נאך. האט ער א פאר מאל איבערגעזאגט די ווערטער. דער בעל שם האט איהם אבער אלץ ניט נאכגעזאגט. איז דאן אויך ר' יעקיל אנשווייגען געווארען.

דער בעל שם האט דאן שרעקליכע תנועות אנגעהויבען צו מאכען. ער האט זיין קאפ אויף אונטער אריבערגעהאנגען, ביז ער האט זיינע פיס דערגרייכט. האט דער עולם זיך דערשראקען, ער זאל צו דר'ערד ניט פאלען. זיי האבען געוואלט צוגעהן איהם צוהאלטען, ער זאל ניט אומפאלען. האבען זיי אבער מורא געהאט.

האבען זיי מודיע געווען וועגען דעם ר' וואלף קיצים. איז ער צוגעגאנגען און האט איהם אין געזיכט א קוק גע־טהאן און האט א וואונק געגעבען דעם עולם, מען זאל זיך אין איהם ניט אנריהרען.

די אויגען ביים בעל שם זיינען דאן געווען ארויסגע־

סטאַרטשעט און „מיט זיין קול האָט ער געברומט, ווי אַ געקוילעטער אָקס".

און עס האָט אַזוי אַזוינע צוויי שעה אָנגעהאַלטען.

פּלוצלונג איז ער שנעל צו זיך געקומען, און האָט אויף גיך די תפלה געענדיגט.

מוצאי יום כפור זיינען זיי אַלע געקומען צום בעל שם, איהם מקבל פּנים זיין, ווארום אַזוי איז דער מנהג שטענדיג געווען.

האָבען זיי איהם דאָן געפרעגט, וואָס עס איז פון דעם קטרוג געוואָרען.

האָט ער זיי דאָן פאָלגענדעס דערצעהלט:

ווען איך בין די שטילע שמונה עשרה פון נעילה גע־שטאַנען, בין איך אַהן אָן עיכוב פון איין עולם צום צוויי־טען געגאַנגען. האָב איך ביי דער הויכער שמונה עשרה אויך געפּרובט איבער די עולמות העליונים צוגעהן.

בין איך אַזוי צו איין היכל צוגעקומען, האָב איך דאָר־טען נאָך איין שער בעדאַרפט דורכגעהן, ביז איך זאָל קענען צום רבונא של עולם צוקומען.

און אין דיעזען היכל האָב איך געפונען תפלות פון פופציג יאָהר, וואָס זיי האָבען קיין עליה ניט געהאַט. און יעצט אַ, צוליעב דעם וואָס מיר האָבען היינטיגען יום טוב מיט גרוים כונה געדאַוועגט, זיינען אויך יענע אַלע תפלות צו גאָט אַרויף און יעדע תפלה האָט, ווי דער מאָרגענשטערן געלייכט.

האָב איך זיך אָנגערופען צו יענע תפלות:

— פאַר וואָס זענט איהר פריהער צו גאָט ניט אַרויף?

האָבען זיי מיר געענטפערט: „מיר זיינען אַזוי אָנגע־זאָגט געוואָרען, צו וואַרטען אויף רום מעלתו, דו זאָלסט אונז פיהרען.

האב איך צו זיי געזאגט:

— קומט מיט מיר.

און דער טויער איז אפען געווען...

ווען איך האב אבער אנגעהויבען מיט די תפלות צו־געהן, איז א מלאך געקומען און האט די טיר פערשלאסען, און האט אויפ׳ן טויער א שלאס אויפגעהאנגען.

האב איך אנגעהויבען דעם שלאס דרעהען, איך זאל איהם אויפעפענען און איך האב ניט געקענט. בין איך דאן צו מיין רבי׳ן — אחיה השילוני — געלאפען, און איך האב איהם געבעטען און געשריען: „די אידען געפינען זיך אין אזא גרויסען אונגליק און מיר לאזט מען צום רבונא של עולם ניט צו".

האט ער מיר געזאגט דאמאלס:

— איך וועל געהן מיט דיר, און אויב איך וועל פאר דיר דעם טויער קענען עפענען, וועל איך איהם עפענען.

איז ער צוגעגאנגען צום שלאס, א פרואוו געטהאן איהם. אויך ער אבער האט דעם שלאס עפענען ניט געקענט.

דאן האט ער זיך אנגערופען צו מיר:

— זעהסט דאך. איך קען גארניט טהאן פאר דיר.

האב איך דאן ביטער אנגעהויבען צו וויינען פאר מיין רבי׳ן:

— ווי קענסט דו מיר פערלאזען אין אזא עת צרה...

האט ער געענטפערט:

— איך ווייס ניט, וואס איך קען טהאן פאר דיר. איך וועל אבער מיט דיר צוגעהן צום היכל־משיח.

און ווען משיח צדקנו האט מיר פון וייטענס דערזעהן, האט ער זיך אנגערופען צו מיר:

— שריי ניט!

און ער האט מיר צוויי צייכענס געגעבען. בין איך

צוגעגאנגען צום טויער און א דאנק גאָט, איך האָב אויפגע־עפענט דעם טויער און אוועקגעפיהרט די אַלע תפלות. און צוליעב אַט יענער שמחה גדולה, וואָס די אַלע תפלות זיי־נען דערהויבען געוואָרען —

איז דער קטיגור אנשוויגען געוואָרען, און איך האָב גאָרניט בעדאַרפט טענה'ן א סך. די גזירה איז בטל גע־וואָרען, און עס איז מעהר ניט, ווי די רשימה פון דער גזירה איבערגעבליבען.

---

נאָך אַלעם דעם אָבער, וואָס דער בעל שם האָט אַזא שלעכטע מיינונג וועגען פראַנק'ן געהאַט, נאָך אַלעם דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיעל כחות אַוועקגעלעגט, די פראַנק־בע־וועגונג צו בעקעמפּפען, האָט ער דאָך א שטיק צייט זעהר פיעל געטרויערט דערויף, וואָס די פראַנקיסטען זיינען געגנצ־ליך פון אידישען גלויבען אַרויסגעטראָטען.

איך הער — האָט ער געזאָגט דאַמאָלס — די שכינה וויינען. כל־זמן דער אבר איז צום גוף בעהעפטעט, איז נאָך אַלץ דאָ א האָפנונג, אַז ער וועט א רפואה האָבען. ווען מען שניידט אָבער דעם אבר אָב, איז שוין אויף אייביג קיין רפואה פאַראַן. יעדער איד, ווי שלעכט ער זאָל ניט זיין, איז פון דער שכינה אַן אבר. ווען ער געהט אָבער שוין אינגאַנצען פון אידישקייט אַוועק, ווערט די שכינה א גאַנ־צען אבר אָן.

## ח.

# די גרויסע ליכט ווערט אויסגעלאשען.

דער טויט פון בעל שם. — ער האט פאר׳ן טויט שרעקליכע יסורים געליטען. — ער האט געזאגט צום מלאך המות, אז ער איז איהם די צוויי שעה, וואס ער האט נאך צו לעבען, מוחל, אבי ער זאל איהם אויפהערען צו מאטערען. — ווען די נשמות, וואס נויטיגען זיך אין א תיקון, זיינען געוואהר געווארען, אז דער בעל־שם שטארבט באלד, האבען זיי זיך א לאז געטהאן צום בעל שם, ער זאל זיי א תיקון געבען. — איין נשמה האט ער פון שטוב ארויס געיאגט.

דער בעל שם האט זיין מיסיאן אין לעבען פערענדיגט. דעם „רשע פראנק" האט ער גענצליך מכניע געווען. די נייע בעוועגונג, וואס ער האט בעשאפען, האט ער אויף א פעסטען און זיכערען באדען אין אידישען לעבען אוועקגעשטעלט און האט זי אין געטרייע און פעהיגע הענד איבערגעגעבען. ער האט זיך געזעהן ארומגערינגעלט פון פיעלע מחנות תלמידים און חברים, אין וועלכע ער איז זיכער געווען, אז זיי וועלען מיט פיעל ליעבע ארומגעהן ארום דעם בוים, וואס ער האט אין אידישען לעבען פערפלאנצט, אז דורך זייער זארגפעלטיגקייט און ליעבע וועט זיך דער בוים אלץ מעהר און מעהר צובליהען און צעוואקסען. עס איז זיין ארבייט שוין צו ענדע געקומען און ער האט שוין בעדארפט פון דער וועלט אוועקגעהן. גאט האט איהם שוין מעהר אויף דער ערד ניט בעדארפט.

און געגלויבט האט דער בעל שם, ווי די אלע פריינד און חברים זיינע, אז ער וועט ניט ווי אלע מענשען פון דער וועלט אוועקגעהן.

דער בעל שם האט זיך געריכט די גאנצע צייט פאר זיין טויט, אז ער וועט, ווי אליהו, דורך א שטורם לעבעדי־געהייד אויפ׳ן הימעל ארויף.

יענער דור, אבער, אין וועלכען דער בעל שם האט גע־לעבט, האט ניט זוכה געווען דערצו.

איז ער אין יאהר תק״כ געפעהרליך קראנק געווארען, און נאכדעם וואס ער איז א שטיק צייט קראנק אבגעלעגען, האט ער זיין נשמה דעם הימעל אוועקגעגעבען.

פסח־צייט פון אויבענדערמאנטען יאהר איז ער געווא־רען געפעהרליך קראנק אויפ׳ן מאגען. ער איז געווארען וואס א טאג מאגערער און זיין קול איז וואס ווייטער אלץ מעהר שוואך געווארען. מען האט שוין כמעט ניט געקענט הערען, וואס ער האט גערעדט. וואס א טאג האט ער אלץ מעהר זיינע כחות פערלארען.

אויך דאן אבער, ווען ער איז שוין, כמעט, נאר הויט און ביינער געווען, האט ער אונגעהויערע קרעפטען ארויס־געוויזען, ווען עס איז צו עבודת השם געקומען.

צו יענער צייט איז צו איהם איינמאל זיין תלמיד ר׳ דוד פורקעס אריינגעקומען, ער זאל איהם פרעגען עפעס וועגען אן ענין אין עבודת אלקים.

האט איהם דער בעל שם אנגעהויבען צו ערקלעהרען אלעס, און ערקלעהרענדיג איהם דעם ענין, איז ער אין גוואלדיגער התלהבות אריינגעפאלען און דאס געזיכט זיינס האט, ווי פלאקער־פייער געברענט.

דער בעל שם האט געוואוסט, אז דער לעצטער מאמענט

פון זיין לעבען דערנעהנטערט זיך און ער האט זיך אנגע־הויבען צוגרייטען צו איהם.

אין דער נאכט פון שבועות האבען זיך די „אנשי שלומו" ביי איהם אין הויז צונויפגעקליבען, זיי זאלען א גאנצע נאכט אויפזיין, לויט דעם תיקון פון „האר"י הקדוש".

האט דער בעל שם פאר זיי פיעלע שטונדען תורה גע־זאגט.

אין דער פריה האט ער געהייסען רופען די „חברה קדושה" און האט זיי געלערענט, ווי זיי זאלען זיך מיט זיין קבורה מתעסק זיין.

נאכדעם איז ער אביסעל צו זיינע קרעפטען געקומען און האט זיך ביי איהם אין הויז געשטעלט דאווענען פאר'ן עמוד פאר דעם מנין זיינעם.

— לאמיר זיך נאך אביסעל מיט דעם רבונא של עולם דורכשמועסען —

האט ער זיך צו זיינע מקורבים אנגערופען.

נאך דעם דאווענען איז זיין תלמיד, ר' נחמן האראדענ־קער געגאנגען מתפלל זיין און בעטען זיך רחמים ביי גאט, ער זאל דעם בעל שם נאך עטליכע יאהר לעבען שענקען.

האט דאן דער בעל שם צו זיינע תלמידים געזאגט:

— אומזיסט, אומזיסט, אומזיסט איז ער מרעיש עולמות. ווען ער וואלט קענען אריינגעהן דורך דער איי־גענער טיר, דורך וועלכער איך פלעג אריינגעהן, וואלט ער מיט זיין תפלה געקענט אויפטהאן עפעס. אזוי אבער איז אלעס פערפאלען.

דערווייל זיינען געוואהר געווארען די אלע נשמות, וואס דרעהען זיך ארום אין עולם התהו, ווארטענדיג אויף א תיקון, אז דער בעל שם געהט באלד פון דער וועלט אוועק.

האבען זיי זיך אלע א לאז געטהאן צום בעל שם, ער זאל זיי מתקן זיין.

האט ער זיי אלעמען זייער תיקון געגעבען. איינע אבער פון זיי האט ער פערשטויסען פון זיך. ער האט איהר ניט געוואלט מתקן זיין.

דאס איז געווען א נשמה פון איינעם, וועלכער איז שוין אכציג יאהר טויט געווען.

אכציג יאהר, — האט דער בעל שם אנגעהויבען צו שרייען אויף דער נשמה, — אז דו וואגעלסט איבער די וועלטען ארום, און ביז היינט נאך האסט דו גאר ניט גע־וואוסט, אז עס איז דא א בעל שם אויף דער וועלט. ארויס פון דאנען, רשע.

---

און וואס טיעפער אין טאג אריין האבען דעם בעל שם אלץ מעהר זיינע כחות פערלאזען. ער האט שרעקליכע פיזישע שמערצען געליטען. אונערטרעגליך זיינען דאן די יסורים זיינע געווען.

האט מען געהערט, ווי ער האט זיך צום מלאך המות אנגערופען:

איך בין דיר די צוויי שטונדען מוחל, מאטער מיר ניט.

און נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו די מענשען, וואס זיינען געשטאנען נעבען איהם מיט די פאלגענדע ווערטער:

— דער מלאך המות, וואס פלעגט שטענדיג אנטלוי־פען פאר מיר, איז יעצט א, ווען מען האט איהם רשות גע־געבען איבער מיר, זיינען ביי איהם די פלייצעס זיינע גאר ברייטער געווארען און עס איז אויף איהם א גרויסע שמחה געווארען.

שפּעטער װײַלע זײַנען די אײַנװאױנער פון שטאָדט, דעם בעל שם אַ גוט יום טוב אָנגעקומען בעטען.

האָט ער פאַר זײ תורה געזאָגט.

נאָכדעם האָט ער געזאָגט תורה פאַר זײַנע תלמידים װעגען דעם זײדל, דוד װעלכען מען געהט פון גן עדן התחתון אויף דעם גן עדן העליון אַרויף.

אין אַ װײַלע אַרום האָט ער זיך געװאַלדיג שװאַך אָנגעהויבען צו פּיהלען.

ער האָט דאַן געהײסען זאָגען דעם עולם „ויהי נועם“.

און די יסורים זײַנע זײַנען אַלץ גרעסער געװאָרען.

די תלמידים זײַנע האָבען זײַנע שרעקליכע שמערצען ניט געקענט צוזעהן און האָבען אין אַ געװײן אױסגעבראָכען.

אַז דער בעל שם האָט זײער גרויסען צער דערזעהן, האָט ער זײ אָנגעהויבען צו טרײסטען.

— װײנט ניט, — האָט ער צו זײ געזאָגט — װײנט ניט. איך זאָרג מיר גאָרניט. איך װײס עס זיכער, אַז „דורך דער טיר װעל איך אַרויסגעהן און באַלד װעל איך דורך אַן אַנדער טיר אַרײַנגעהן“.

נאָכדעם האָט ער זיך עטליכע מאָל אָװעקגעלעגט, און צוריק זיך װידער געזעצט.

אין אַ װײַלע אַרום האָט ער געהײסען, מען זאָל איהם מיט אַ לײַלעך צודעקען —

און ער איז װידער ליגען געבליבען.

ער האָט זיך דאַן אָנגעהויבען װאַרפען און ציטערען, װי בײ שמונה עשרה, און נאָכדעם איז ער אביסעל רוהיגער געװאָרען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען די גסיסה זײַנע.

די גרויסע ליכט האָט זיך אָנגעהויבען צו לעשען.

די שטימע זיינע האט מען דאן ניט געהערט שוין מעהר.

מען האט נאר געזעהן, ווי ער האט מיט די ליפען גע־מאכט.

און אז מען האט אן אויער צוגעלעגט, האט מען איהם געהערט מורמלען די ווערטער פון „תהלים": „אל תביאני רגל גאוה"...

און אט אזוי, מורמלענדיג די הייליגע ווערטער, איז שוין אויך דער לעצטער פונק פון זיין לעבען אויסגעלאשען געווארען *).

און פונקט אין זעלבען מאמענט, דערצעהלט די לע־גענדע, ווען דער בעל שם איז אויסגעגאנגען, האבען זיך אויך די צוויי זייגערס, וואס האבען זיך ביי איהם אין הויז געפונען, אבגעשטעלט.

*) ו׳ סיון, תק״ך.

## ג.

# דאס לעבען פון בעל שם נאך זיין טויט.

אויף נאך זיין טויט האט דער בעל שם ווי א לעבעדינער מענש זיך אויפגעפיהרט. ער פלעגט אפטמאל זיין הויז בעזוכען און מיט די בני בית פערברענגען. — ער פלעגט זיך אפטמאל אויך צו זיינע אנהענגער בעווייזען. אפילו צו אזוינע, וואס האבען איהם בגים לעבען ניט געקענט. — ווען דער „רב" איז געזעסען אין פעטער־בורגער פעסטונג, איז צו איהם דער בעל שם צוזאמען מיט דעם מגיד געקומען.

און פונקט, ווי די פאנטאזיעס פון פאלק האט דעם ל ע ב ע ד י ג ע ן בעל שם אין אינטימער בעריהרונג און אין נאהענטע בעציהונגען מיט דעם ה י מ ע ל געשטעלט, אזוי האט זי אויך דעם ט ו י ט ע ן בעל שם אין נאהענטע בעציהונגען מיט דער ע ר ד געשטעלט. פונקט, ווי ער פלעגט לעבעדיגערהייד אפטמאל אויף דעם הימעל ארויפ־שטייגען, אזוי פלעגט ער אויך טויטערהייד זיך אפטמאל אויף דער ערד אראבלאזען.

אויך טויטערהייד — דערצעהלט די לעגענדע — פלעגט זיך דער בעל שם ווי אן אמת לעבעדיגער מענש אויפפיה־רען. ער פלעגט אפטמאל זיין הויז בעזוכען און מיט זיין פאמיליע פערברענגען. ער פלעגט זיך צו זיין זוהן און צו זיינע אייניקלעך בעווייזען און לעהרנען זיי, ווי צו דיענען גאט.

אפטמאל פלעגט ער זיך אויך צו זיינע תלמידים בע־וויזען.

איינמאל האבען זיך זיינע תלמידים צונויפגעזאמעלט ארומצורעדען איינינע תורה־ענינים, וואס זיי האבען פון זיין מויל געהערט.

האט זיך דאן צו זיי דער בעל שם בעוויזען און זיך אנגערופען צו זיי:

וואס זארגט איהר אזוי וועגען מיין תורה? פארוואס זארגט איהר גארניט וועגען מיין יראת שמים?

און איינמאל האט איינער פון זיינע תלמידים געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל. איז ער געגאנגען אויף דעם בעל שם׳ס קבר זיך שואל בעצה זיין מיט דעם בעל שם. נאכדעם איז ער צוריק פון פעלד מיט א גרויסער שמחה צו זיינע חברים געקומען —

ער האט זיי דערצעהלט, אז דער בעל שם האט איהם געהייסען פאהרען.

האבען איהם דאן זיינע חברים געפרעגט:

— ווי אזוי האט ער גערעדט צו דיר?

— אט פונקט — האט זיך יענער תלמיד פון בעל שם אבגערופען, — ווי איך רעד מיט אייך. ער האט גערעדט מיט מיר און איז די גאנצע צייט הארט נעבען מיר געשטא־נען.

און אויך דארטען, אויפ׳ן הימעל — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האט ער ניט וועניגער, ווי ווען ער איז אויף דער ערד געוועזן, פאר דעם בליהען און וואקסען פון דער בעוועגונג, וואס ער האט בעשאפען, געזארגט. ער איז דארטען שטענדיג אויף דער וואך געשטאנען, ער זאל זי פון יעדער שטערונג בעפרייען.

בשעת עס זיינען פערברענט געווארען, אויף דעם בע־

פעהל פון די רבנים, די ספרים פון זיין בעליעבטען תלמיד ר' יעקב יוסף, וועלכע האבען אזויפיעל מיטגעהאלפען צו דער פערשפרייטונג פון חסידיזם, האט מען — דערצעהלט די לעגענדע — א געוואלדיגען רעש אין הימעל דערהערט. עס האבען ממש אלע עולמות געציטערט. און באלד האט מען דערהערט אויסרופען:

מאכט א ווארע, דער בעל שם אליין קומט אין היכל.

דער בעל שם איז זיך געגאנגען אויס'טענה'ן מיט דעם רבונא של עולם פאר דעם אונרעכט, וואס איז צו זיין בע־ליעבטען תלמיד בעגאנגען געווארען.

און ניט נאר צו די פון זיין קרייז, וועלכע האבען איהם ביי זיין לעבען געקענט, פלעגט זיך אמאל דער בעל שם נאך זיין טויט בעוויזען. ער פלעגט זיך אמאל אויך צו די תלמידים זיינע פון א שפעטערדיגען דור אמאל בעוויזען. ער האט זיך בעוויזען אויך צו אזוינע פון זיינע אנהענגער, וועלכע האבען איהם ביי זיין לעבען קיינמאל ניט געזעהן.

ער פלעגט זיך בעווייזען צו זיי יעדען מאל, ווען זיי האבען א שווערען מאמענט איבערגעלעבט, יעדען מאל ווען זייערע געגנער האבען זיי בעקעמפפט ביטער. ער פלעגט דאן קומען צו שטארקען און טרייסטען זיי, זיי זאלען ביי זיך ניט ווערען אראבגעפאלען און זאלען ווייטער מיט זייער ארבייט פאר דער פערשפרייטונג פון זיינע לעהרען און אידעען אנגעהן.

דאס זעלבע האט אויך מיט דעם „רב", מיט ר' שניאור זלמן פון לאדי, געטראפען.

דורך די מסירות פון די מתנגדים איז דער רב פער־שפארט געווארען אין פעטערבורגער פעסטונג.

האט זיך אמאל — דערצעהלט די לעגענדע — פלוצ־לונג די טיר פון זיין תפיסה געעפענט, און דער „מגיד",

דעם רב׳ס רבי, מיט נאך איינעם אַן אַלטען מאַן, וואָס איז פאַראויס איהם געגאַנגען, זיינען צו איהם אין חדר אַריינ־געקומען. דער רב האָט דעם בעל שם ניט געזעהן. דורך זיין רבי׳ן אָבער איז ער געוואָהר געוואָרען, ווער דאָס איז.

דער בעל שם האָט אָנגעהויבען מיט דעם רב צו רעדען. ער האָט איהם די גאַנצע צייט געטרייסט און געשטאַרקט.

נאָכדעם האָט ער איהם געבעטען, ער זאָל תורה זאָגען.

האָט דער רב זיין פערלאַנג ערפילט.

האָט זיך נאָך דער תורה דער בעל שם צום מגיד אָנגערופען:

— ער זאָגט אות באות, ווי דו האָסט פון מיר מקבל געווען.

און דער בעל שם האָט דעם רב געבעטען דאָן, אַז ווען ער וועט בעפרייט ווערען, זאָל ער ניט אויפהערען זיין תורה צו זאָגען און זאָל זי וואָס מעהר צווישען זיינע חסידים פערשפּרייטען.

---

קליין איז געווען די מחנה אָנהענגער פון בעל שם אין אָנהויב, באַלד ווי ער האָט זיין „תורה שבלב" אָנגעהויבען צו פּרעדיגען. ניט פיעל זיינען געווען זיינע מיטהעלפער אין זיין קאַמפּף, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען געגען דעם אַסקעטישען גייסט פון דער אידישער געטאָ. איינער אַליין, כמעט, איז ער אַ לאַנגע צייט אויף דעם שלאַכטפעלד געשטאַנען. אפילו אין די גאָר־נאָהענטע מענשען זיינע האָט ער פאַר זיך קיין מיטהעלפער ניט געפונען.

אָבער אַ דאַנק זיינע אָרגאַניזאַטארישע פעהיגקייטען, אַ דאַנק דעם גרויסען קוואַל פון ליעבע צום אידישען פאָלק,

וואס האט אין זיין גרוים הארץ געפליסט, א דאנק דעם ווייכען און הארציגען עלעמענט פון וועלכען זיין נייע לעהרע איז געווען דורכגעזאפט — א דאנק דעם אלעם האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערגרעסערט דער שמאלער קרייז פון זיינע אנהענגער. די, וואס זיינען פריהער זיינע פערבי־סענסטע געגנער געווען, זיינען יעצט זיינע טרייעסטע אנ־הענגער געווארען. פיעלע פון די, וואס האבען איהם פריי־הער מיט דער האנד אוועקגעמאכט, זיינען יעצט זיינע תלמידים געווארען.

די לעצטע יאהרען פאר זיין טויט האט דער בעל שם שוין א גרויסע מחנה פון אפאסטאלען געהאט ארום זיך.

און מיט דער הילף פון דיעזע אפאסטאלען האט דער בעל שם זיין לעהרע פערשפרייט איבער גאנץ וואלין, פאדא־ליען און גאליציען און אויך אין מאנכע ערטער פון ליטא.

פון יאהר צו יאהר האט זיין לעהרע אלץ מעהר און מעהר אנהענגער צו זיך צוגעצויגען, אזוי, אז צו זיין טויט האט ער שוין צעהן טויזענד אנהענגער געהאט.

נאך מעהר אבער האט דער בעש״ט׳ער חסידיזם אנ־געהויבען צו וואקסען נאך דעם טויט פון זיין גרויסען לעהרער.

כל־זמן זייער גרויסער לעהרער האט געלעבט, האבען זיך די תלמידים זיינע שטענדיג געפונען מיט איהם. ס׳רוב יאהרען זיינען אלע געווען קאנצענטרירט אין איין ארט. ערשט נאך זיין טויט זיינען זיי זיך צופאהרען אין פערשי־דענע שטעדט און געגענדען.

און אומעטום, וואו זיי זיינען געקומען, האבען זיי מיט זיך די גרויסע לעהרע פון זייער גרויסען לעהרער מיטגע־בראכט. אומעטום האבען זיי אנהענגער פאר איהר ערוואר־בען. מיט ריעזען־שריט האט יעצט דיעזע לעהרע פאר־

שריט געמאכט. דער בעש"ט'ער חסידיזם איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען, ביז ער איז זיך אין א גראנדיעזער פאלקס־בעוועגונג צעוואקסען, וועלכע האט שוין אנגעהויבען צו צעהלען הונדערט־טויזענדער אין איהרע רייהען.

---

און גאנצע צוויי יאהרהונדערטע זיינען שוין אריבער, כמעט, פון זינט אז די דאזיגע בעוועגונג האט זיך אנגעהויבען.

און דאך לעבט זי און עקזיסטירט נאך אויך איצט אלס בעוועגונג.

ווארום צופיעל לעבענס־זאפטען געפינט זיך נאך אויך יעצט אין איהר. אויך יעצט פערמאגט זי נאך אין זיך צופיעל צעמענט־מאטעריאל, אויף צו פעראייניגען די אלע אנהענגער, וואס שטעהען אין איהרע רייהען, אז זי זאל אזוי גיך זיך קענען איינגאנצען אבשטעלען, אז זי זאל קענען אזוי גיך איינגאנצען אונטערגעהן.

און גאנצע הונדערט און זעכציג יאהר, כמעט, זיינען שוין אוועקגעגאנגען, זינט דער שעפפער פון דער דאזיגער בעוועגונג איז געשטארבען, און דאך שוועבט נאך דער גייסט זיינער ארום צווישען די אלע פערשידענע חסידי'ישע מחנות. ווי א לעבעדיגע און זעהבארע לעגענדע קלינגט זיין נאמען אין יעדען חסידי'ישען שטיבעל נאך אויך יעצט. עס געהט, כמעט, קיין מעת־לעת ניט אוועק, מען זאל ווען־עס־איז און וואו־עס־איז די ווערטער בעל שם ניט דערמאנען.

---

און זאגט מען „בעל שם" ביי חסידים, ווייסען אלע ווענען וועלכען בעל שם מען רעדט.

עס ווייסען עס די אלטע חסידים מיט די שנעע־ווייסע בערד, וועלכע, שטעהענדיג אנגעבויגען און אנלעהענדיג זיך

אביסעל אויף די שטענדערס, דערצעהלען זיי, אין א האלב פערטראכטען און פער'חלום'טען צושטאנד, שפיעלענדיג זיך יעדע ווילע מיט די זילבערנע האר אין זייערע גרייז־גרויע בערד וואס בעקרוינען זייערע געזיכטער, די אלע פערשיידע־נע לעגענדעס, נסים ונפלאות, מיט וועלכע דאס אידישע פאלק האט אזוי ותרנות'דיג בעפוצט און בעקרוינט ז י י ן זעכציג־יעהריגעס לעבען.

עס וויסען עס אויך די „פרחי־כהונה", וועלכע זיינען זיך ערשט אין חסידות און דביקות מתחנך, די אלע יונגע לייטלעך, וואס שטעהען הארט ארומגעשלאסען ארום די אלטע חסידים און הערען זיך איין מיט גרוים התפעלות און עקסטאז אין זייערע מעשיות, שלינגענדיג יעדעס ווארט, וואס פליסט פון זייער מויל ארויס.

עס וויסען עס אויך דאס גאנצע ביסעל „קליינוואַרג", די קליינע חברה פון די חסידים, וואס קומען צו מנחה־ומעריב אין די שטיבלעך און גנב'ענען זיך אריין אין די חסיד'ישע קרייזלעך, אין וועלכע זיי בלייבען שטעהן מיט פעררויסענע קעפלעך און מיט פערגלאצטע אויגעלעך, איינ־הערענדיג זיך אין די פאנטאסטישע לעגענדען, וועלכע ווע־בען זיך איבער זייערע קעפ, פון מויל פון די אלטע, גרייז־גרויע חסידים.

אלע, אלע וויסען דאמאלס ועגען וועלכען בעל שם יען רעדט.

אלע, אלע וויסען דאן, אז דאס רעדט מען וועגען ר' ישראל בעל־שם־טוב.

ווארום פון די אלע בעל־שם'ען, וואס זיינען ביי אידען געווען, איז נאר ז י י ן נאמען ביים אידישען פאלק פעראייביגט געווארען.

פיעלע בעל־שם׳ען זיינען געווען ביי אידען נאך פאר איהם.

פעראייביגט איז אבער נאר זיין נאמען געבליבען.

אלע, אלע האבען זיי אבגעטרעטען זייער פלאץ פאר דעם לעצטען און גרעסטען.

דורך זיין נאמען זיינען אלע אנדערע נעמען פערגעסען געווארען.

# אינהאַלט־פֿאַרצייכניס

# ערשטעס בוך

## קאפיטעל 1:

די לעגענדע וועגען דעם געבורט פון בעש״ט. — זיינע עלטערן.— זיין פאטער ר׳ אליעזר ווערט פערקויפט פאר א קנעכט. — ער ווערט דער בעל יועץ פון קעניג. — ער איז שוין דאן א בן תשעים געווען. — די טאָכטער פון פריהערינגען „יועץ המלך״ פערליעבט זיך אין איהם. — ער שטעהט ביי דעם נסיון. — גאט זאגט איהם צו דורך אליהו׳ן, אז ער וועט איהם בע־לוינען פאר דעם גרויסען קדוש השם וואס ער איז בעגאנגען, מיט א זוהן, וואס וועט די אויגען פון כל ישראל בעלייכטען.

## קאפיטעל 2:

די צווייטע לעגענדע וועגען דעם געבורט פון בעש״ט. — דער רבונו של עולם האט בעשלאסען מיט א געוואלדיג גרויסער נשמה דעם דור מזכה זיין, האט ער די נשמה פון בעש״ט אראב־געשיקט. — דער קאמפף צווישען אליהו און ס״מ. — „אבל וחפוי ראש קומט דער שטן צוריק אין הימעל פון דער שליחות זיינער.

## קאפיטעל 3:

נאך זייענדיג א קינד מוז דער בעל שם טוב דעם שיקזאל זיי־נעם אין זיינע אייגענע הענד איבערנעהמען. — ער ווערט א בעהעלפער. — פיהרענדיג קינדער אין חדר, זינגט ער מיט זיי פערשיעדענע נגונים הארציגע.— זיין געזאנג דערגרייכט ביז צום הימעל. — דער שטן וויל עס ניט ליידען. — ער איז אבער הילפלאז נעגען דעם עלענדען יתום.

## קאפיטעל 4:

דער בעל שם פערלאזט זיין געבורטס־שטאדט. — ער דיענט אלס בעהעלפער אין פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלעך. — צווישען זיינע תלמידים אין יאזלאוויץ האט זיך אויך דער בע־ריהמטער גאון ר׳ מאיר מרגלית געפונען, וועלכער איז גע־ווען איינער פון דעם בעש״ט׳ם געטרייסטע און איבערגעבענסטע תלמידים, נאכדעם ווי דער בעל שם איז נתגלה געווארען. — דער בעל שם פערלאזט בעהעלפעריי און ווערט א דארפ׳ס־מלמד. — די שילדערונג פון אידישען פילאזאף שלמה מיימון וועגען די חדרים און מלמדים צו יענער צייט.

## קאפיטעל 5:

דער בעל שם אלס דארפס־מלמד. — דאס לעבען פון די אידישע ארענדארעס צו יענער צייט. — דער בעל שם פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים אין וואלד. — צום ארענדאר אין הויז פלעגט ער קומען אבעסען. — זיין בענעהמען זיך מיט די ישוב׳ניקעס. — ער איז זייער בעל־יועץ און וועג־ווייזער געווען.

## קאפיטעל 6:

דער בעל שם איז געווארען א מלמד פאר זיך. — א שתדלן ביי די פריצים פאר די אידישע ארענדארעס. — זיין איינפלוס האט זיך פון דארף אין שטאדט אריבערגעטראגען. — דער בעל שם אלס בורר און שליש. — דער בעל שם גלייכט אויס א סכסוך צווישען ר׳ אפרים, ר׳ גרשון קוטאווער׳ס פאטער מיט איינעם פון זיין קהלה. — ר׳ אפרים נעהמט איהם פאר אן איידעם. — אויפ׳ן וועג צוריק שטארבט ר׳ אפרים. — זיין זוהן, ר׳ גרשון, וויל מבטל זיין דעם שידוך. — די כלה איז אבער דאגעגען.

## קאפיטעל 7:

דער בעל שם און זיין פרוי האבען זיך אין א דארף בעזעצט. — ער פלעגט לייהם גראבען און די פרוי זיינע פלעגט די לייהם אין א וואגען אין די נאהענטע שטעדט צום פערקויפען אוועקפיהרען. — דער בעל שם פראוועט זיבען יאהר התבודדות. — צווישען די קארפאטען־בערג האט ער זיינע גרויסע געדאנקען אויסגעטראגען. — נאך די זיבען יאהר איז דער בעל שם א שוחט געווארען.

## קאפיטעל 8:

די ערב־מאמענטען פון זיין התגלות. — דער בעל שם איז א שוחט געווארען. — די צוויי ברידער מרגליות אנטלויפען אין דארף צו איהם. — ר׳ גרשון נעהמט דעם בעל שם צו זיך און מאכט איהם פאר זיין פערד־טרייבער. — ער פערפיהרט איהם אין א בלאטע. — שיקט ער איהם ווידער פון זיך אוועק. — דער בעל שם ווערט אן ארענדאר. אויף ראש השנה פלעגט ער קיין בראד פאהרען. — ער טראגט זיך ארום שטענדיג מיט ספרים אין עברי־טייטש. — ר׳ גרשון פיהרט איהם צו איינעם פון די בראדער רבנים, ער זאל איהם אויס׳מוסר׳ען.

## קאפיטעל 9:

דער שליסענדער אקארד אין ערשטען פעריאד יאהרען פון בעל שם׳ס לעבען. — איידער משה רבנו איז א „רועה־ישראל” גע־

ווארען, האט ער גענומען פריהער א „רועה־צאן" ווערען און דער בעל שם האט גענומען פריהער א מנהיג איבער די קליינע אידישע קינדער ווערען, איידער ער איז א מנהיג איבער די גרויסע אידען געווארען. — נאך די פיעלע יאהרען פון פאר־בערייטונגען איז דער גרויסער מאמענט פון זיין התגלות גע־קומען.

### קאפיטעל 10:

דער עפאס ביי די אומות העולם וועגען די שעפפער און רע־פארמער פון זייערע רעליגיאנען און דער אידישער עפאס וועגען אונזערע. — די צוויי לעגענדען וועגען דעם התגלות־מאמענט פון בעל שם. — ר׳ גרשון קוטיווער זעהט דעם בעל־שם מיט א „זוהר" זיך ארומטראגען. — דער עונש, וואס ער האט געהאט פאר זיין שנאה צו אידען עמי־הארצים.

### קאפיטעל 11:

די דריטע לעגענדע וועגען בעל־שם׳ס התגלות. — אין יואלד צווישען די בוימער קרוינט אז עדה אידען דעם בעל־שם אלס אידישען מנהיג. — מיט א נאכט פריהער איידער דער בעל־שם איז נתגלה געווארען, האט מען איהם פון הימעל געלאזט וויסען, אז עס איז איהם שוין זעקס און דרייסיג יאהר גע־ווארען, און עס איז שוין צייט, ער זאל פאר דער וועלט זיין גרויסקייט ווייזען.

## צווייטעס בוך

### קאפיטעל 1:

דאס בליהען און וואקסען פון דער אידישער קבלה אין שפאניען.— א קורצען פעריאד יאהרען פאר דעם גלות־שפאניען האבען זיך אויף דעם פעלד פון אידישען מיסטיציזם אין שפאניען סימנים פון דעקאדענץ אנגעהויבען צו בעווייזען. — אין אנהויב פון פיערטען יאהרהונדערט האט די אידישע קבלה אנגעהויבען א נעסט פאר זיך אין פוילען בויען. — דער אונטערשיעד פון דער קבלה אין שפאניען און די קבלה אין פוילען און אין רוסלאנד.

### קאפיטעל 2:

די קבלה־מעשית אין פאדאליען. — דער איינפלוס פון אייניגע אידישע בעלי־שם׳ען אויף דער הויכער פאריזער קריסטליכער

אריסטאקראטיע. — די פאריזער קעניגין ווענדעט זיך צו איי־נעם פון זיי, ער זאל זי מיט א זרע של קיימא בענשען. — דער אונטערשיעד צווישען די בעלישם׳ען אין פוילען און די בעלי־שם׳ען אין פאדאליען.

## קאפיטעל 3:

דער בעל שם הויבט אן אנצופיהרען זיין בעל שם טהעטיג־קייט. — ער נעהמט צו א סופר, ער זאל איהם העלפען די קמיעות און לחשים שרייבען. — אין פיעלע פריצישע הויפען איז ער זייער בעצאהלטער דאקטאר געווען. — די דאקטוירים קוקען אויף איהם, ווי אויף זייער א קאנקורענט. — דער בעל שם שיקט דאך אמאל צו זיי זיינע פאציענטען. — ער בע־קעמפפט דעם גלויבען פון די אידישע מאסען אין מכשפים און טרעפער.

## קאפיטעל 4:

דער בעל שם ווערט אויך אין דער ליטא נתפרסם. — ר׳ שמואל, איינער פון די גרעסטע נגידים פון לוצק לאדעט איהם איין צו זיך אין הויז. — דער בעל שם אנטלויפט אין מיטען נאכט פון לוצק. — דער בעל שם גיט צו א אידען א גביר א בריעף צו די ראשי הקהלה פון בראד, וואס זיינען מיט צוויי און צוואנציג יאהר שפעטער אלס פרנסים אויסדערוועהלט געווא־רען. — דער בעל שם לייענט אראפ דעם צייכען פון טויט פון שטערען פון מענשען.

## קאפיטעל 5:

דער בעל שם האט ניט קיין שטענדיגע רעזידענץ. — ער בייט אלע מאל זיין וואוינונגס פלאץ. — זיין פאפולאריטעט וואקסט פון טאג צו טאג און פון אומעטום ווענדעט מען זיך צו איהם נאך רפואות און סגולות. — ער האט שוין מעהר מיט איין ארויסהעלפער ניט געקענט אויסקומען און האט געמוזט צונעהמען נאך איינעם, ער זאל איהם העלפען די קמיעות שריי־בען. — נאך א פעריאד יאהרען פון ארומוואנדערען, בעזעצט ער זיך אין מעזשיבוזש, אוואו מיט א דור פריהער איז דער ב״ח רב געווען. — די לעגענדען וועגען ב״ח.

## קאפיטעל 6:

די פאמיליע פון בעל שם. — זיין פרוי מאכט איהם א „סור־פריז״. — זי האט אזוי לאנג געשפארט, ביז עס האט זיך איהר איינגעגעבען אן אייגען הויז צו ערווערבען. — נאכדעם, וואס דער בעל־שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, האט ער שוין

מעהר ניט געוואָלט אַרומפֿאָהרען. — ווען זיין פֿרוי פֿלעגט איהם אָבער אַ פֿעטען חשבון פֿון חובות דערלאַנגען, פֿלעגט ער זיך מוזען אין וועג לאָזען. — ער האָט ביי זיך קיינמאָל קיין געלד ניט געלאָזט נעכטיגען. — ער איז אַ גרויסער בעל צדקה געווען.

## קאַפּיטעל 7 :

די התנהגות פֿון בעל שם. — צוזאַמען מיט זיינע תלמידים האָט ער אין ב״ח׳ס שוהל געדאַווענט. — קיינער האָט קיינמאָל מיט אַזאַ עקסטאַז און דביקות, ווי דער בעל שם, געדאַווענט. — אין די צעהנדליגער טויזענדער פֿלעגען צו איהם בשעת „שמונה־עשרה״ מתים קומען, ער זאָל אַ „תיקון״ זייערע נשמות געבען. — אין מיטען דאַווענען פֿלעגט ער אַמאָל דעם בית המדרש פֿערלאָזען און אין מאַרק זיך אַוועקגעלאָזען. — מיט דעם כח פֿון זיין תפֿלה האָט ער צו די אַלע הויכע מדרגות זיינע דערגרייכט.

## קאַפּיטעל 8 :

זיין עבודה דורך טבילות אין מקוה. — ווען ר׳ פּנחס קאָריצער וואָלט געווען געגאַנגען אין מקוה פֿאַר פּסח, וואָלט דער בעל שם אום שבועות ניט געשטאָרבען. — דער בעל שם פֿלעגט אַמאָל אַז איבעריגען ביסען כאַפּען און אַז איבעריג ביסעל וויין טרינקען. — קיינער פֿון זיינע תלמידים האָט ניט געקענט אַהיים פֿאָהרען ביז ער אַליין האָט זיי צו זיך אַריינגערופֿען און אַ „זיי געזונד״ געוואונשען. — אין די אָבענדען פֿלעגען ביי איהם געסט ביז עלף אַזייגער פֿערברענגען און ער פֿלעגט מיט זיי געשפּרעכען און שמועסען פֿיהרען. ווען זיי פֿלעגען אַהיים געהן, פֿלעגט יעדער איינער פֿערזיכערען, אַז נאָר צו איהם האָט דער בעל שם דעם גאַנצען אָבענד גערעדט.

## קאַפּיטעל 9 :

די וועגען און מיטלען ווי אַזוי דער בעל שם האָט זיינע תלמידים ערוואָרבען. — צו דער נשמה פֿון יעדען איינעם איז ער מיט אַ בעזונדער שליסעל צוגעגאַנגען. — ווי אַזוי ער האָט די ראשי החסידים פֿון מעזשיבוזש פֿאַר זיינע תלמידים געמאַכט. — זייער אַ תלמיד הערט אין הימעל, נאָך זיין פּטירה, דעם בעל שם תורה זאָגען. — ער קומט צו זיי אין חלום און זאָגט זיי די תורה פֿון בעל שם איבער. — דעם זעלבען שבת קומען זיי פֿאַר שלש סעודות צום בעל שם און הערען די זעלבע תורה פֿון זיין מויל. — די גרויסקייט און הייליגקייט פֿון מאַמענט, ווען דער בעל שם פֿלעגט זיך צום עסען וואַשען. — אַלע זיינע תלמידים פֿלעגען דאַמאָלס אין אַ טיעפֿען שלאָף פֿערזינקען. — פֿלעגען ערוואַכען ערשט, ווען ער האָט די „המוציא״ געמאַכט. —

ר׳ דוד פורקים הערט דאָן איינמאָל אין חלום ווי דער בעל שם מיט דעם מגיד זיינען זיך וועגען די כונה פון נטילת ידים מפלפל. — מיט עטליכע מינוטען נאָך זיין ערוואַכען, הערט ער דאָס זעלבע ביים טיש „בהקיץ" טאַקע.

## קאַפּיטעל 10 :

ר׳ ישראל חריף מאַטערט זיך אויף אַ שווערען רמב"ם. — דער בעל שם דערפיהלט עס און קומט צו איהם און פערענטפערט איהם אַלעס. — אין דעם מאָמענט, ווען דער בעל שם האָט אַנגעהויבען זיינע ענגו׳ס זאָגען, איז פאַר ר׳ ישראל חריף אַ שווערער תוספות פערענטפערט געוואָרען. — דער בעל שם האָט עס דער־פיהלט און נאָך די סליחות האָט ער זיך צו ר׳ ישראל אַנגע־רופען: אַ יאַ, מיינע „ענגו׳ס" קענען אַ טייערען פשט אויף תוספות זאָגען. — דער בעל שם זאָגט תורה אין אַ שענעם פּאַ־לאַץ אויפ׳ן הימעל. — אַ למדן מופלג, זיינער אַ מתנגד, וויל זיך אין פּאַלאַץ אריינרייסען. דער משרת שטויסט איהם אָב. — שטעלט ער זיך ביים פענסטער און הערט זיך אין דער תורה איין.

## קאַפּיטעל 11 :

די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים. — פיעלע האָט ער ניט נור מיט עסען און טרינקען אויסגעהאַלטען, ער פלעגט זיי אויך געבען געלד פאַר זייערע פרויען און קינדער. — ער פיהרט זיך אַרום מיט אַ זיעבען־יעהריגען אינגעל, אַ קינד פון זיין בעליעבטען תלמיד, ר׳ מאיר מרגלית, און פאָדערט אויף יעדען איינעם זיין זיסע און שעהנע שטימע צו בעוואונדערן. — דעם מעזשעריטשער מגיד האָט ער געדונגען אַ דירה אין מעזשי־בוזש און האָט איהם נאָך געגעבען דערצו צוועלף גילדען אַ וואָך אויף דער הוצאה.

## קאַפּיטעל 12 :

אַלעס, וואָס ער האָט אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד גע־זעהן, האָט ער פאַר זיינע תלמידים דערציעהלט. — דער בעל שם רופט אַרויס דעם ס"ם און הייסט זיינע תלמידים האַלטען זייערע שטערענס אַבגעדעקט, כדי עס זאָל זיך אַנזעהן דער צלם אלהים זייערער. — וועט זיי דער ס"ם ניט קענען מזיק זיין. — דער ס"ם בעט זיך, מען זאָל איהם לאָזען שטעהן אַ ווײַלע, כדי ער זאָל זיינע אויגען קענען זעטיגען מיט דעם צלם אלהים, וואָס ער זעהט אויף דעם בעל שם׳ס תלמידים.

## קאַפּיטעל 13 :

דעם בעל שם׳ס סידור. — יעדער איינער פון זיינע בעליעבטע תלמידים פלעגט דאַרטען זיין בקשה אַנשרייבען און דער בעל

שם פלעגט פאַר איהם מתפלל זיין. — די נשמה זיינע האָט ניט געוואָלט אויף דער וועלט אַראָבגעהן ביז מען האָט איהר ניט צוגעזאָגט זעכציג גבורים געבען, וועלכע זאָלען זי היטען שטענדיג.

## קאַפּיטעל 14:

ווי אַזוי דער בעל־שם האָט דעם „בעל־התולדות" פאַר זיינעם אַ תלמיד ערוואָרבען. — דער תולדות איז געווען רב אין שאַראַ־גראַד. — איינמאָל איז ער געקומען דאַווענען „ותיקין" אין בית־מדרש, ווי זיין שטייגער פלעגט שטענדיג זיין. — האָט ער קיינעם ניט געטראָפען. — אַלע זיינען געשטאַנען אין מאַרק און איינגעהערט זיך אין בעל שם׳ס משלים און מעשה׳לעך. — „אויב אַ איד בעזיצט אַזאַ כח אַ גאַנצע עדה אידען מיט זיינע משלים פון תפלה מבטל זיין, מוז אין איהם אַ גרויסער כח זיין" — האָט דער תולדות געזאָגט צו זיך און איז פון דאַ־מאָלס אָן זיינער אַן אָנהענגער געוואָרען. — מען טרייבט ערב שבת דעם תולדות פון שאַראַגראַד אַרויס. — ער מוז אין דאָרף שבת האַלטען, און דער בעל שם מיט זיינע תלמידים פאָהרען אויך אַהין, כדי אַביסעל זיין צער צו שטילען.

## קאַפּיטעל 15:

דער בעל שם האָט קיינעם צווישען זיינע תלמידים ניט געפּוֹ־גען, וואָס זאָל ראוי זיין זיינער אַ ממלא־מקומו צו ווערען. — נאָך וועניגער האָט זיין איינענער בן־יחיד זיין גייסטיגער יורש געקענט זיין. — ער האָט קיינע ציגע פון אַ גרויסער פערזענליכ־קייט אין זיך ניט פערמאָגט. דער בעל שם האָט געהאַט אַן אויג אויף דעם מעזעריטשער מגיד. — יענער איז אָבער נאָך זיינער אַ מתנגד געווען. — ענדליך האָט ער איהם דאָך אין זיין קרייז אַריינגעבראַכט. — די לעגענדען וועגען דעם, ווי אַזוי ר׳ בער איז דעם בעל שם׳ס אַ תלמיד געוואָרען.

# דריטעס בוך

## קאַפּיטעל 1:

ניט קיין נייע אידעענטום איז דעם בעל שם׳ס חסידיזם. — ניט קיין נייע שטריכען אפילו איז ער. — ער איז נאָר די אונ־טערשטרייכונג פון געוויסע שטריכען אין אידענטום. — דאָס אַרויסשטעלען אין פראַנט פון אייניגע עלעמענטען זיינע. —

א געוויסע פראקטעסטאנטישע בעציהונג ניט נור צום תלמוד'ישען אידענטום, נאר אויך צו דער קבלה. — אויך די קבלת האר"י ניט אויסגעשלאסען. — אין געגענטייל צו דער קבלת האר"י איז דער בעש"ט'ער חסידיזם מעהר הארציגע פרעדיג, ווי טעאריע: מעהר לעבענס־סיסטעם, ווי אבסטראקציע. — די פילאזאפיש־מיסטישע פארשטעלונג פון דער אידישער קבלה וועגען דעם לעבען און עקזיסטענץ פון גאנצען אוניווערזום.

## קאפיטעל 2:

דער אונטערשיעד צווישען דער מעטאפיזישער לעהרע פון דער אידישער קבלה און צווישען דעם שפינאציזם: דער מאנאטעאיזם גלויבט אין דואליזם אין דער נאטור, וועהרענד דער פאנטעאיזם גלויבט אין מאניסטישען פרינציפ. — דער אונטערשיעד צווישען דעם מאנאטעאיזם און פאנטעאיזם: לויט דעם ערשטען איז דאס העכסטע וועזען א רעאליטעט פאר זיך; לויט דעם צווייטען אבער, עקזיסטירט דער משפיע נאר אין דער השפעה זיינער. — די מעטאפיזיק פון בעל שם איז מעהר נאהענט צום שפינאציזם, ווי די אידישע קבלה בכלל איז צו איהם נאהענט. — דער „סוד־הצמצום לויט דעם האר"י און לויט דעם בעש"ט.

## קאפיטעל 3:

די צוזאמענהאנג צווישען די „עולמות העליונים" מיט דעם „עולם התחתון". — גאט איז איבעראל, אפילו אין די עבירות, וואס דער מענש טהוט. — דער חטא אליין ווי אויך דער תענוג פון חוטא קוועלט פון תענוג העליון ארויס. — אין טיעפען שורש זייערען איז דאס גוטע מיט דעם שלעכטען פעראייניגט. — דער ענין פון „המתקת הדינים". — די שלעכטע מידות פון רשע ווערען ביים צדיק אין גוטע פערוואנדעלט. — אין אלעם דעם, וואס האט אירגענד־וועלכע גייסטיגע אדער מאטעריעלע עקזיסטענץ, איז די גאטהייט פאראן. — קיין זאך איז דעם מענשען ניט אזוי נאהענט, ווי גאט איז איהם נאהענט: גאט האט זיך נאר מיט פערשיעדענע מחיצות פערשטעלט. — איז אבער שטארק ביים מענשען דער בענעהר גאט צו זעהן — פערשווינד'ען דאן די אלע מחיצות באלד.

## קאפיטעל 4:

פאראלעלען צווישען דער פאנטעאיסטישער אידעע פון שפינאזא און צווישען דער זעלבער פון בעל שם. — דער אונטערשיעד אין דעם אינהאלט פון דער פאנטעאיסטישער פארמולא „אלעס איז גאט און גאט איז אלעס" לויט דעם שפינאציזם און לויט די בעלי־הקבלה. — ביי דעם ערשטען איז

דיעזע פארמולא אז ענטפער אויף דער פראגע: „וואס איז גאט?" — דער פאנטעאיזם פון שפינאזא גרענעצט זיך מיט אטעאיזם און דער פאנטעאיזם פון בעל שם איז דער העכסטער און שעהנסטער אויסדרוק פון אידישען מאנאטעאיזם. — דער גאט פון בעל שם איז דאס געוויסען און בעוואוסטזיין פון דער וועלט; און פריי איז ער שטענדיג אין זיינע טהאטען און ווי־לען זיינעם. — דער גאט אבער פון שפינאזא איז אפילו איבער זיך אליין קיין בעל הבית ניט. — ער איז א געשמידטער שקלאף שטענדיג אין די אייזערנע קייטען פון אורזאכען און קאנסע־קווענצען. — ניט זיין פרייער ווילען איז די טרייבענדע קראפט אין דער נאטור נאר דער דעטערמעניזם.

# פיערטעס בוך:

## קאפיטעל 1:

ניט נאר אין דער מעטאפיזישער שיטה זיינער אליין איז דער בעל שם זיך זיין אייגענעם וועג געגאנגען, נאר אויך אין בע־צוג צום פראקטישען אידענטום האט ער זיין אייגענעם וועג גע־האט.—דער אונטערשיעד צווישען דער רבנישער אידישקייט און צווישען דער אידישקייט, וואס די קבלה פרעדיגט. — די פאל־שע מיינונג פון מאנכע, וועלכע שטעלען ארוים די קבלה אלס בעוועגונג, וועלכע האט געשטרעבט דאס רבנישע אידענטום צו בעקעמפפען.

## קאפיטעל 2:

די קבלה איז שטענדיג נאר א פאזיטיווע אידישע בעוועגונג געוועזן, ניט קיין נעגאטיווע. — זי האט קיינמאל קיינע להרוג־ולהשמיד־טענדענצען בנוגע צום רבנישען אידענטום ניט פער־מאגט. — אלעס וואס די „ראשונים" און די „אחרונים" האבען מחדש געוועזן, האט זי אלס „תורת אמת" בעטראכט. — אין איינצעלנע פעלע נאר זיינען די בעלי הקבלה מיט די פוסקים מחולק. — די קבלה האט נאך מעהר ערנסטען, מעהר אינערלי־כען ווערטה דעם ענין פון מקיים זיין די מצוות צוגעגעבען. — זי האט עס מיט די עולמות העליונים פערקייטעלט. — טהוט מען אן עבירה ווערט מען פון מקור החיים אבגעשניטען. — טהוט מען קיין מצוות ניט, בלייבט מען אהן די נויטיגע „צנורות" דורך וועלכע די גאטהייט זאל קענען צו אונז איהר שפע־ברכה ממשיך זיין. — נאר די לינקע מיסטישע בעוועגונ־גען ביי אידען האבען געשטרעבט די מצוות המעשיות צו בע־

קעמפפען. — זיי האבען אבער געציעלט זייערע פיילען נים נאר נגען דער תורה פון די רבנים, נאר אויך נעגען תורת משה. — אין זייער מיסטישען וואהנזין האבען די פארשטעהער פון דיעזע בעוועגונגען נים נאר אלס משיחים און גאונים זיך בע־טראכט, נאר אויך אלס געטער און האלב־געטער. — נים נאר א פריי לעבען האבען זיי געוואלט דעם אידישען פאלק ברענ־גען, נאר אויך א נייע תורה און א נייע רעליגיאן, און דעריבער האט זיי די אידישע געשיכטע מיט „כרת“ געשטראפט.

## קאפיטעל 3:

פאראלעלען צווישען דער שיטה פון האר״י וועגען עבודת השם און צווישען דער שיטה פון בעל שם. — די שיטה פון האר״י פרעדיגט, דער מענש זאל זיך אין גאט פ ע ר ל י ר ע ן. — די שיטה פון בעל שם אבער פרעדיגט, אז דער מענש זאל זיך נ ע פ י נ ע ן אין גאט. — דער האר״י הייסט דעם אידען שטענ־דיג מיט טרעהרען זיך בעגיסען. — וויינען איז ביי איהם די העכ־סטע מדרגה אין עבודת השם. — דאגעגען האט דער בעל שם נאר געגונג ווערטער נים, די מדה פון וויינען צו פעראורטיי־לען. — דער בעליעבסטער טערמין זיינער איז „צו דיענען גאט מתוך שמחה.“

ערגער פון דעם חטא אליין איז די מורא פאר דעם חטא. —

## קאפיטעל 4:

אפטמאל איז דיעזע מורא נאר אין גאנצען נור מעשה שטן: ער וויל דעם מענשען אין עצבות ברענגען. — מען קען זיין א צדיק אפילו נאר דורך תהלים זאגען. — גאט וויל מען זאל איהם אויף אלערליי אופנים דיענען: אמאל אויך אפילו דורך דברים בטלים רעדען. — די אלע דבורים פון דעם מענשען קען מען מיט דער שכינה מיחד זיין. — אלעס אין לעבען איז אין מיסטעריעזען מאנטעל איינגעהילט. — אלעס איז נשמה, אלעס איז קדושה. — טיילען פון איין גרויסער נשמה זיינען איבער דער גאנצער וועלט פערשפרייט. — א מענש נעהמט אמאל א וויימע נסיעה אונטער, לויט ווי ער מיינט, צוליעב פער־שיעדענע אייגענע געשעפטען. אין אמת׳ן אבער שיקט איהם די השגחה אהין, ער זאל דארטען, מיט זיין עסען, א ברייטעל, וואס בעלאנגט צו זיין שורש נשמה, מתקן זיין.

## קאפיטעל 5:

זיין גאנצע אמונה און זיין גאנצע יראה בעדארף דער מענש נאר גאט אוועקגעבען. — אנשטאט דעם טייל זאל ער דעם גאנצען זיין נשמה אוועקגעבען. — אין זיין גלויבען אין גאט זאל קיין שום פנימה נים זיין. — ער פרעדיגט אבער נים

קיין בלינד גלויבען. — דער מענש דאַרף וויסען דעם סוד פון זיין אחדות יתברך. — אמת, ער וועט צום סוף אליין קיינמאָל ניט דערגעהן. — זאָל ער אָבער די אַלע שטהנע פּלאַצען, וואָס בעדאַרפען פיהרען צו איהם, דערזעהן.

## קאַפּיטעל 6:

דער געדאַנק פון מענשען איז שטענדיג היילינ. — ווי זינדיג א געדאַנק זאָל ניט זיין, קען מען נאָר אַלץ אין איהם אליין זיין תקון געפינען. — ווע די שעהנקייט פון א פרוי ברענגט אונז צו מחשבות זרות, בעדאַרפען מיר איהר שענקייט מיט דעם מקור היופי, מיט דער געטליכקייט פעראייניגען, וועלען מיר דאַן פון מחשבות זרות ניצול ווערען. — אַנשטאַט איהר שעהנ־קייט צו בעוואונדערען, וועלען מיר דאַן בעוואונדערען די גאָט־הייט — די מדה פון צדקה. — צדקה שלא לשמה איז דאָך בע־סער, ווי אין גאַנצען קיין צדקה ניט געבען.

## קאַפּיטעל 7:

פון די אַלע מדות טובות איז די מדה פון ענוה די גרעסטע. — גלייכגילטיג בעדאַרפען מיר יעדער זאַך אויפנעהמען. — אויך אין עבודת הבורא בעדאַרף מען אַביסעל אַן עניו זיין. — מען בעדאַרף זיך ניט רייסען צו מכוון זיין אַזויגע כונות, וואָס זיינען העכער פון אונזער השגה. — צופיעל עניו בעדאַרף מען אויך ניט זיין. — דאָס איז מעשה יצר הרע. — ער וויל איינ־רעדען דעם מענשען, אַז ער איז צו קליין, צו אונוויכטיג, ער זאָל קענען מיט זיין תורה ותפלה די געטליכע שפע אויף די עולמות ממשיך זיין.

## קאַפּיטעל 8:

די וויכטיגקייט פון תפלה. — אַ איד, איידער ער שטעלט זיך דאַווענען, בעדאַרף ער גרייט זיין אויסצוגעהן ביים דאַווענען פאַר גרויס דביקות אין השם יתברך. — דער בעל שם קען ניט אַריינגעהן אין אַ בית מדרש, ווייל ער האָט דאָרטען פאַר זיך קיין פּלאַץ ניט געקענט געפינען. — עס איז דאָרטען — האָט ער געזאָגט — אַ גרויסע ענגשאַפט געווען, ווייל די אַלע תפלות פון די מתפללים זיינען אין בית המדרש געבליבען, דערפאַר וואָס זיי זיינען „שלא לשמה" געווען, האָבען זיי אויפ'ן הימעל ניט געקענט אַרויפגעהן. — אויף איינעם, וואָס ער האָט גע־טראַפען שטאַרק פערטיעפט אין זיין לערנען, האָט ער געזאָגט, אַז פון גרויס פערטיעפטקייט אין זיין לערנען, האָט ער אפילו אין גאָט פערגעסען. — דער וואָס לאַכט פון אַ אידען, וואָס שאָ־קעלט זיך ביים דאַווענען, איז אַ נאַר און אַן אכזר.

## קאפיטעל 9 :

דער פערזענליכער מאגנעטיזם פון בעל שם. — מענשען, וואס געהען שטענדיג, ווי אן עמוד האש, אין לעבען ארום. — די צוויי פארמולען אין דער אידישער קבלה: „לית מחשבה תפיסה ביה כלל" און „לית אתר פנוי מניה" שאפען א באדען פאר דעם אידישען מיסטיקער, זיין הארץ זאל זיך שטענדיג אין גוואלדיגער בענקעניש צאפלען. — עס איז נאך קיינער מיט אזא גרויסען שרעק און מיט אזא גרויסען תענוג פאר דער גרויסער מיסטעריע פון עקזיסטענץ און לעבען געשטאנען, ווי דער בעל שם איז פאר איהר געשטאנען.

## קאפיטעל 10 :

דער ענין פון דבקות. — א מענש וואס וויל גאט געפינען, בעדארף פון זיין אייגענעם איך פערלירען. — נאר אזוי ארום קענען מיר צו דער מדרגה פון אמת'ער דביקות דערגרייכען. — דער משל, וואס דער בעל שם ברענגט דערויף. — ווען מען פערלייט שטיקלעך זילבער צוזאמען רייבט מען זיי פריהער גוט אב אין די פלעצער, וואו זיי ווערען צוזאמענגעלייט, נאר דאן קענען זיי זיך האלטען גוט. — דער חלום פון בעל שם'ס זוהן. — עס האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז ער האט זיך פון א הימעל־הויכען בארג אין א טיעפען תחום אראבגעשליידערט און אלע זיינע ביינער זיינען אין ברעקלעך צושאטען געווארען. — נאכדעם האט זיך צו איהם אין חלום זיין פאטער אנגערופען: „אט אזוי בעדארף מען גאט דיענען!" — אויב א מענש זעהט עמיצען אן עבירה טהאן, איז א סימן, אז אויך ער אליין איז אין דיעזער הינזיכט „געכאפט". — מען האט איהם דערמיט פון הימעל מרמז געווען, ער זאל זעהן מתקן זיין דעם פגם זיינעם.

## קאפיטעל 11 :

דער בעל שם איז געווען דער גרינדער פון צדיקיזם. — ער האט אין די הענד פון די צדיקים די שליסלען פון הימעל און ערד איבערגעגעבען. — ניט נאר אבער גרויסע מאכט אליין האט דער צדיק, ער האט אויף זיך אויך גרויסע פעראנטווארטליכקייט. — ער בעדארף אונאויפהערליך צו גרעסערע שלימות שטרעבען. — ווען דער צדיק פיהרט זיך אויף ווי א פראסטער מענש אפילו, בעדארפען איהם אויך דאן זייטיגע מענשען ניט פעראורטיילען. — מענליך, אז ער דיענט אזוי גאט. — ר' ליב שרה'ס איז געפאהרען צום „מגיד" נאר דערויף, ער זאל זעהן, ווי ער בינדט אב און פערבינדט די זאקען זיינע. — דער בעל־שם האט אבער אויך די נפילה פון צדיקיזם פארגעפיהלט. — ער האט מורא

געהאט, אז פון דער נייער שיטה וואס ער האט בעשאפען, זא־לען קיינע פיעלע שיטות נים ווערען. — פאר זיינע אינטימע פריינד פלעגט ער די לעצטע יאהרען פאר זיין טויט ארויס־זאגען זיין גרויסע זארג וועגען דער צוקונפט פון דער בעווע־גונג, וואס ער האט געשאפען.

## קאפיטעל 12 :

דער דעמאקראטיזם און דער אופן, ווי דער בעל שם פלעגט זיין תורה פערשפרייטען. — מיט א לולקע ציבעק אין מויל פלעגט ער אין די גאסען שטונדען גאנצע מיט זיינע צוהערער פערברענגען. — ביים שלש־סעודות פלעגט ער פאר זיינע תלמידים זאגען די תורה, וואס ער האט בייטאג פאר דער „פמליא של מעלה" געזאגט. — אין צווייטען גלגול גלייכען די מענשען אוים צווישען זיך די „משפטים", וואס זיי האבען צווישען זיך אין ערשטען גלגול געהאט.

## קאפיטעל 13 :

אויך די פארם, אין וועלכען דער בעל שם האט זיינע אידעען אויסגעדריקט, איז דעמאקראטיש געוועזן. — ער פלעגט זיך מיט משלים, הלצות און קאלאמבורען בענוצען. — אויך אין זיין דעמאקראטיזם האט זיך אבער שארף זיין אינדיווידואליזם נעפיהלט. — עס ליעגט אויף די אלע משלים און ווערטלער זיינע דער שטעמפעל פון זיין גרויסער פערזענליכקייט. — זיי צייכענען זיך אוים מיט פיינער פקחות און פילאזאפישען הומאר.

## קאפיטעל 14 :

דער בעל שם האט איינגעטיילט די ארבייט צווישען זיינע תלמידים. — דעם מעזשיריטשער מגיד האט ער אלס זיין ממלא־מקומו בעשטימט. — דעם „בעל התולדות", ער זאל מיט זיין פעדער פאר דעם חסידיזם קעמפפען. — דעם פאלאנאהער מוכיח פלעגט ער ארומשיקען אין די בתי־מדרשים צו דרש'ענען. — ר׳ דוד לאה'קעס און אנדערע פלעגט ער דורך „קפיצות הדרך" אין ווייטע מקומות שיקען, זיי זאלען דארטען „מופתים" און „נסים" אין זיין נאמען ווייזען.

# פינפטעס בוך

## קאפיטעל 1 :

די סאציאלע און עקאנאמישע לאגע פון די אידען אין פאדא־ליען. — פלעגט אמאל א גוי אין כעס ווערען אויף א אידען,

פֿלעגט ער לויערן אויף איהם אין וועג און דער׳הרג׳ענען. — דער „עלילת־דם״ אין זאַסלאַוו אין יאָהר תק״ז. — עטליכע אידען זיינען דורך דיעזען בלבול אומגעקומען. — צוויי אידען האָבען זיך גע׳שמד׳ט, איידער מען האָט איבער זיי זייער טויט־אורטהייל אויסגעפֿיהרט. — די גלחים האָבען זיי צוגעזאָגט, אַז מען וועט זיי דערפֿאַר שענקען דאָס לעבען. — ווען די קרבנות האָבען אָבער געזעהן, אַז מען האָט זיי אָבגענאַרט, האָבען זיי חרטה געהאַט דערויף וואָס זיי האָבען זיך גע׳שמד׳ט און זיינען אוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט מיט דעם „שמע ישראל״ אויף זייערע ליפּען.

## קאַפּיטעל 2:

דעם בעל־שם׳ס חבריא ווערט מיט איינעם וועניגער. — ר׳ גרשון קוטאָווער איז אוועקגעפֿאָהרען קיין ארץ־ישראל. — זעקס יאָהר האָט ער געוואוינט אין חברון. — נאָכהער איז ער געפֿאָהרען אַהיים זיך זעהן מיט זיינע חברים און אויסגעבען זיינע קינ־דער. — באַלד נאָכדעם האָט ער זיך צוזאַמען מיט זיינע קינדער צוריקגעקעהרט קיין ארץ־ישראל. — די ירושלים׳ער קהלה האָט איהם יעצט ניט געלאָזט פֿאָהרען וויטער. — זי האָט געוואָלט, ער זאָל וואוינען אין ירושלים. — ר׳ גרשון מיט דעם בעל שם האָבען זיך יעצט פֿון דערוויטענס נאָך מעהר ווי פֿריהער, ליעב געקראָגען. — דער בעל שם האָט קיין זאַך פֿון זיין שוואָגער אין זיינע בריעף ניט בעהאַלטען.

## קאַפּיטעל 3:

דער בעל שם האָט אַ עלית־נשמה געהאַט. — האָט דאָרטען אין הימעל משיח׳ן געזעהן. — האָט ער איהם געפֿרעגט: „ווען קומסטו?״ — דערויף האָט איהם משיח געענטפֿערט, דאַז, ווען די תורה זיינע—די תורה פֿון בעל שם—וועט איבעראַל פֿער־שפּרייט ווערען. — מען האָט איהם דערנאָך פֿיעלע נייע סודות מגלה געווען. — האָט ער זיך געבעטען, מען זאָל איהם אייניגע פֿון זיי ערלויבען פֿאַר זיין שוואָגער מגלה זיין. — מען האָט איהם אָבער דערויף קיין ערלויבניש ניט געגעבען.

## קאַפּיטעל 4:

די געגנערשאַפֿט פֿון „נודע ביהודה״ און ר׳ חיים סאַנצער צום בעל שם. — זיי האָבען גערופֿען אַ אסיפֿה פֿון רבנים אין

בראד, דעם בעל שם אין חרם ארייננצוּוואַרפען. — דער בעל שם האט דאס דערפיהלט, האט ער געשיקט ר׳ וואלף קיצים קיין בראד, ער זאל זייער פלאן צו נישט מאכען. — אויף אן אסיפה פון וער ארבע הארצות האט מען געשיקט רופען דעם בעל שם. — דארטען האט מען איהם געפרעגט, ווי איז דער דין ווענען דעם, ווען איינער פערגעסט יעלה ויבוא זאגען. — דערויף האט זיי דער בעל שם געענטפערט, אז דער דין איז אינגאנצען אן אי־בעריגער. — ער פערגעסט קיינמאל סיי ווי ניט. — זיי, וויע־דער, די רבנים, ווען זיי זאלען אפילו נאכאמאל שמונה עשרה זיך שטעלען, וועלען זיי ווידער אמאל פערגעסען יעלה ויבוא צו זאגען.

## קאפיטעל 5:

א שוואכער אבקלאנג פון דער געגנערשאפט צום בעל שם אין אויסלאנד, האט פאר זיך אויך ארום דעם בעל שם׳ס טעריטא־ריע פלאץ געפונען. — אונטער דעם איינפלוס פון גרויסען אויטאריטעט פון „נודע ביהודה“ איז דער בעל שם פון צייט צו צייט אויך אויף זיין איינענעם באדען בעקעמפפט געווא־רען. — דער דאקומענט ווענען דעם חרם, וואס מען האט אויף דעם בל שם אין אוסטראה ארויפגעלעגט. — דער וועג, ווי דער בעל שם האט אויף די זלזולים פון זיינע געגנער געענט־פערט. — זיי ווילען איהם אין חרם ארייגלעגען, און ער האלט זיך זיי אין איין ערקלעהרען אין ליעבע שטענדיג.

## קאפיטעל 6:

די געגנערשאפט פון ר׳ יצחק דראהאוויטשער און ר׳ נחמן קא־סאווער צום בעל שם. — דורך דעם מלאך, וואס איז ממונה אויף די מחייבות פון מענשען, האט דער בעל שם צוטומעלט ר׳ יצחק׳ס געדאנק. — ר׳ יצחק מיינט אויף פרייטאג, אז עס איז ערשט דאנערשטאג, און לאזט זיך אין וועג אריין. — אין מע־זשיבוזש האט ער זיך זיין טעות דערוואוסט, און האט דארטען געמוזט שבת האלטען. — איז דאן צווישען איהם און בעל שם שלום געווארען. — ר׳ יצחק דראהאוויטשער האט איינמאל בע־שווארען די מלאכים אין הימעל, זיי זאלען דעם בעל שם ניט פאלגען. — שבת בייטאג איז איינמאל דעם בעל שם׳ס נשמה ארויף אין הימעל. — האט איהם דארטען זיין געשטארבענער פריינד ר׳ נחמן קאסאווער אנגעהויבען צורעדען, ער זאל שוין דארטען אויף שטענדיג בלייבען און לאזען זיין גוף טויט אויף דער ערד. — ער האט שוין דערויף שיער ניט איינגעשטימט. — פונקט אין דעם מאמענט האט איהם זיין פרוי פון שלאף אויפ־געוועקט.

# זעקסטעס בוך:

## קאפיטעל 1:

די וואונדערליכע פערזענליכקייט פון „אור החיים". — א מאן פון שעהנעם און ברייטען סטיל אין זיין נשמה. — זיין גלוי־בען אין זיך איז פאבעלהאפט. — ער האט געגלויבט, אז ער איז משיח. — אין זיינע ספרים שילט ער מיט קללות יעדען איינעם, וואס וועט וואגען האבען אן אנדער מיינונג, ווי ער. — דער „פרי מגדים", וועלכער רעדט וועגען יעדען פוסק מיט דעם גרעסטען רעספעקט און הכנעה, האקט אבער איהם זעהר אפט גאר קורץ און קאלט אב.

## קאפיטעל 2:

דער בעל שם פאהרט קיין ארץ ישראל, זיך זעהן מיט דעם „אור החיים", זיי זאלעןביידע מיט פעראייניגטע כחות די גאולה מיט געוואלד ברענגען. — פון הימעל האט מען דעם בעל שם מרמז געווען, ער זאל ניט פאהרען. — ער האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט. — קיין ארץ ישראל איז ער אבער טאקע ניט פערפאהרען. — ער איז קוים א לעבעדיגער צוריק אהיים נעקומען.

## קאפיטעל 3:

די פראַנק־בעוועגונג. — שבתי צבי און יעקב פראנק. — די טענדענץ פון דער פראנק בעוועגונג איז שוין פון אנהויב אן געווען, דאס אידישע פאלק צו שמד פיהרען. — די פראנקיסטען האבען אין א שרעקליכען סעקסועלען שמוץ געלעבט. — אין 1757 האבען זיי א וכוח מיט די אידען געהאט. — דעמבאווסקי האט פעראורטהיילט דעם תלמוד צו פערברענען. — אין א שטיקעל צייט ארום איז דעמבאווסקי געשטארבען. — מיט צוויי יאהר שפעטער האבען די פראנקיסטען זייער פאלשטענ־דיגע מפלה געהאט.

## קאפיטעל 4:

דער פסיכאלאגישער חוש פון בעל שם צו פערשטעהן דעם אמת'ען כאראקטער פון גרויסע היסטארישע פערזענליכקייטען און ערשיינונגען. — זיין מיינונג וועגען שבתי צבי און יעקב פראנק. — שבתי צבי האט געבעטען דעם בעל שם ער זאל איהם מתקן זיין. — ענדליך האט דער בעל שם צוגעשטימט. —

ער האט אנגעהויבען זיין נשמה מיט דער נשמה פון ש״צ מקשר זיין. — האט דער לעצטער געפרובט דעם בעל שם פערפיהרען. — האט איהם דער בעל שם א שטארקען שטויס פון זיך געגעבען, און יענער איז דערפון אין שאול תחתית פערפלויגען.

## קאפיטעל 5:

דער טויט פון בעל שם. — ער האט פאר'ן טויט שרעקליכע יסורים געליטען. — ער האט געזאגט צום מלאך המות, אז ער איז איהם די צוויי שעה, וואס ער האט נאך צו לעבען מוחל, אבי ער זאל איהם אויפהערען צו מאטערען. — ווען די נשמות, וואס נויטיגען זיך אין תיקון זייגען געוואהר געווארען, אז דער בעל שם שטארבט באלד, האבען זיי זיך א לאז געטהאן צום בעל שם, ער זאל זיי א תיקון געבען. — איין נשמה האט ער פון שטוב ארויסגעיאגט.

## קאפיטעל 6:

אויך נאך זיין טויט האט דער בעל שם ווי א לעבעדיגער מענש זיך אויפגעפיהרט. — ער פלעגט אפטמאל זיין הויז בעזוכען און מיט די בני בית פערברענגען. — ער פלעגט זיך אויך אפטמאל צו זיינע אנהענגער בעווייזען. — אפילו צו אזוינע, וואס האבען איהם ביים לעבען ניט געקענט. — ווען דער „רב“ איז געזעסען אין פעטערבורגער פעסטונג, איז צו איהם דער בעל שם צוזאמען מיט דעם מגיד געקומען.



Library
CONGREGATION SONS OF ISRAEL